STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04352

DER REGENBOYGEN

Der Tunkeler

Permanent preservation of this book was made possible
by Melvin & Judith Solomon
in memory of
Sam & Sophie Solomon and Harry & Pearl Mendell

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

טונקעלער.

דער
רעגענבויגען.

א זאמלונג שריפטען.

XXXXX פארלאג XXXXX

געזעלשאפט „צענטראל" ווארשע.

Druk. Piment Warszawa, Szerakowska 4.

ערשטער טייל

הומאָרעסקען און מאָנאָלאָגען

יאַ חתונה האָבען,

ניט חתונה האָבען.

(אנ״עצה)

איך האָב דערהערט אַ ציטערדיגען קלונג ביים טיר. די
דינסט האָט די טיר געעפענט. עמיצער איז אַריינגעקומען. איך
האָב געהערט, ווי זיין האַרט קאַפעליוש איז עטליכע מאָל אַראָפּגע-
פאַלען פון הענגער. ניט געוואָלט בשום אופן הענגען. זיין שטע-
קעל האָט זיך אויסגעגליטשט און געפאַלען מיט אַ מאוסן היל-
כיגען קלאַפּ. נאכדעם, ווען אַלעס האָט זיך באַרוהיגט, האָט זיך גע-
עפענט פאַמעליך די טיר און אין צימער איז אריינגעקומען אַ יונ-
אער מאַן מיט א פלאַטשיג ביינערדיגען לאַנג ניט קיין ראַזירט פנים,
אַ פלעיכעוואַטער, אין א ווייסען ניט גאָר זויבערן וועסט מיט פערל-
מוטערנע קנעפּלאַך, אין אָפּגעריבענע פאַסאָווע הויזען און אַנ׳אָב-
געטראָגענעם סורדוט מיט אָפּגעריבענע זיידענע לאַצען און אין א
האַ־טען קאלנער אויסגעקעהרט אויף דער לינקער זייט. ער
האָט זיך טיף פאַרנויגט און באַגריסט.

— זדראַסטי!

— זדראַסטי, מיט וואָס קען איך אייך דינען?

— איר קוקט מיך אָן — האָט ער געזאָגט — אומזיסט. איר וועט מיך ניט דערקענען. איר קענט מיך ניט. איך קען אייך. הי, הי, הי. ווי זאָגט מען: „פּאָפּאָ ווסיע זנאיוט א פּאָפּ ניקאָוואָ". ענטשולדיגט. וואס איך נעם ביי אייך צו א ביסעל צייט. נאר איך בין געקומען צו אייך וועגען זעהר אַ וויכטיגען ענין. איך בין געקומען מיט אייך זיך אנ'עצה האַלטען,

— דהיינו? וואָס פאַר אנ'עצה? זעצט זיך.

— עס איז כדאי צו וויסען אייער מיינונג וועגען חתונה האָבען. איר זענט דאָך אַ מענטש אַ קראַסנאָרעטשיווער מיט אַ פּראַקטיקע און דער עקר מיט אַזאַ פּסיכאָלאָגיע, ווייל איך איר זאָלט מיר קראַסנארעטשיווע דערקלערען: צי דאַרף אַזאַ מענטש, ווי איך חתונה האָבען, צי ניט? ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך מיר אַזוי אַ בחור צווישען די יאָרען 23 און 49 אַ כאָלאָסטיאַק. פאַרנעם זיך מיט דירות-מעקלעריי און אדוואָקאַטוריי. און דער עקר מיט שרייבעריי. ניט קיין ביכער מיט קיין קריטיקעס מיט קיין זשורנאלען, חלילה הגם ווען איך האָב צייט און באַשרייב מיין לעבען, וואָלט עס נאָך געווען אַ בעסערע קריטיקע ווי די קריטיקעס וואָס איר קריטיקירט. פון נאַטור און לעבען, נאָר וואָס דען? איך לערן מיידלאַך שרייבען. איך לערן זיי שרייבען פראַזעס, בריפענשטעלער, און דער עקר „פּאָטשעראָק" זיי זאָלען קראַסנאָרעטשיווע אויסשרייבען די האַנד. קיין גרויסע פרנסות איז דאָס ניט. נאָר פאַר אַ כאָלאָסטיאַק, אַ בחור איז עס גענוג. וויפיל דאַרף אַ מענש? קיין פאַרלעבער בין איך ניט. וואוין מיר אין איין צימער און עס וואָס עס מאַכט זיך. קיין פענסטער אין מגען איז ניטאָ. קיינער זעהט ניט. אין טאָמער פעלט מיר אַ מאָל אויס איז — אַדנאַ גאָלאָוואַ ניע בעדנאַ! נאָר חתונה האָבען האָב איך מורא. וואָרום אַ ווייב איז גאָר אַנ'אַנדער זאַך. אַ ווייב דאַרף מען געבען עסען. טאָ וואָס, אַ שטייגער, וועל איך איר געבען, ווען איך האָב אליין ניט וואָס צו עסען? און אַז אַ ווייב געהט אַרום אַ הונגעריגע אוז אהן שיך און האָט נאָך דערביי צייןוועהטאָג מוז זיין גאָר אַ פּאַסקודנע זאַך. דאַמאָלס מוז מען זיך גוט אונטערגאַרטלען און

זוכען פרנסה און אַקערן די ערד מיט דעם נאָז. וואָרום אַז עס איז ניטאָ קיין פרנסה, קומט דער דלות, אַז עס קומט דער דלות, איז ניטאָ קיין שלום-בית. און אָהן שלום בית איז אַ גיהנום. פרעג איך אייך איר זאָלט מיר זאָגען קורץ און דייטליך: האָב איך אַ מאָראַלנע רעכט חתונה האָבען, צי ניט? דאַכט זיך אַז ניט. אָיאַ ניט?

— איך מיין אויך, אַז איר האָט ניט קיין מאָראַלנע רעכט. קאָם זענט איר נאָך ניט פאַרזאָרגט מיט חיונה, ווי געהעריג איז, טאָרט איר ניט חתונה האָבען.

— ניט פאַרזאָרגט מיט חיונה, זאָגט איר. און ווען וועל איך ווערען פאַרזאָרגט מיט חיונה? פאַרוואָס בין איך ביז איצטער ניט פאַרזאָרגט מיט חיונה? וואו האָט איר געזעהן אַ בחור זאָל זיין פאַרזאָרגט מיט חיונה? אט אַז מען נעמט אַ ווייב און מען נעמט אויף זיך די אמתע הכבדה, ווערט מען גאָר אנ'אַנדער מענטש. מען ווערט ענערגיטשנע מען הויבט אָן אַרבייטען מיט מער חשק, ביז מען ווערט אַנ'עושר. וואָרום די לאָגיקע ווייזט: בחור-ווייס איז מען אַ קבצן. ווייסט איר פאַרוו ס? ווייל מען האָט קיין געלט ניט. אבער נאָך דער חתונה קריגט מען געלט. און אַז מען האָט געלט איז מען אַנ'עושר. ניט אזוי? און טאָמער חלילה האָט מען ניט קיין געלט און ניט קיין פרנסה, איז ממה נפשך: איז פאַראַן פרנסה איז מה טוב. אלא וואָס דען, די שעה זאָל ניט זיין עס וועט קיין פרנסה ניט זיין, איז—עט! עס וועט זיין! ווייל עס מוז זיין. ווי אין פסוק שטייט: „אדם ובהמה תשיע ד״—גאָט העלפט מאַן און ווייב... אַי, וואָס? טאָמער חלילה וועט קיין געלט פאָרט ניט זיין? האָב איך מיר דאָך דערפאַר אַ ווייב! און פון וואַנען איז געדרונגען, אז געלט אָהן אַ ווייב איז בעסער איידער אַ ווייב אָהן געלט? היינט וואָס איז ווערט, וואָס מען ווערט אַ שטיקעל מענטש אין און מען קריגט אוואַזשעניע ביי לייטען? מען הויבט מיך גאָר אָן צו „אירצען״. אזוי איז די טבע פון דער וועלט: אַ בחור איז „דו״ האָסט אַ ווייב ווערסטו שוין „איר״. איך האָב אַליין געהערט ווי אַנ'עלטערער איד האָט מיך געפרעגט: „זאָג מיר — זאָגט ער — יאָשע-בער (אַזוי הייס איך) „ביזטו״ נאָך אַ בחור אָדער „איר״ זענט שוין באַווייבט״. איר פאַרשטעהט? און דער שכל איז מהיב

אַז פֿאַר אַבאַוויבטען דאַרף מען האָבען דרך ארץ. ווייל ווער האָט פֿון אַ בחור הגאה? פֿון אַ באַוויבטען אָבער לעבען אַ וועלט מיט מענשען. אָט איר זענט דאָך אַ קראַסנאָרעטשיווער מענטש, ענטפֿערט מיר, אדרבה. אַ כלי־זמר איז אַ מענטש, צי ניט? איך פֿרעג אייך. אַ יאָ, מענטש? און אַ שדכן איז אויך אַ מענטש? און זיי דאַרפֿען לעבען? טאָ פֿאַרוואָס זאָל איך זיי ניט געבען צו פֿאַרדינען? איך האָב אָבער חתונה, הויבען אָן פֿון מיר צו לעבען אַ וועלט מיט מענטשען: אַ שדכן, אַ כלי־זמר, אַ בדכן, אַ סאַרווער אַ רב, אַ שמש, אַ מסדר קדושין, אין אַ יאָר אַרום, אי״ה: אַ הויבאם, אַנ׳אם אַ מוהל און ווער ניט? איך מיין, אַז ווען אַ מענש וויל האָבען אַ שטיקעל פֿאַטשאָט מיט סאַמאַלוביע, דאַרף ער נעמען און חתונה האָבען.

— איך מיין אויך אַזוי, אַז צוליב פֿאַטשאָט און סאַמאָליוביע דאַרף מען חתונה האָבען.

— איאָ אַזוי? נעמען און חתונה האָבען. איז אָבער די צרה וואָס מען קען דערנאָך שוין צוריק ניט כאַפּען. מען ווערט געפּענטעט מיט די פֿיס און מיט די הענד, מען ווערט איינגעוואָרצעלט מיט די פּאָטריכעס אין דער ערד אַריין, אַז מען קען שוין קיין תחית המתים ניט אויפֿשטעהן. פֿרעג איך אייך, איר זאָלט מיר ענטפֿערן קראַסנאָרעטשיווע: צו וואָס דאַרף איך דעם יאָך אויף זיך? אַז איך וויל ניט זיין קיין פֿאַרקויפֿטער מענטש. איך האָב ליב פֿריי׳הייט. סוואָבאָדע! וואָט געהט מיר אָפּ, אַז איך בין אַ פֿרייער פֿויגעל. האָב איך ניט וואָס צו עסען — הונגער איך. אָבער אַליין. האָב איך ניט וואו צו שלאָפֿען — געה איך אין הקדש אין „אַ נאָצשלעזשקע״ אָבער אַליין. אָבער אַז ביי דיר אויפֿן האַלז הענגט נאָך אַ באַשעפֿעניש און דאָס באַשעפֿעניש האָט אויך אַ דעה און האָט אויך אַ רצון און עס מאָנט, עס פֿאָדערט, דאַמאָלס איז גאָר אַ בישערע געשיכטע. אָבער גאָר אַביטערע. איך מיין, אַז אַזאַ מענטש, ווי איך, מיט מיין טאָטשקע זרעניע און מיט מיין סלאָבאָדע טאָר ניט חתונה האָבען. ווי מיינט איהר?

— איך מיין אויך, אַז איר, מיט אייער טאָטשקע זרעניע

און „סלאָבאָדע״ טאָרט נ י ט חתונה האָבען.

— סלאָבאָדע, זאָגט איר. און צופיל סלאָבאָדע מיינט איר איז גוט? און וואָס וועט זיין, אַז איך וועל מ ך אָנלויפען און אַנטאַנצען און אָנזינגען זיך, ווי אַ פויגעל — איז וואָס וועט זיין דערפון דער תכלית? נאָר דעם תכלית בין איך אייך מוחל. איר, אַלס אינטעלעגענטנער און קראַסנאָרעטשיווער מענטש, האַלט אפשר ניט שטאַרק פון תכלית, אָבער דער ציעל וואו איז, דער „טשעל קישיזשני״? פאַר וועמען לעב איך און צו וואָס לעב איך? ניט קיין דור, ניט קיין „פּאָקאָלעניע״ און ניט קיין „פּראָדאָלזשעניע טשעלאָוועטשעסקאַוואָ ראָדאַ״. איך ווייס ניט, איך בין קיינמאָל ניט געוועז קיין באַוויבטער, נאָר איך פאַרשטעה קראַסנאָרעטשיווע, אַז אַקינד מוז זיין זעהר אַ גוטע זאַך. וואָרום, אַז אַ קינד גיט אַ שפּיל, אַ לאַך, אַ גלעט, פאַרגעהען דאָך אַלע וועהטאָגען. מיך, ברוך השם, גלעט קיינער ניט, אַ חוץ—דעם פריזירער, ווען ער ראַזירט מיך. אַ באַוויבטער מענטש האָט ווער עס זאָל נאָך אים בענקען, עמיצער וואַרט אויף אים איך, אַז איך קום צופאָרען וואַרט אויף מיר—דער איזוואָזשיק... און אַז גאָט שיקט צו די אמתע טייערינקע קינדערלאַך, די מחיהדיגע, די ראזעווענקע, די שענינקע, און דו שפּילסט מיט זיי, און דו עטיפּסט מיט זיי און דו לעגסט זיך מיט זיי שלאָפען, און זיי טוליען זיך צו צו דיר, און דו שלאָפסט אַזוי זיס, אַ מחיה!.. דער קלאָהרער קאָפּ, דער גרויסער ישוב הדעת!.. וואָס דאַרפט איר מער. אָט נעמט למשל אַ סעמיינע קאַרטע. איז דען דאָ אויף דער וועלט אַ שענערע זאַך ווי אַ סעמיינע פאָטאָגראַפיע? איר קוקט זיך נאָר צו צו אַ סעמיינע, קאַרטע, אין איהר וועט זעהן דאָס גאַנצע גליק פון אַ פאַמיליען-לעבען: דער מאַן אינדערמיט, דאָס ווייב ביי דער זייט, די קינדער אַרום זיי, אַלע שיינען, ווי זיבען זינען; טאַקי ווי אין שיר המעלת שטעהט: אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתיך, בניך כשתילי זתים סביב לשלחניך. אשריך וטוב לך — אַזוי וואויל און אַזוי גוט איז צו דיר!.. פרעג איך אייך, איז ניט כדאי צוליב דעם אַליין חתונה האָבען? צוליב קינדער וועגען?

— געוויס, געוויס. דאַרף מען חתונה האָבען. קינדער זייז

אַ גרויסע זאַך.

— קינדער זאָגט איהר... המ... נאָר ווייסט איר, וואָס איך וועל אייך זאָגען, אַז קינדער איז אויך גוט מיט אַ מאָס. קענט איר מיר אָבער קאַווירען, אַז גאָט וועט מיר ניט בענטשען מיט אַ כּאַליאַסטרע פּיקערס, אַז ביים טיש וועט פון די לעפּעל אַליין ווערען אַ זאַווערוכע? קענט איר מיר ערב זיין, אַז מיין ווייב וועט ביי מיר ניט זיין יאָר איין יאָר אויס אויף דער צייט מיט אַ צווילינג אָדער אַדריילינג און אפשר טאַקי אַ פּירלינג? עס טרעפט. אָט האָב איך אַליין אַנוסטען געזעהן אין אַ זשורנאַל, ווי אַ פרוי האָט ערגעץ אין אַ דאָרף, אין אַוסטראַליע, געבוירען אַ פּ רלינג. פאַרוואָס זאָל עס מיט מיר ניט טרעפען?.. דאַרף איך עס האָבען אויף זיך דעם גאַנצען טאַראַראַם מיט באָבעס, הויב-אַמען, אַקושאַרינס, זייגעריגס, וויגעלאַך, וויקעלאַך און ווינדעלאַך... און וואָס איך טהון, אַז צווישען די קינדער וועט קיין איין זכר ניט זיין, נאָר דורכאויס מיידלאַך? און עס וועט שווינדלען און גריבלען די שטיב מיט מיידלאַך: „איך מיט אַ מיידעל, דאָס ווייב מיט אַ מיידעל, אַ מיידעל מיט אַ מיידעל און אַ מיידעל מיט נאָך אַ מיידעל און אַ מיידעל אַליין”... ועל כּלם די מאָזעלאַך מיט די פּאָקעלאַך מיט די ציין-שניידעניש, מיט די ציין-געשווירלאַך, מיט די זאַוואַלקעס, מיט די זובישצעס, מיט די שטייפע מעגעלאַך, מיט די לייזע מעגעלאַך. טפו! דאַרף איך דאָס האָבען די קאַטאָרגע אויף זיך. איך זאָל אַ נאַכט ניט קענען רוהיג איבערשלאָפען... עט, זאָל דאָס געהן ווי עס געהט. איך האָב נאָך צייט, ווי מיינט איר?

— איך מיין אויך, אַז איר האָט נאָך צייט חתונה צו האָבען.

— איאָ אַזוי? איך האָב נאָך צייט. איך וועל מיך? נאָך מישב זיין. חתונה האָבען איז זעהר אַנ׳ערנסטע זאַך. אַגאַנץ לעבען דאַרף מען זיך וועגען דעם מישב זיין... איז אָבער די קשיה, אַז אַ גאַנץ לעבען וועל איך זיך מישב זיין, טאָ ווען זשע וועל איך חתונה האָבען? און אגב וועלען דאָך די מיידלאַך זיך אויך אָנהויבען מישב זיין. און אַז די מיידלאַך וועלען זיך אָנהויבען מישב זיין, וועט זיין אַז אָך און וועה צו מיר! פאַרגעסט ניט, אַז איך בין

שוין אַ בחור אין די יאָרען צווישען 23 און 49. איצטער איז נאָך צודערליידען. איצט פֿרעגט מען נאָך ביי מיר: „יאָשע-בער, פֿאַרוואָס האָט איר ניט חתונה?" אָבער נאָך אַביסעל וועט מען שוין ביי מיר פֿרעגען: „יאָשע-בער, פֿאַרוואָס האָט איר ניט חתונה געהאַט?" דאַמאָלס איז גאָר פּאַסקודנע, אָבער טאַקי גאָר פּאַסקודנע!... וואָרום ווען, אַשטייגער, וועל איך דאַמאָלס נעמען? אַן אַלטע? — וועט זי הוסטען און איך ניט. אַ יונגע? — וועל איך הוסטען און זי ניט. אַ כּלל זאָלט איר האָבען, אַז אַ פּאָרפֿאָלק האָט ליב, אַז ביידע זאָלען גלייך הוסטען. אַניט פֿעלט די „גאַרמאָניע" פֿון פֿאַמיליען-לעבען, עס פֿעלט די „פּראָפּאָרציע" און, אַז עס וועלען נאָך זיין קינדער אפילו וועל איך ניט האָבען קיין כּח צו געבען זיי די ריכטיגע ערציהונג... איר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגען, אַזאַ געזונד מיר, ווי גערעכט עס זענען געווען אונזערע חכמים, ווען זיי האָבען געזאָגט: עד עשרים שנה — ביז צוואַנציג יאָר יושב הקדוש ברוך הוא—זיצט דער רבונו של עולם, ומצפּה לאדם—און וואַרט צו דעם מענטשען: מתי ישא אשה — ווען וועט ער שוין נעמען אַ ווייב. כּון שהגיע — וויבאַלד עס איז געקומען די צייט ולא נשא — און ער האָט קיין ווייב ניט גענומען, הקדוש ברוך הוא אומר — זאָגט דער רבונו של עולם: תפּח עצמותיו? — אַ קרענק אים אין די ביינער... איך מיין, אַז עס איז ניטאָ וואָס צו וואַרטען. טאַקי חתונה האָבען און טאַקי דערלעבען אַ דור און טאַקי האָבען קינדערלאַך און אייניקלאַך. זיין אַ טאַטע, אַ זיידע, אַן עלטער זיידע... וואָרום ווי האָט איינער אַמאָל געזאָגט: עס איז ניטאָ קיין גרעסער גליק פֿאַר אַ מענטשען אויף דער עלטער, ווי ווען ער קען זאָגען צו זיין טאָכטער: "טאָכטער-לעבען, זאָג דיין טאָכטער, אַז זי זאָל זאָגען איר טאָכטער אַז איר טאָכטערס טאָכטער וויינט„ און איך מישטיינסגעזאָגט, וואָס איז מיין לעבען און וואָס וועל איך דערלעבען אויף דערעלטער? עט, מען דאַרף נעמען און חתונה האָבען און פּטור אַן עסק. ווי מיינט איהר?

— איך מיין אויך, אַז מען דאַרף נעמען און חתונה האָבען. און אַ סוף זאָל עס נעמען!

— „אַ סוף זאָל עס נעמען". אייך איז גרינג אָפּצוזאָגען.

און דאגת הפרנסה האָט איר פֿערגעסען. און צער גדול בנים האָט איר פֿאַרגעסען, און אַ ווייב אַ צרה האָט איר פֿאַרגעסען, וואָרום וואָס איז דען אַ ווייב אויב ניט אַ צרה אין טעגליכע פֿאָרזעצונ־גען? און שלאָפֿלאָזע נעכט, און קאָפּדרעהעניש, און האַרצוועהטאָג, און שרעק, אין פרעניות, און קרענק, און פּאָקעלאַך, און מאַזעַ־לאַך, און זאַוואַלקעס, און זובישצעס, און שטייפֿע מעגעלאַך, און לייזע מעגעלאַך. און דינסטען און קיכען מיט סאָלדאַטען מיט ירידען און האַראַמידערס... צו וואָס דאַרף איך עס? און צו וואָס דאַרפֿט איהר עס? עס איז אייך דאָס לעבען נמאס געוואָרען? וואָס אַרט אייך, אַז איך בין אַ בחור? וואָס געהט אייך אָפּ? עס געהט אייך אין לעבען, געהט אייך, איך זאָל חתונה האָבען?... אַ כפּרה, איך האָב ניט חתונה און פטור! ווי מיינט איר מיט אייער קראַסנאָרעטשווע לאָגיקע?

איך מיין אַזוי: מען נעמט און מען האָט ניט־חתונה— — „ניט חתונה האָבען“. איז אָבער אַ צרה, וואָס טהוט מען מיט דאָס עלענדקייט? האָט איר דען אַ „פּאָניאַטיע“ ווי אַ בחור איז עלענד? „אַליין זאָלסטו עסען דיין ברויט!‘— איז דען דאָ אַ גרעסער קללה אויף דער וועלט? כל השרוי בלא אשה שרוי בלא ברכה — ווער עס לעבט אָהן אַ ווייב, ווייס ניט, וואָס ער לעבט אויף דער וועלט, איצט איז נאָך אַ האַלבע צרה, איצט איז מען נאָך יונג, קראַסנאָרעטשיווע, און מען קען נאָך פֿאַרברענגען מיט געזעלשאַפֿט, אָבער נאָך אַביסעל וועט מען דאָך מיך אויפֿן שוועל ניט אַרויפֿלאָזען. עס וועט דאָך ניט זיין ווער זאָל מיר אַביסעל וואַסער דערלאַנגען, ווער עס זאָל מיר אַ האַרציצניק צולעגען. איך מיין, אַז צוליב דעם אַליין דאַרף אַ מענש נעמען אַ ווייב. וואָרום אַ ווייב איז דאָך דער שבת קודש פֿון מאַן. אַ ווייב איז אַ חבר, אַ ווייב איז אַ טאָוואַרישץ, וואָס טיילט זיך מיט דיר אי פֿריידען אי ליידען, הן אין גוטע אָבסטאַיאַטעלסטוועס הן אין שלעכטע אָבסטאַיאַטעלסטוועס. אַ ווייב איז אַ מאַמע, אַ שוועסטער. אַ עקאָנאָמקע, אַ שפּאַס פּאָליטישעסקע עקאָנאָמיע! זי פֿאַרצי־רוועט אייך אַ זאָק. גיט אייך וועש אין באָד אַריין, איר קריגט אַ רעמאַטיזם, שמירט זי אייך אויס מיט רעמאַטיזנעם עסיג; איר קריגט

אַ געשוויר, לעגט זי אייך צו אַ האָניג-טייגעל; איר קריגט בויך-וועהטאָג, לעגט זי אייך צו אַ הייסען קאָמפּרעס; איר באַקומט שטעכעניש אין די זייטען, לעגט זי אייך צו אַ האַרציאַניק; איר גיט אַ ניס, זאָגט זי אייך „צו געזונד״ און גיט אייך אַ ציה פאַר'ן אויער און זאָגט „לשועתך קויתי״... און אַז גאָט העלפט, דאָס ווייב איז געבענטשט מיט משפחה, בין איך דאָך שוין גאָרניט עלענד. די משפחה חלשט נאָך מיר; אַלע שלינגען מיינע טריט און יעדער ברענגט מיר מתנות. קודם כל די דרשה-געשאַנק: די שענע לעפעלאַך מיט די טייערע גאָפּעלאַך, היינט אַ „בודילניק״! אַ גאַנץ יאָר —גלאַט מתנות: פורים — שלח-מנות פסח—אַביסעלע חרסת, הושענה רבה—פאַרזאָרגט מען מיך מיט אַ הושענה, שבועות—מיט אַ פוטערפלעצעל. ביי דעם אַ שמחה, ביי דעם אַ קנס-מאָל, ביי דעם אַ ברית, לויטער שמחות. ביי דעם האָט זיך די קוה אָפּגעקעלבט ברענגט מען מיר אַביסעלע זויער מילך. אַ פרישען קריגעלע, דער פרעגעלט געגנז. ברענגט מען מיר אַ ביסעלע גריווען צו פאַרזוכען, אַ לעבערל, אַ פּופּיקל, אַ העלזעלע, אַ פליגעלע, אַ ביסעלע געניזענשמאַלץ. אַז מען שמועסט, מען האַלט אין איין טראָגען. און די משפחה האָט קרובים... און די קרובים האָבען נאָך קרובים און די קרובים האָבען מקורבים און די מקורבים האָבען מקורבים'לאַך, און די מקורבים'לאַך האָבען נאָך מקורבים'לאַך און די מקו——

— האָט חתונה!... איר מוזט חתונה האָבען!... נאָר חתונה האָבען!...

— „נאָר חתונה האָבען״... אַבי איר האָט נאָר דערהערט פון אַ פּופּיקעל און אַ לעבעריל און פון אַ משפחה פון דער ווייבס צד, איז שוין ביי אייך: „האָב חתונה!״ און מיט וואָס קענט איר מיר קאווירען, אַז מיין שווער וועט צו מיר ניט קומען צו פאָרען פלוצלונג מיט אַ ראָק אין האַלז? און וועט זיך צולעגען קרענקען ווי אַ גראַף אין מיין בעט? און איך זאָל דאַרפען מאַכען קאָנסיליאומס? און מיט וואָס קענט איר מיר ערב זיין, אַז עס וועט ניט קומען צו מיר צופאָרען עפּעס אַ נומע פון דער ווייבס צד אָדער אַזוי אַן אָרימע קרובה און וועט ביי מיר געלעגען ווערען?... און מיט וואָס קענט איר מיר ערב זיין, אַז עס וועט ניט אין אַ שע-

נעם פרימאָרגען אָנפּאָרען מיין ווייבס אַ גלידשוועסטער קינד אַ מיידעל, וואָס וועט קומען, איך זאָל איר חתונה מאַכען? און ועל כלם — אַ שוויגער! —אַ מכה מיט אַ בלאָטער! אויף דעם האָט איר גאָר פערגעסען. עפּעס מוז דאָך דאָס באמת זיין אַ שרעקליכע באַשעפעניש, אַ שוויגער, וואָס די גאַנצע וועלט האָט דערפאַר אימת מות. קענט איר מיר אויף דעם אַלעמען ערב זיין? ניין? טאָ וואָס פאַר אַ רעכט האָט איר מיר צו הייסען חתונה האָבען?

— טאָ האָט נים חתונה!

— ניט חתונה האָבען? זאָל איך גיין פּראָטיוו זאַקאָנאַ פּרי־ראָדיי? און דאָס, וואָס איך האָב ניט קיין היים און וואס איך האָב ניט קיין שבת און קיין יום טוב? און וואָס איך האָב ניט וואָהין אַריינצוגעהן? און וואָס איך לעב, ווי אַ הונד, און וועל שטאַרבען ערגעץ הינטער אַ פּלייט? און דער תכלית וואו איז? מיין איך, דער „ציעל ק׳זשיזני״? און ווי זיצט עס גלאַט אַ מענש אָהן אַ ווייב? וואָס עפּעס ווילט איר, איך זאָל געהן „פּראָטיוו זאַקאָנא פּריראָדי״? בין איך דען ניט קיין בשר ודם, אַ מענש, ווי אַלע מענשען? אלמאי זאָל איך זיין קליגער פון דער גאַנצער וועלט? ווייס איך· נאָ טשטאָ מניע פיזיקאַ! מען דאַרף חתונה האָבען און נעמען אַ ווייב. אין חאָדיע!

— איך מיין אויך אַזוי: מען האָט חתונה און מען נעמט אַ ווייב. אין האָדיע!

—אַ ווייב?... מיט ניין מאָס רעד?... זי זאָל מיר פּיקען אין קאָפּ און שיטען פון אַלעכערדיגען זאַק! און מאָהלען ווי אַ מיהל און נאָך אפשר שעלטען זיך אויך. איך ווייס ניט, איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין באַווייבטער, נאָר איך פאַרשטעה עס קראַסנאָרעטשיווע, אַז אַ ווייב צורעדט זיך מוז שוין זיין איינמאָל אַנ׳אימגליק. עס שלאָגט אייך צום גאַל און עס רעדט, עס שלאָגט אייך צום חלשן און עס רעדט, איהר פּיהלט, אַז איהר עקט זיך, און עס רעדט, און עס רעדט, און עס רעדט, און עס רע— — — —

—האָט ניט חתונה!...

—און אפשר וועט זי אַנטשוויגען ווערען! אַ מענש איז דאָך ניט קיין מאשינע. זי וועט זיך אָנריידען און וועט אַנטשוויגען ווערען,

— טאָ האָט יאָ חתונה!

— און אַז אַ ווייב ווערט אַנטשוויגען, מיינט איר, איז שוין גאָר גוט? איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין באַווייבטער, נאָר פערשטעהן פאַרשטעה איך, אַז אַ ווייב ווערט אַנטשוויגען, איז נאָך ערגער. דאַמאָלס ווילט זיך, אַז זי זאָל רעדען. זאָל מען כאָטש הערען אַ מענשליכען קול. זאָל זי רעדען. זאָל זי כאָטש שעלטען. וועמען אַהרט עס? זאָל זי!..

— טאָ האָט יאָ חתונה.

— און וואָס וועל איך טהון, אַז זי וועט מיר פיינט האָבען ווי אַ שפין און וועט מיר פאַרשאַפען בזיונות מיט לייטישע געלעכ־טער? און איך וועל ביי איר ליגען ניין איילען אין דר'ערד? און עס וועט זיין; ווי מען זינגט אין טעאטער: „א ווייב פאר יענעם און פאר דיר א גיהנום"?

— טאָ האָט ניט חתונה!

— און אפשר וועט זי מיך ליבען?

— טאָ האָט יאָ חתונה!

— און אַז אַ ווייב האָט ליב, מיינט איר, איז שוין גאָר גוט? איך ווייס ניט, איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין באַווייבטער, נאָר מיר דאכט. אַז עס איז ניטאָ קיין ערגערע זאַך אויף דער וועלט, ווי אַז אַ ווייב ליבט דיר זעהר שטאַרק און זי איז מיט דיר אהבת נפש און לאָזט דיך פון איר ניט און פאַדעט ארום דיר, ווי אַ קאַץ און קוקט דיר אין מויל, ווי דאָרטען וואָלט געווען אַ אילוזיאָן.

— האָט ניט חתונה! וואָס ווילט איר פון מיר? האָט ניט חתונה!

— אין די עלענדקייט האָט איר פארגעסען? און די עלטער? אַז איך וועל ווערען אלט און קראַנק, קראַנק און עלענד, עלענד און עובר־בטל, עובר־בטל און שוואַך, שוואַך און אָפּגעלאָזען?

— האָט יאָ חתונה! איר הערט וואָס מען זאָגט אייך? האָט חתונה!

— און פּאַקעלאַך און מאַזעלאַך? און אַ שוויגער און לייזע מעגעלאַך און שטייפע מעגעלאַך—

— האָט ניט חתונה. ניט! איר זאָלט ניט חתונה האָבען און אַ סוף זאָל דאָס נעמען!

— און אַ חיים? און אַ תכלית? און „אַ ציעל ק׳זשיזני״? און „פראָדאָלזשעניע טשעלאָוועטשעסקאוואָ ראָדאַ? און א הארציצניק צולעגען?

— האָט י אָ חתונה!

— און...

— האָט נ י ט חתונה!... האָט י אָ חתונה!... האָט י אָ חתונה!.. האָט נ י ט חתונה! י אָ — נ י ט!.. נ י ט — י אָ!.. — — —

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

דער כח הדם האָט מיר געגעבען אַ שלאָג אַריי אין מח. עס האָט מיך אויפגעריסען, ווי אַ באָמבע און האָב דעם אַרשוין אָנגעכאַפּט ביי די לאַצען געטרייסעלט ווי א לולב און געשריהעניט מיט מיין קול:

— האָט חתונה!! איר הערט וואָס מען זאָגט אייך?! ממזר! באַנדיט! חתונה זאָלסטו מיר האָבען! די מינוט זאָלסטו מיר חתונה האָבען! ווארום איך וועל דיר!... חתונה! חתונה! חתונה זאָלסטו האָבען! ח—תו—נה!.. ח—תו—נה!..

אויף מיין געשריי איז אָנגעלאָפען מיין ווייב, און האָט מיך קוים פון אים אָפּגעריסען. איך בין אַנידערגעפאַלען אויפן שטול במעט אָהן חושים. די הענד האָבען מיר געטרייסעלט, און איך האָב קוים געקענט כאַפען דעם אָטעם.

מיין פארשוין האָט זיך געבראָכט אין אָרדענונג. זיך פאַרנויגט, געריבען די הענט און געזאָגט.

— הייסט עס, האָב איך פון אייך היינט קיין ריכטיגע ריכטיגע עצה ניט באַקומען. איך זעה איר זענט טאַקי אַ מענש אַ קראסנאָרעטשיוועי באַר אַ ביסעל אַ ספּיצליווער. האָט זשע מיר אַ גוטען תמיד, אַדיע.

אין פּאַטאָגראַפיע.

I.

ביי׳ם אַדוואָקאַט.

איך האָב איהם דעם קאָפּ צושפּאָלטען, דעם מוח גיזיפּלעט, די מאַשינע צובראָכען? געוויס. ווער קען דאָס לייקענען? נאָר אַז איך הויב מיך אָן צו דערמאָהנען אויף דער גאַנצער מעשה, ווי אַזוי דאָס איז געווען,— מיין איך, אַז דאָס איז אַ חלום; וואָ־ום ווי קום איך גאָר אויפצוהויבען אַ האַנד אויף יענעם, אַז איך טשע־פּע גאָרנישט קיין פליג אויפ׳ן וואַנד. און אַז איך דערזעה בלוט, ווער איך אַ פּערציטערטער. ווי־זשע איז עס געשעהן, פרעגט איהר? אסור אויב איך ווייס. אַ בייזע שעה איז דאָס געווען, אַ פּערזוהעניש, אַ פּערבלענדעניש אדער אַ קליפּה, ר״ל, האָט זיך אין מיר אַריינגעזאַפּט, נישט אַנדערש. אַז איך ווייס גאָרנישט, פאַניע אַדוואָקאַט, וואָס איך זאָל טענה׳ען אין סוד און מיט וואָס איהר קענט מיך פּערענטפערן. אַדרבה, לאָמיר זיך גוט איינטראַכטען אין דעם ענין, ווי אַזוי איז דאָס פּאָרגעקומען. טאָמער וועט איהר פּאָרט געפינען אַ שטיקעל זכות. איך ווייס? איהר זענט דאָך אויף דעם אַ אַדוואָקאַט! טאָ הערט מיך טאַקי אויס. איך וועל אייך אויסדער־צעהלען אַלץ „פּאָדראָבנע".

געשען איז עס, ווי איהר ווייסט שוין, אום היינטיגען חול־המועד פּסח. נו, אַ פּסח! אַז עס איז בעשערט אַ פֿערשטערעניש, איז דאָך נישט שייך. טאָמער וואָלט איך אום יום־טוב זיך אַ ביסעל אויסגערוהט. וואָרום, עס פּאַסט צו זאָגען, אַ גאַנץ יאָהר איז מען דאָך ווי אַ רשע אין גיהנום, פֿערהאַוועט, צוטראָגען. מען וואַרט אויף יום־טוב ווי אַ גוטער איד אויף משיח'ן. היינט ביז וואַנען מען טראָגט איהם דעם פּסח אין שטוב אַריין, ווערט מען דאָך גוט פֿערשוואַרצט און אויסגעריסען, האַפּט מען, וואַרט מען: דער יום־טוב וועט קומען, וועט מען די ביינער צונויפֿקלייבען, צו־זיך קומען, דעם אָטעם אָבכאַפּען... און וואָס טוט גאָט? בעשאַפֿט ער אַ פּאָטאָגראַפֿיע מיט אַ פּאָטאָגראַפֿטשיק, מיט ספּאַקטיוועס, מיט קאַרטעס, מיט מאַשינעס, מיט פּאָטרעטשיקעס און מיט אַלע איבעריגע אָנשיקעניש... ... וועט איהר דאָך פֿרעגען: וואָס האָט דאָס נ.פ.ו מיר צו טון? האָב איך אָבער אַ ווייב, זאָל געזונד זיין, מיט טעכטער, מיט אַ זוהן אין אַמעריקאַ, וואָס שיקט מיר אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג זיינע קאַרטעס, אָדער ווי ער רופֿט עס דאָרטען אין אַמעריקאַ—פּיקטשעס, און וויל נישט אַנדערש, אַז איך זאָל איהם אויך מיינס אַ פּיקטשע שיקען; איז טוען זיי אַלע און טאָטשען מיר און גריזשען און טרעגען מיר די אָדערען, איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל, איך זאָל געהן צום פּאָטאָגראַפֿטשיק און אַראָבנעהמען זיך אויף אַ קאַרטע.

מילא, פֿון פֿרומקייט איז דאָך שוין אָבגערעדט. ווער קוקט היינט אויף דעם? אַמאָל, געוועהנטליך, איז אָבפּאָטאָגראַפֿירען זיך געוועזען ווי האַלב גע'שמד'ט, נאָך ערגער ווי גע'שמד'ט. און אַזאַ יאָהר מיר, ווי זיי זענען געוועזען גערעכט, וואָרום זיי האָבען גאַנץ גוט געוואוסט, אַז קיין גוטס וועט דערפֿון נישט אַרויס. והראיה, איהר זעהט דאָך, דאַרף איך האָבען צו טון מיט אַדוואָקאַטען, סוד'ען און משפּט'ען זיך און פֿערשוואַרט ווערען, און ווער ווייס, צי איך וועל אין אָסטראָג נישט זיצען? מעהר פּאַסט שוין גאָרנישט צו די עלטערע יאָהרען, — אין אַלץ איבער דער פֿערשאָלטענער פּאָטאָגראַפֿיע.

מילא, האָבען זיי, הייסט דאָס, די ווייב און די קינדער ביי

מיר געפּועל'ט. איז ווען אַ שטייגער, געהט מען אין פאָטאָגראַפיע אַריין? עס פערשטעהט זיך, אַז נישט אין מיטען יאָהר און נישט אין אַ מיטען אַ מיטוואָך. על־פּי־פּנים. בין איך דאָך נישט חסר דעה, אָדער ח"ו פון זינען געריהרט, אַז איך זאָל מיר אין מיטען וואָך געהן אויסטראָנצלען און אויספּוצען זיך אין בגדי שבת ויום־טוב און לאָזען זיך איבער'ן שטעדטעל אויף אַלעמענס בייז וואונדער. איהר פערשטעהט דאָך, וואָס פאַר אַ פּנים, אַ שטייגער, איך וואָלט האָבען בּיי לייטען און ביי זיך אַליין. און ווער רעדט, אום שבת, וועל איך דאָך אַודאי נישט געהן. על־כּל־פּנים איז דאָך נאָך אַזוי ווייט נישט געקומען, אַז איך זאָל צוליב דעם מחלל־שבת זיין. אַז נישט דערהערן וועט דער פאָטאָגראַפטשיק מיט דער פאָטאָגראַפיע אינאיינעם!

האָבען מיר, הייסט דאָס, אָפּגעלעגט דאָס אַראָבנעהמען זיך אויף חול־המועד פּסח. ראשית איז דער יום־טוב אום חול־המועד אַ ביסעל וואָכעדיג, אָנגעטון איז מען יום־טוב'דיג. דער קאָפּ איז, ווי זאָגט איהר, אויך רוהיגער, מעהר אויפגעלעגט פאַר אַזעלכע שטות'ערייען... געהען מיר. געקומען אין פאָטאָגראַפיע אַריין, פיהרט מען מיך אין אַ הייזעל פון דורכאויס פענסטער, פערהאַנגען מיט אַלערליי פאַרהאַנקעס; היינט מאַשינעס מיט פּרושינעס, מיט אַלערליי דאָרטען מכשירים. ער, דער פאָטאָגראַפטשיק, זעצט מיך אַוועק אויף אַ שטוהל, די פּאַטילניצע מיינע פערדוקט ער הינטער אַזאַ מין סאָרט אייזערנע מאַכערייקע... איך בין נישט פויל און גיב איהם טאַקי באַלד אויפ'ן אָרט אַ פרעג: זאָגט מיר, זאָג איך, כּאַני פאָטאָגראַפטשיק, וועט דאָס טאַקי שטאַרק וועה טון? און וואָס פאַר אַ וועהטאָג אַנ'ערך דאָס וועט זיין? צי, למשל, ווי מען גיט אַ שטאָך מיט אַ נאָדעל, אָדער, ר"ל, ווי מען רייסט אַרויס אַ צאָהן? ניש'קשה— זאָג איך איהם — איהר מעגט מיר זאָגען דעם גאַנצען אמת. איך האָב מיר שוין איינמאָל געמאַכט אַ האַרץ. עלעהיי, זאָג איך, זאָל דולפטען—אַ רעפּעראַציע. ענטפערט ער מיר: גאָרנישט מיט גאָרנישט. נאָר באַלד גלייב איך איהם, אַז דער שכל איז מחייב, אַז עס מוז וועה טאָן. דען ווי באַלד דער כּח פון פּנים ווערט אָפּגעקלאַפּט אויף אַ גלאָז, וואָס האָט אַ מאַגנעט און עס ווערט דערפון אַ „טיען“ און פון דעם „טיען“ ווערט דערנאָך אַ קאַרטע,—טאָ מוז דאָך דאָס

חעה טון?—האַ? וואָס זאָגט איהר, נישט אַזוי?

מילא, זיך איך אין געהאַקטע וואונדען, און ער, דער פּאָטאָ־גראַפטשיק, לויפט און שפּרינגט אַרום מיר ווי אַ פער׳סמ׳טע מויז; שמייעט מיט אַ שטעקען אין האַנד, פערקאַטשעט אַ פאַרהאַנקע אַרויף, אַ פאַרהאַנקע אַראָב און אין מיטען ווערט ער גאָר נעלם און באַהאַלט זיך הינטער אַ קאָלדרע, פּונקט ווי ער וואָלט מיט מיר שפּי־לען אין בעהעלטעניש; קוקט אויף מיר פון אַ שפּאַקטיוו. און ווידער אַמאָל געלאָפּען, געשמייעט, געטאַנצט און געסאָפּעט און אַלץ עפּעס אַזעלכע אָנגעשוואָלענע, אָנגעדראָלענע דבורים און שפּרונג־ווערטער אַזוינע, וואָס מען דאַרף האָבען אַ קאָפּ פון אַ דייטשע זיי צו געדענ־קען: „יעסטעסטווענע—שרייט ער— יעכטעסטוועגע! פּאָזשאַלעסטווע יעסטעסטוועגע! גלאַוונאָיע אין אַ פאָטאָגראַפּיע — זאָגט ער — דאַרף מען זיצען יעסטעסטוועגע!” איהר ווייסטאַפּשר, פּאַניע אַדוואָקאַט, וואָס הייסט עס זיצען יעסטעסטוועגע? איך ווייס, ווי מען זיצט אויף טערקיש — די פיס אונטער זיך. אָבער וואָס הייסט עס זיצען יעסטעסטוועגע? און פרעגען איז דאָך נישט שייך, וואָרום ריידען איז חיות נישט זיכער! און ער שרייט נאָך אַלץ יעסטעס־טוועגע און יעסטעסטוועגע!.. וואָט טאַק!... וואָט טאַק!... דעם קאָפּ אויף אַ זייט... אָט אַזוי, אָט אַזוי... נאָך אַ ביסעל, נאָך אַ ביסעל... די האַלז ציהט אויס.. נאָך... נאָך... וואָט טאַק... יעסטעס־טוועגע...

—איצט—זאָגט ער—מאַכט אַ פרעהליכע ווירזשעניע... שמיי־כעלט... שמייכעלט... ס׳איז גרינג צו זאָגען שמייכעלט, אַז מיר איז אַ מינוט צו חלש׳ען און אַ שמעק טאַבאַק ווילט זיך—אַז איך שטאַרב. נור אַ ברירה האָב איך? און איך שמייכעל, פּונקט ווי די גאַנצע וועלט איז מיר ליב און מיין לעבען איז מיר זיס ווי אַ פאַטעקע־האָניג. געפעלט איהם ווייטער נישט, ניין—זאָגט ער— סעריאָזנע!... אַ סעריאָזנע ווירזשעניע האָט מעהר „וויד”... די ברעמען הויבט אויף... העכער, העכער... אָ, אָ, אָט אַזוי!... עס וואָלט געווען גוט, זאָגט ער, ווען איהר מאַכט נאָך אַ פאָר קניי־טשען אויפ׳ן שטערען... אָ, קנייטשען—זאָג איך— קען איך אייך מאַכען וויפיל איהר ווילט נאָר אַליין. אויף קנייטשען דעם

דעם שטערען — זאג איך — בין איך גאר א גרויסער מאדים... אלא וואס דען? דער נאז געפעלט איהם נישט. מיין נאז — זאגט ער — איז צו גרויס. עס האט נישט די ריכטיגע פאנאראמע... איהר פערשטעהט? ביז אהער האב איך געמיינט, אז א נאז קאן האבען א בראדאווקע, א הויקער א זומער־שפּינגעל וכדומה. אבער א נאז מיט א פאנאראמע — דאס הער איך דאס ערשטע מאל... פרובט — זאגט ער — דעם נאז א ביסעל אריינשלעפען אין זיך... אטהעמט צו זיך, אין זיך... שמעקט... שמעקט... שטארקער... א, א, א!... און איך אטהעם, און דישע, און שמעק און הער אויפ'ן קיך פרעגעלט זיך פסח'דיגע חרעמזלעך, פאלידטשיקעס... ניין — זאגט ער — די נאז ווערט נישט קלענער. כ'וועל מוזען אויף איהם אוועקלעגען א רעטוש... וואס איז דאס אזוינס א רעטוש? גאס אזוינס קלייבט ער זיך ארויפלעגען ביי מיר אויפ'ן נאז? — ווייס איך נישט. נאר פערשטעהן, פערשטעה איך, אז מיט מיין נאז האלט ער נישט פרעהליך. און אין הארצען גיב איך א נדר, אז ווען איך וועל אי"ה פון זיינע הענד ארויס בשלום מיט א גאנ־צען נאז, — וועל איך גומל בענשען.

נו, איצט, זאגט ער, קוקט אהער!... קוקט אויף מיין שטערען, ווינאוואט, קוקט אויף מיין פינגער, קוקט אויף דער טאטשקע זרעניע... די ליפען, די ליפען בענעצט! זיי זענען ביי אייך, פערטריקענט געווארען, בענעצט זיי מיט'ן צונג. איצט שטעקט ארויס די צונג, ווינאוואט, מיין איך דעם קאלנער. נישט פינטעלט מיט די אויגען. נישט אטהעמט, נישט געניצט... שט... איין מינוט... איך צעהל... איינס... צוויי... דריי... פיער...

דא האט מיר מיין געדולד געפלאצט. דער כח הדם האט מיר א זעץ געטהון און קאפ. איך האב פערלוירען דעם שכל דעם ישוב הדעת מיט הכל בכל. האב געכאפט די מאשינע און גלייך איהם איבער'ן קאפ, טראך און טראך!... דעם קאפ איהם געשפאלטען, דעם מח געפלעט... דאס קען קיינער נים לייקענען. אבער ווייטער וואס? וואס טהוט מען פאניע אדוואקאט? גיט אנ'עצה!

II.

ביים דאָקטאָר.

יאָ, יאָ... אַזוי ווי איהר זעהט, הערר דאָקטאָר, בּין איך קראַנק... איך הער ווי די כּוחות געהן מיר אויס... איך פֿערגעה ווי אַ ליכט... אַך — נאָ — נאָ... איך בּין אַלט, געוויס. 78 יאָהר איז נישט קיין קלייניגקייט, אָבער נישט צו פֿערזינדיגען, געפֿיהלט זיך מעשה-מענש, געווען לייטען גלייך... אַ תּענית, אָבפֿאַסטען אַ שבעה-עשר-בּתמוז'דיגען טאָג איז בּיי מיר געווען פֿון די קלייניג-קייטען; אַ יום-כּפּור'דיגען מעת-לעת אָבשטעהן אויף די פֿיס אין שוהל — פֿלעגט מיר נישט אָנהויבען צו אַרען. נאָר דאָ, פֿון היינטיגען חול-המועד-פּסח אָן, בּין איך, לא עליכם, אויס מענש געוואָרען. אָך-כאָ-כאָ... אַראָבגעפֿאָהרען צראָב און אַראָב... קוים וואָס איך געה דורך דאָס געסיל אין בּית-המדרש אַריין... פֿון טאָג צו טאָג ווער איך שוואַכער, קראַנקער. נעהנטער אַהין... אַהין...

און זאָגען: דאָס פּסח-דיגע עסען האָט מיר פֿערשאַדט? — ניין, אַדרבה, פּסח'דיגעס עסען איז מיר דוקא ניחא. און מצה האָב איך גראַדע ליב. מעהר נישט די „זאָשלעס” אַ בּיסעל צדשטאָ-כען; קיין צאָהן אין מויל, נישט פֿאַר אייך געדאַכט... אָבער לולא

זאַת — נישט צו פֿאַרזינדיגען... וואָרום אַז איך כאַפּ אַנ׳איבעריגען ביסען, ווייס איך שוין וואָס און וואו און ווען... אָט ווייס איך, למשל, אַז זונטאָג בעדאַרף איך שוין נישט עסען, ווייל דער שבת׳דיגער טשאָלענט ליגט נאָך מיר אין מאָגען — עס איז נישט... מאָנטאָג בין איך מיר שוין ווידער אַ מענש...

ניין, הערר דאָקטאָר, מיין קראַנקהייט נעהמט זיך גאָר פֿון אַנ׳אַנדער זאַך, גאָר פֿון אַנ׳אַנדער זאַך... איך ווייס, איהר ווערט אפשר לאַכען. ביי אייך אין דאָקטאָריע לערנט מען נישט פֿון אַזעלכע זאַכ׳ן... ביי מיר אָבער איז דאָס קלאָר, קלאָר ווי דער ליכטיגער טאָג, איך ווייס, פֿון וואַנען דאָס נעהמט זיך און פֿון וואַנען דאָס קומט מיר... פֿון דער פֿערשאָלטענער פֿאָטאָגראַפֿיע, הערר דאָקטאָר... די פֿאָטאָגראַפֿיע איז מיין מלאך המות. יאָ...

וואָס הייסט? פשוט, געוועזן אין פֿאָטאָגראַפֿיע, אַראָפּגענומען זיך אויף אַ קאַרטע, געקומען אַהיים און דערפֿיהלט, אַז איך בין שוין נישט דאָס... פֿע... אָבער גאָר נישט דאָס... פֿערשאַדט...

— ווי אַזוי פֿערשאַדט? הע-ע, פּאַני דאָקטאָר, איהר ווילט אַ שכל, ביי אייך איז דאָך אַלץ על פּי שכל: אַ כח, אַ נאַטור-זאַך, אַ מאַגנעט, עלעקטרע...

ניין, הערר דאָקטאָר, פֿאַראַן זאַכען, וואָס זענען למעלה מן השכל. נישט איך און נישט איהר זיין נישט קיינער פֿערשטעהט עס ניט, אָבער עס איז פֿאַראַן, פֿאַראַן... און עס שאַדט...

אַדרבה, אַז אַלץ איז ביי אייך על פּי שכל, טאָ גיט מיר צו פֿערשטעהן, פֿאַרוואָס עפּעס אַז אַ מענש שטאַרבט, ווערט זיין קאַרטע אָבגעבלאַקעוועט, בלייך? האַ? איהר וועט דאָך אין דעם נישט לייקענען. אַ סימן, אַז דער מענש מיט דער קאַרטע האָבען אַ שייכות. וואָרום אַז עס זאָל נישט זיין קיין שייכות, וואָלט די קאַרטע נישט בלייך געווען. משמעות, אַז פֿון פֿאָטאָגראַפֿירען זיך קומט קיין געזונד נישט צו... נו. אַדרבה, ערקלערט מיר טאַקי אויך מיט׳ן שכל, פֿאַרוואָס איז עפּעס אונזער אַלטער הושע-בער דעם רב׳ס, ע״ה, געשטאָרבען און דוקא אין דעם זעלבען יאָהר, וואָס ער איז געווען אין פֿאָטאָגראַפֿיע?... געוועזן אין פֿאָטאָגראַפֿיע, אַרונטערגענומען זיך און אין דעמזעלבען יאָהר

געשטאָרבען... אָך-כאָ-כאָ. איך געדענק, ווי ער, ע"ה, פאַר דער פטירה האָט מיך צוגערופען און האָט געזאָגט: ר' משה, איבער דער פאָטאָגראַפיע געה איך פון דער וועלט אַוועק... אָט האָט איהר אייך קלאָרע דבורים, פאַני דאָקטאָר.., קכו, קכו, קכו...

געלאָזען זיך איינגשמועסען פון קינדער... קינדער שטעהען צו... זיי ווילען אַ זכרון... אַ זכר פון אַלטען טאַטען... די תמונה מיינע ווילען זיי האָבען. ס'פערשטעהט זיך... אַי וואָס די תורה זאָגט: לא תעשה לך כל פסל וכל תמונה? און וואָס אין פיל הייליגע ספרים ווערט דערמאָנט, אַז עס איז נישט גאָר אַזוי רעכט צו לאָזען זיך אַרונטערנעהמען אויף אַ פאָטאָגראַפיע? און מן הסתם האָבען זיי דאָך געוואוכט, וואָס זיי האָבען געזאָגט — ווילען דאָך די קינדער דערפון נישט וויסען און שלעפען דעם אַלטען טאַטען אין פאָטאָגראַפיע אַריין... וואָס טענה'ן זיי? ר' יצחק אלחנן, דער רמב"ם, דער ווילנער גאון, ר' שניאור זלמן, — זיי האָבען זיך אויך געלאָזען אַרונטערנעהמען אויף פאָרטרעטען. פראַים, זיי פערשטעהען גאָר נישט, אַז ר' יצחק אלחנן, דעם רמב"ם, דעם ווילנער גאון, ר' שניאור זלמן האָט מען נישט אַרונטערגענומען, נאָר אַראָבגעכאַפּט. און צווישען אַרונטערנעהמען און אַראָבכאַפּען איז אַ גרויסע נפקא מינה... איהר וועט דאָך נישט זאָגען, אַז דער ווילנער גאון ז"ל איז געגאַנגען אין פאָטאָגראַפיע אין טלית און תפילין און זיך געהייסען: נאַ, נעהמט מיך אַרונטער, מעשה חוזק... אלא וואָס דען? ער איז געזעסען און געלערנט. האָט מען איהם צראָבגעכאַפּט; דער אַנדערער איז געגאַנגען אין בית-מדרש, האָט מען איהם צראָבגעכאַפּט; דער דריטער איז געשטאַנען שמונה עשרה, האָט מען איהם אַראָבגעכאַפּט... אָהן זייער וויסען און אָהן זייער הסכמה... און ווער ווייסט, צי דאָס האָט זיי נישט פערשאַדט?... ווער ווייס?...

יאָ, יאָ, הערר דאָקטאָר, אַ סך משולחת'ן איז פאַרהאַן ביי דעם רבונו-של-עולם, האָט ער נאָך בעשאַפען די פאָטאָגראַפיע אַ צוגאָב... צו פערקירצען דעם מענשענס יאָהרען... און אַזוי ווי דאָס הארץ האָט מיר געזאָגט, האָב איך שטענדיג מורא געהאַט דערפאַר אימת מות... געפיהלט האָב איך, אַז דאָ שטעקט אַ מין

ליפּה, ר״ל, וואָס ציהט אַרויס דאָס חיות, דעם געזונד, די קליאַק קפּון די ביינער... אַז ביי מיר, הערט איהר, איז דאָס אַלץ איינס: פאָטאָגראַפירען זיך, אַ צוואָה שרייבען, ודוי זאָגען, אַ מצבה שטעלען — אַלץ איינס און דיזעלבּע זאַך, פון איין און דעמזעלבּען סאָרט... אַלץ שמעקט מיט דאָרטען... דאָרטען...

שפּל... זעהר שפּל... איך פיהל, איך געה אויס, אויס און אויס... פון טאָג צו טאָג פעהלט מיר כחות, געזונד... איך ווייס גאָר נישט, פאַני דאָקטאָר, וואָס איהר קענט טאָן צו אַזאַ קראַנקהייט... מלא, איהר פערשרייבט אַ רעצעפּט, אַ רפואה... שרייבט... איהר זענט דאָך דעם איבּערשטענס אַ שליח און ער איז דאָך טאַקי דער אמת׳ער רופא חולים און דורך אייך וועט ער מיר אפשר צושיקען די רפואה שלמה... אָך־כאָ — קכו... קכו...

נחת פון קינדער.

(א מאָנאָלאָג, געשריבען אין 1905-טען יאָהר).

אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: היינטיגע קינדער. קינדער האָב איך, ווי איהר זעהט מיך א יודען, דוקא וואוילע, גאַנץ גוטע קעפּלעך, שענע, נור קיין נחת פון זיי צו האָבען איז מיר, אפנים, ווי ניט בעשערט. עפּעס האָב איך פון זיי אַ פערשטערטען לעבען! און פרעגט: פאַרוואָס? פאַר ווען?

ווער וואָלט זיך דאָס אַמאָל גאָר געקענט פאָרשטעלען, סאַר אַ צרות היינטיגע עלטערן ווען דאָס אַ ביסעל אויסשטעהן פון קינדער; דאָס הייסט צרות פון קינדער איז אַמאָל אויך געווען געגוג; צער גדול בנים האָבען עלטערן אויך געגוג געהאַט, אָבער צי פון אַזעלכע נאַרישקייטען, צי פון אַזעלכע משוגעת'ן האָט מען געליטען?

דאַכט זיך, וואָס? קיין גראָבע יונגען זיינען מיינע קינדער ניט, קיין עזות-פנימ'ער אויך ניט; דוקא עדעלע, מיט גוטע כאַראַקטאָרען; און זאָגען, גרויסען אום-כבוד, חס-ושלום, האָב איך פון זיי אויך ניט. נור ווען, אַ שטייגער, וואָלט דאָס אַרען, אַז אָט די אייגענע קינדער טאַקי וואָלטען געווען שטיקלעך מענשען, מיט אַ שם,

מיט אַ נאָמען, מיט... מיט.. מיט אַ שטאָט?! טאַקי געבילדעטע און טאַקי אַ קענער, און דערצו נאָך אַ מענש! איז דאָך דאָס ערשט אַ קרן! ווי שען און פֿײַן דאָס וואָלט געווען... איך רייד שוין ניט פֿון פֿרומקייט; ווער זוכט היינט, ברוך־השם, פֿרומקייט? נור זײַט — האָב איך אַ קאַדיק! — מענשען מיט לײַטען גלײַך! פֿיהרט כאָטש אַ שטיקעל שטאָט — אַזוי וואויל און אַזוי גוט וואָלט איך געווען, און מיר אויך! ניין, בעדאַרף דיר גאָר אויפֿשטעהן אַ נײַער דור, מיט קענטשאַפֿט, מיט ביכלעך, מיט חברות, מיט סאָבראַניעס, מיט די אַלע אומגעלומפּערטע נעמען, וועלכע, און דער שוואַרצער יאָהר ווייס זיי דאָרטען, וואָס נאָך. און עס וואַקסט אויס אַ דור פֿון משוגעים, מיט קרומע קעפּ, מיט צודרעהטע מחות, און מײַנע קינדער אויך בתוכם!...

אַכט קינדער האָב איך, זאָלען געזונד זײַן — פֿינף זיהן און דרײַ טעכטער, און אַלע האַלטען אין אײַן בילדען זיך; אַלע האָווען אויף וואָס די וועלט שטעהט; טאָג ווי נאַכט זענען אַלע פֿאַרנומען, צוטראָגען; אַלע זענען אײַנגעשריבען אין חברות, און יעדער האָט זיך זײַן נאָמען. איהר קענט בײַ מיר געפֿינען פֿון אַלערליי סאָרטען, דהיינו: אַ טאָכטער אַ צאָהן־דאָקטאָרקע, אַ זוהן אַ צער־בעלי־חיים'ניק, היינט אַ דאַנטיסט, אַ ציציליסט, אַ ציוניסט און אַ גימנאַזיסט און אַנאַרכיסט און... און... און בײַ מיר געהט אַוועק צווײַ געבעק ברויט אַ וואָך!

איך זאָג אײַך, אַז איך לעב פֿון זיי ניט, ממש איך לעב ניט! אַ נאַרישקייט גאָר, שלאָפֿען אַפֿילו לאָזט מען מיך אויך ניט. איך געדענק שוין ניט די צײַט, וואָס איך זאָל אָבשלאָפֿען אַ נאַכט ווי געהעריג איז. נאַכט אין נאַכט רק מען קלאַפּט, קלאַפּ־קלאַפּ, דאָ דער, דאָ יענער — מיט אַ אויג ניט צוצומאַכען.

אָקאָרשט דו לעגסט זיך, ווערסט אַנטדרעמעלט — צהאַ, מען קלאַפּט. ווער איז? מײַן טאָכטער, זאָל געזונד זײַן; אַ מאָדע געמאַכט זיך—אומשלעפּען זיך ביז האַלבע נאַכט, דערנאָך קלאַפּען. מײַן אַלטע ווי איהר זעהט, איז גאָר קיין גברת ניט, נאָר אַ שוואַכע יודענע — קריכט זי שוין, נעבעך, אַ באָרוועסע עפֿענען דער טאָכטערל די טיר און פֿערהוסט זיך אויף דרײַ זייגערנע שעה. מײַן

טאָכטער קומט אַריין און בלאָזט זיך נאָך, זי איז נאָך ברוגז, באשר די וועטשערע איז איהר קאַלט.

אין אַ ווײַלע אַרום — מען קלאַפּט ווייטער. איך האָב שוין פּשוט רחמנות אויף מײַן אַלטער און קריך אַליין עפענען די טיר. ווער איז? מייַן עלטערער זוהן איז געקומען, שדים ווייסען פון וואַנען, פון אַ סאָבראַניע, מסתמא, ערגעץ.

איך קריך צוריק אין בעט; קוים דערוואַרימט זיך אַ ביסעל אונטער'ן קאָלדרע — אַהאַ, מען קלאַפּט ווייטער: מיין צער-בעלי-חיים'ניק געהט. און דו, טאַטע, קריך, עפען זיי יעדע רגע. און אַזוי צורודערען זיי מיר דעם גאַנצען שלאָף. איך שלאָף שוין ניט בײַ טאָג. און אַ גאַנצען טאָג בין איך ווי אַ דערשלאָגענער: אַ קליי-ניגקייט, אַ מענש דערשלאָפּט נים!

מיינט איהר, שוין דאָס גאָר? נאָך ניט גענוג. בעדאַרף איך זיין תמיד אין איין שרעק, אין איין פּחד. זינט עס איז בײַ מיר, ניט היינט גערעדט, געווען דער אָביסק, לעב איך ניט. שטענדיג איז מיר דאָס האַרץ ווי אונטער'ן אייז. אַ ווערטעלע צו זאָגען: אין מיטען נאַכט געהען דיר אָן אַ פולע שטוב מיט זשאַנדאַרען, מיט סאָלדאַטען, מיט פּאָליציי און מען קעהרט איבער די שטוב כפתר ופרח, מיט'ן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס אַרויף! איך שטעה אין איין שרעק, עס קלאַפּט מיר אַ צאָהן אָן אַ צאָהן. איך ווייס? אפשר האָט אימיצער עפּעס אונטערגעוואָרפען? אַ גנבה? אַ בלבול? אַ קשיה אויף אַ מעשה! איבערגעריעט האָט מען יעדער ווינקעלע, אויסגע-זוכט, וואו עס איז נאָר פאַראַן אַ פערבאָרגענער ערטעלע; די פּאָדי-לאָגע געריסען, די ווענט געדראַפּעט, אַלע ספרים פון שטוב, אַלע קינדערשע ביכלעך, אַלץ איבערגעזעהען, פון דער אַלטער כתובה ביז דער מזוזה — אַלץ איבערגעקוקט. שייך צו זאָגען, זינט איך לעב, זינט איך שטעה אויף מיינע פיס, האָב איך אַזאַ שרעק ניט געהאַט! די אַלטע מיינע איז שיער אין חלשות ניט געפאַלען; די קינדער אַלע — טויטע, אָהן אַ טראָפּען בלוט, ממש געשטאָרבענע מענשען אַלע...

און וואָס האָט מען געוואָלט? עפּעס ביכלעך, ווייס איך וועהר, עפּעס זאַפּרעשטשאָנע ביכלעך אַזוינע, וואָס מען רעדט דאָרט על

ד׳ וועל משיחו וועל נתקה אין איינעם!

נו, פרעג איך אייך, בעדאַרף איך דאָס האָבען אויף דער עלטער אַזעלכע געשעפטען אויף זיך? דאַרף איך דאָס האבען אַזעלכענע פעקלעך? דאַרף איך דאָס האָבען, אַז אין זיבען זאָל מיר ליגען דער שוואַצער יאָהר, וויים איך? אַז אַלע ווײלע פון יעדען שאָ־ך ביינאַכט זאָל מיר די דמים איינפאַלען? קאַרג האָב איך אָהן דעם? קאַרג פעקלעך און קאָפּ־דרעהעניש האָב איך אַ חוץ דעם? דאַרף איך גאָר האָבען אויף זיך צרות, וואָס מיינע אבות אבותנו האָבען דערפון ניט געוואוסט. און פרעגט: פאַרוואָס? פאַר ווען? באשר מיין טאָכטער מישט זיך אין אַלע גאַרישקייטען, באשר מיין זוהן וויל מאַכען אַ טאָלק. נייע פאַראַדקעס וויל ער איינפיהרען. עס געפעלט איהם ניט — זאָגט ער — דער פאַריאַדאָק! גוואַלד — שריי איך — בהמות זענט איהר! וואָס טוט איהר וואָס? ווער הייסט אייך מישען זיך אין פרעמדע עסקים און שטעלען דאָס לעבען אין קאָן? ווער הייסט אייך קריכען, וואו מען דאַרף ניט, אין סכנות נפשות?! וואָס דרעהט איהר אַ מח? איהר לעבט אַליין ניט און לאָזט דעם אַנדערען ניט לעבען. איהר רוהט אַליין ניט און לאָזט דעם אַנדערען ניט רוהען! מילא — טענה איך — דאָס, וואָס איהר זאָגט, אַז בייטאָג דאַרף מען שלאָפען און ביינאַכט דאַרף מען אַרומלויפען, האָװען משוגענערווייז — מהיכא תיתא, אפשר זענט איהר גערעכט, אפשר איז הייגט אַ בייזע וועלט געוואָרן, ניט ווי אַמאָל, פלעגט מען ביינאַכט שלאָפען און בייטאָג עפּעס טאָן... אָבער וואָס בין איך שולדיג? וואָס לאָזט איהר מיר ניט שלאָפען? וואָס לאָזט איהר מיר ניט לעבען אויף דער וועלט?! וואָס מוטשעט איהר מיך נאַכט אין נאַכט? קאַרג האָב איך אַ גאַנצען טאָג האָרץ־ווערטאָג און קאָפּדרעהעניש ביז איך אַרבייט אויס די הוצאה? אַזאַ הוצאה! קריעה רייס איך פון איינגעווייד! די מאַמע — קוים וואָס זי לעבט, אַ שוואַכע, אַ קראַנקע און קומט די נאַכט, לאָזט מען מיט אַנ׳אויג ניט צומאַכען. רוצחים, גזלנים זענט איהר! איהר טוט — זאָגט איהר — פאַר׳ן כלל טוט איהר?! איהר ווילט די וועלט גליקליך מאַכען? צער־בעלי־חיים׳ניקעס זענט איהר? אויף דער קאַץ האָט איהר

רחמנות — און אויף דעם אַלטען טאַטען און אַ קראַנקער מאַמען האָט איהר קיין רחמנות ניט! אַ יושר איז דאָס? אָט דאָס הייסט ביי אייך „סאָודעשץ"? היינטיגער „שאָוועשץ"! נור געה שריי חי וקים! טענה מיט זיי, רייד מיט זיי, אַז געריכט זענען זיי און דער משוגענער בלייב איך...

די עלטערע טאָכטער מיינע האָט אויסגעשטודירט ציין-דאָקטאָרקע. נו, מהיכי תיתי, זעהר פיין, אַ גאַנץ עדעלע מלאכה און אַ פיינע פרנסה. דאַכט זיך, אַז דאָס איז עפּעס אַנ׳ע נ ין. ווי זאָגט איהר—מעשה דאָקטאָר! געוויס קאָנט א י ה ר זיך פאָרשטעלען וואָס איהר שטודירען האָט מיר אָפּגעקאָסט: לעהרער, ביכער־פּאַפּיר; זיבען רובעל אַ חודש געצאָהלט דעם דאַנטיסט ד ר יי יאָהר נאָכאַנאַנד, דערנאָך די עקזאַמענס—דאָ דאָ, דאָ דאָרטען, דאָ שיק איך געלד א י ן דער שטאָדט, דאָ שיק איך געלד אין יענער שטאָדט. ה יי נ ט די דאָקומענטען, מיט די אינסטרומענטען, מיט געציייג אַלערליי. הכלל, עס האָט מיר אָפּגעקאָסט גאַנץ גענוג. נ ו ר כ׳מ יין, וועלכער טאַטע איז זיך ניט מפקיר פון קינדערס וועגען, אַבי ברענגען זיי צו אַ שטיקעלע תכלית. אַ קשיא אויף אַ מעשה, אפשר איז אַ סברה, אַז מיין טאָכטער זאָל טאַקי עפּיס אָנהויבען פערדינען, ענקליייבען אַ ביסעל נדן, אַ כלה ווערען, חתונה האָבען, און, פערשטעהט איהר מיך, ברוך שפטרנו, אָרעב אַבאַרג פון די פלייצעס.

הכלל, אויסגעשטודירט! געקומען צופאָהרען אַ גאַנצע דאָקטאָרקע, מיט אַ דיפּלאָם, מיט אַן אַטעסטאַט, מיט אַל׳דאָס גוטס. בעדאַרף מען דאָך עפענען, הייסט דאָס, אַ קאַבינעט, מיט מאַשינעס אַזעלכע, מיט אַ שטוהל עפּעס אַנ׳ אומגעלומפּערטען, מיט אַ ביסעל כלי-בית, מיט אַ טאַבליצע צום גאַס, ווי געהעריג איז. לאַז איך איהר מסתמא אָפּ די בעסטע צוויי חדרים: די שאַלקע מיט דער קאַמער, און אַליין מיט דער געזינדעל פערשטעק איך זיך ערגעץ אין אַ ווינקעל הינטער׳ן „טשולאַנטשיק" און איך זינדיג גאָר ניט. ס׳איז מיר גאַנץ גוט; אַבי דערלעבט פון אַ קינד אַ שטיקעלע נחת, אַ פאַרדינערין אַ טאָכטער! און אַליין כאַפּ איך צייטענווייז אַ קוק דורכ׳ן שפּעלטעל פון טשולאַנטשיק אין מיין טאָכטערס חדר אַריין,—

וואָס טהוט זיך דאָרטען? אפשר זוייזט זיך אין אַנ׳ נאָווינע אַ גיל־דען לייזונג, אפשר וועל איך דערזעהען אַ מטבע אין די אויגען. נור עפּעס שטיל, גאָר אויסגעפּרוירען דער מין פון חולים און פּאַרטיג!...

זעהט איהר, אַזוי געסט זענען מיר, ברוך השם, גאָר ניט זשעדנע. אַלע ווײלע קומען דיר אָן חברות פון יונגע לייטלעך, בחורים און מײדלעך פון אַלערליי סאָרטען: מיט ברילען און אָהן ברילען, מיט לאַנגע האָר און קורצע האָר, מיט רויטע העמדלעך און בלויע העמדלעך, מיט קרומע בוזעמס, און גלייכע בוזעמס און ביכלעך — לרוב! מען לייענט ביכלעך, מען חלופ׳ט ביכלעך, מען בלעטערט ביכלעך, אַ שלל ביכלעך! היינט זינגט מען דיר לידער מיט אַלערליי „פּיעסנעס”, מען קריגט זיך און מען רייסט זיך, עס איז אַ געדודער און אַ הו־האַ, אַז הימעל עפען זיך! דער שרייט: ווינאָקראַט! שרייט דער אַנדערער: ציוניסט! שרייט אַ דריי־טער: גראַף טאָלסטאָי! אַ פערטער: שלאָבאָדאַ מיט קאַמף! קאַמף מיט שלאָבאָדאַ! און אַזוי כסדר: גאָרקע, ניצשע, ציציניזם, ספּענ־צעריזם, איזם, פיזם—דער שוואַרצער יאָהר ווייס זיי דאָרטען, וואָס פאַר אָנגעדראָלענע, אָנגעשוואָלענע ווערטער אַזעלכע, וואָס עס איז גאָר קיין סברה ניט צו געדענקען.

און דער עולם האַלט אין איין קריגען זיך, ס׳איז אַ געדודער אַ האַמפּעריי, פונקט ווי מען וואָלט וועלען איינער דעם אַנדער׳ן אַ יורד לחייו זיין, אָדער מען וואָלט וועלען איינער ביים אַנדע־רען צונעמען די פרנסה. און וואָס ווילען זיי, וואָס קען מען זיך דאָרטען ניט צוטיילען — פרעגט מיך בחרם...

צום כוף, אַז מען האָרעוועט זיך גאַנץ גוט אָן, אַז אין די העלזער ווערט טרוקען און די צינגער ווערען ווי קלעצער, הויבט זיך ערשט אָן אַ סדרה: סאַמאָוואַר. מען שטעלט דעם סאַמאָוואַר (טיי און צוקער געהט דאָך ביי מיר פון שטוב ניט אַרויס). מיין טאָכטער, די בעלת־צדקה טראָגט אַרויף דעם לאַבען ברויט, און כהרף עין ווערט פון איהם אַנ׳ אָקרייעץ; דער אָקרייעץ ווערט אויך נעלם און דער עולם אַרבייט ווי נאָך אַ תענית. טיי טרינקט מען דוקא זיסע, עס פעהלט אויס גלעזער, איז אויך קיין

גרויסע סכנה ניט. טרינקט דער פון גלאָז, און דער פון טעצעל. אַנ'אַנדערש מאָל טרינקען צוויי אין איין גלאָז: דער אַ זופּ און דער אַ זופּ; און אַז עס טרעפט שוין גאָר אַ גרויסער דוחק אויף לעפעלעך, טרינקט מען פון דער בלעכענער קוואָרט. דער אַפּעטיט איז גרויס און מען קלייבט ניט איבער!

און איך קוק מיר אין שפּעלטעל פון טשולאַנטשיק אויף דעם גאַנצען פּעקעל האָלאָדריגעס און טראַכט זיך מיר: רבונו-של-עולם, אַ נייע וועלט געוואָרען! אַ וועלט פון חכמה, אַ וועלט פון בילדונג, אַ וועלט פון קענער, פון ביכלעך, סאָבראַניעס, עקזאַמענס און... און... ביי מיר געהט אַוועק צוויי געבעק ברויט אַ וואָך!...

פּעטש!...

איז וואָס? איהר וואונדערט זיך, ווער האָט דאָס מיך אַזוי צושלאָגען? וואָס איך בין אַזוי פערבאַנדאַזשירט און אַרומגעבונדען ווי נאָך אַ פּאָגראָם? כ'מיין, גאָר גאָרנישט. דאָס וועט זיי קיינעם ניט געשענקט ווערען, איך וועל מיך מיט זיי שוין רעכענען אויף דער וועלט. וואָס דען? פערשוויגען זיין? אַ ניין, דאָס טו איך ניט. איך בין ניט קיין פערשוויגער. איך בין, ווי איהר זעהט מיך, אַ יוד אַ ספּיצליוועער. ביי מיר, אַז מען ריהרט מיר אָן מיין האָנער —איז פּעטש און ווייטער גאָרנישט! אויף חיים דעם פּאַפּיראָסניק האָב איך שוין אָנגעגעבען אַ פּאַפּיר און שמואל ליאָטע, דער געמאַראַנירטער הערינג, וועט שוין ביי מיר אויך פערשוואַרצט ווערען אין די הויכע פּלעקער און אָרען דעם הימעלקוקער וועל איך גלאַט געבען פּעטש, פּשוט פּעטש, אַז די אויגען וועלען איהם פליהען פון קאָפּ. זאָל איך נאָר אַ ביסעל צו-זיך קומען און אראָבוואַרפען פון זיך דעם גאַנצען כאַלאַמידער באַנדאַזשען מיט די פּלאַסטער...

ווען האָט מען מיך צושלאָגען, פרעגט איהר? וואָס הייסט ווען? און וואָס הייסט—מען האָט מיך געשלאָגען? און

וואו בין איך געווען? איך האָב געשוויגען? „אי מאַי קולאַק ניע דוראַק״! וואָרום איך בין, ווי איהר זעהט מיך, אַ יוד אַ כעכן, אַ ספּיצליוּוּער און האָב פיינט פערשוויגען. ביי מיר, אַז מען טרעט מיר אָן מיין כבוד, מיין האָנער—איז פּעטש! און ווייטער גאָרנישט!

דעם בייל אויפ׳ן שטערען ווער האָט מיר געמאַכט? העט זיך דערמאָנט. דאָס האָב איך געקריגען נאָך דעם אַנדערען טאָג ראש-השנה אין שול, איבער׳ן מפטיר.

דעם אַנדערען טאָג ראש-השנה איז מיין מפטיר, מיין חזקה. דאָס ווייסט, דאַכט זיך, די גאַנצע וועלט. אַי וואָס? מיר האָבען אַ פּאַרך אַ גבאי, וואָס וויל דוקא פערקויפען דעם מפטיר? נעמען דאַרף, זאָגט ער די שוהל אַרומזעהען; עס געהט צו ווינטער און האָלץ דאַרף מען קויפען,— איז מילא, אַז מען דאַרף, דאַרף מען, און אַז מען פערקויפט, בין איך אויך אַ קונה. און אַז מען באָט, באָט איך אויך, און שטייג—10 גילדיין, 15 גילדיין, 20 גילדיין, 40 גילדיין, 50 גילדיין. דאַכט זיך, גענוג? שאַ, עמיץ האָט שוין אַריינגעשמיסען אין אַ מאה אַריין. ציגעבאָמקעט, צוגעקלאַפּט, פערקויפט. ווער איז? היים לאַטוטניק! ווער איך אַנ׳אויפגעקאָכטער און עס צינדט זיך מיר אָן דער כח הדם און איך גיב אַ זאָג צום גבאי: „ר׳ טוביה, איהר זענט אַ פּאַרך! חיימקע דער גנב קען מעהר נישט ווי אָנבאָטען, אָבער אַז עס קומט צו צאָהלען, גיט ער אייך אָט אָ דאָס! אַ סך קאָסט איהם די שוהל? פּעטש זענט איהר ווערט, פּעטש!...״ ווערט דאָך מסתמא אַ מהומה און עס הויבען אָן פליהען פּעטש און עס פליהען מחזורים איבער די קעפּ. כאַפּט חיים און שלעפּט אַ שטיקעל פּאַרענץ פון בימה, כאַפּ איך אַ פיסעל פון אַ בענקעל. כאַפּט ער און שלעפּט ביי מיר אַרויס דאָס פיסעל און גיט מיר איבער׳ן קאָפּ. אַ חכם! מיט אַהילצערנע פיסעל שלאָגען זיך! זיין מזל, אַניט וואָלט ער זיך פון מיר שוין נישט געבאָרט! איך וואָלט איהם ווייזען, ווער איך בין! וואָס דען? שווייגען וועל איך? אָ, ניין! ניט אַזאַ מענש בין איך! איך בין אַ מענש מיט האָנאָר און אַז מען ריהרט מיר אָן דעם האָנאָר—איז פּעטש, פּעטש און ווייטער גאָר נישט!

און צום די באַק, וואָס איז אָנגעשוואָלען, און די שטיקעל באָרד, וואָס פעהלט, דאָס איז „נאַפּליעוואַט". דאָס האָב איך געכאַפּט דעם אנדערן טאָג סוכות, פון מיין שכן, שלום דעם מיסאָנזשניק. מאָלט אייך, ער האָט ביי מיר אויך געכאַפּט די גוטע פעטש. אַ פּאַרך קען: פערנעהמען די סוכה טאָג אין טאָג ביז אין אָוועגד אַריין און איך מיט מיין „סעמייסטוווע" זאָל דאַרפען הונגערן, הונגערן אַ גאַנצען יום-טוב!

וואָס בין איך וואָס? אַנ'איינגעבעטענער גאַסט? דאַכט זיך, אַז אויף דער סוכה האָב איך געהאָרעוועט פונקט ווי דו און פאַר די סכך האָב איך בעצאָהלט, ניט דו!

איז וואָס-זשע טו איך? דאַווען איך אָב ותיקין און פערנעהם די סוכה און זאָל ער שוין איצט וואַרטען מיט זיין צקר ביז'ן אָוועגד אַריין. וואָס-זשע טוט ער? שיקט ער אַרויס זיין בן-יחיד, ער זאָל שפּייען אין סוכה, ווען איך זיץ און עס, וואַרפען שטיינער, קלאַפּען אין וואַנט... וואָס-זשע טו איך? לויף איך מסתּמא אַרויס און כאַפּ זיין בן-יחיד און דרעה איהם מסתּמא גוט אָן פאַר'ן אויער, כאַפּט ער מיר, דער ממזר, פאַר'ן באָרד און פליקט מיר אויס אַ האַלבע באָרד. לאָז איך איהם אַראָב אַ פּאַטש, איינעם און דעם אַנדערען. דערהערט דאָס זיין טאַטקע, און פליהט אַרויס מיט אַ רציחה און גיט מיר אַ זעץ מיט'ן קולאַק אָט דאָ, גלייך אונטער'ן אויער; וויל איך דאָך מסתּמא איהם אָראָבלאָזען דעם גוטען פּאַטש, לויפט ער צוריק אין סוכה אַריין, און כאַפּט אַ גאָפעל און וויל מיך פּשוט שטעכען. אַנדערש ניט, נאָר שטעכען! אַ נס, דער הויף האָט זיך אַריינגעמישט און מען האָט אונז פונאַנדערגענומען; זיין טריפה'נער מזל! אַניט, וואָלט ער שוין פון מיר געכאַפּט די אמת'ע פעטש, וואָרום איך בין אַ איד, דאַרפט איהר וויסען זיין, אַ כעס'ן, אַ ספּיליציווער און אַז מען טרעט מיר אָן מיין האָנאָר, איז פעטש און ווייטער גאָר נישט!

און אָט דעם בלויען צייכען אונטער'ן אויג? דאָס האָב איך געקראָגען צו הקפות.

ווי רעכענט איהר? אַ יוד, וואָס האָט „אַ שטאָדט" אין שוהל און די שוהל קאָסט מיר אָב בלוט און אייטער, טאַקי ווי דעם

שענסטען בעל-הבית: הן צו די קערות, הן פאַר עליות הן, אַחוץ אַ וואָכער, בעדאַרף איך האָבען אַנ׳הקפה. צי ניין? מילא, אתה הראית—ווי אַתה הראית, אָבער אַנ׳הקפה! ניין! איך וואַרט די ערשטע הקפה, די צווייטע, די דריטע, די פערטע, -- עס זידט אין מיר דאָס בלוט, עס קאָכט אין מיר ווי אין אַ קעסעל: מען איז, אַפּנים, בעלנים אָבצולעגען מיין הקפה אויף מאָרגען פריה. עם כל הנערים. ע-ע! ביי מיר געהען אַזעלכע שטוקעס ניט אָן. איך האָב פיינט שווייגען, וואָרום איך בין, דאַרפט איהר וויסען זיין, אַ יוד מיט האָנאָר, און אַז מען פערטשעפּעט מיר מיין האָנאָר, פליהען שוין פעטש ווי האָלץ!

ווייטער, אָט אַ דעם סיניאַק אויפ׳ן באַק האָב איך געכאַפּט שמחת-תורה ביי טאָג... גלאַט מענשען שלאָגען זיך מיט פלעקער און מיט העלצער איבער׳ן קאָפּ. וואָס איז מיין קאָפּ פון שטיין, פון אייזען? מאָלט אייך, מיין שוואָגעריק האָט פון מיר אויך געכאַפּט דעם אמת׳ן פּאַטש, אַז די ציינער זענען איהם פון מויל געפלויגען; אָבער גלאַט, קומען מיט אַ חברה קצבים און אָנפאַלען אויף איינעם!

פאַרוואָס? ווייל איך האָב איהם מיט מיין שוועסטער, זיין ווייב, הייסט דאָס אַרויסגעזעצט פון אונזער ירושה-שטיבעל, קלייבט ער, מיין שוואָגעריק, הייסט דאָס, אויף מיר האַרץ.

שוין יאָהרען לאַנג, אַז מיר סודיען זיך; אַלע ווילע, ווי איהר זעהט, געשלעג, פּאַפּירען, משפטים. ס׳איז אויף דעם געסיל פריהליך מיט אונזער ירושה. מסתמא האָב איך אויסגעפיהרט, וואָרום דער זאַקאָן איז אויף מיין זייט, דאָס וועט אייך אפילו זאָגען לוי-יצחק דער אַדוואָקאַט אויך, און אַז איהר וועט זעהן די צוואה, וועט איהר אויך זעהן, אַז איך בין גערעכט.

בין איך מסתמא געקומען דאָ פאַר יום-טוב מיט דעם „סודעבנעם פריסטאַוו" און האָב זיי אַרויסגעזעצט... ניש׳קשה, פאַר דעם פריסטאַוו אין די אויגען וועסטו מיר גאָרנישט טון. אַזאַס! וואָס דען—שמחת-תורה איז ער דאָס, מיין שוואָגעריק, געקומען אָברעכענען זיך מיט מיר. חכמים, אַלע אויף מיר איינעם. זאָל ער אָקאָרשט, מיין שוואָגעריק, פּרובען איינער אַליין, וואָלט איך איהם שוין

ווייזען, וואָס הייסט שלאָגען זיך. ער וואָלט געכאַפּט אַזעלכע פּעטש, אַז פֿונקען וואָלטען געפֿליגען, אויף טויט וואָלט איך איהם צופּאַטשט. ווארום אַזאַ מענש בין איך. און אַז מען ריהרט מיך אָן, פֿליהען שוין פּעטש ווי שפּענער, און ווייטער גאָרנישט.

נאָר אָט דעם רעכטען קלאַפּ איז נאָך האָב איך געכאַפּט היינטיגען שבת בראשית, ווען עס איז אָנגעגאַנגען די טאָרגעס פֿון הכנסת התורה, הוצאת התורה, הגבהה און גלילה, שטעהן מיט'ן „טייטעל" וכדומה.

גאָרנישט, ס'איז הפקר-פּעטרישע געווען, וואָס מען האָט געוואָלט, האָט מען געטון! און וואו בין א י ך? איך האָב עפּעס אַ דעה, צי ניט? נאָר אַז מענשען שלאָגען זיך מיט שטענדערס, איז דאָך ניט שייך... נאָר גאָרנישט, איך וועל זיך שוין מיט זיי אַלעמען רעכענען, זאָל איך נאָר אַ ביסעל צו-זיך קומען. אַי וואָס, מען האָט די שול פער'חתמ'עט? —איז מילא. וועלען מיר זיך טרעפֿען ערגעץ אַנדערש-וואו. איהר וועט נאָך זעהן, סאַראַ פּעטש עס וועלען פֿליהען! די אמת'ע, פֿייערדיגע כפול-שמונה'דיגע פּעטש, אַז באַק-איינער וועלען טר עשצען! אָט וואָס!

מאלינעס.

אַ טרויעריגע געשיכטע פון גלות-דאַטשע.

— אַז איך וואָלט געקאָנט פועל'ן ביי דעם רבונו של עולם, וואָלט איך איהם געבעטען איין זאַך: ער זאָל מיך מאַכען אויף דער זומערדיגער צייט, בלויז אויף דעם דאַטשע-סעזאָן, פאַר אַ פרויענצימער. איך וואָלט איהם מוחל געווען אַלע מיינע מאַנסביל-שע פריווילעגיעס: די הקפות, די עליות און ששי און שלישי און אַלע תרי"ג מצות מיט דער ברכה „שלא עשני אשה" איינאיינעם, אַבי אויף דער קורצער צייט ווערען אַ ווייב און נישט קיין מאַן.

אַזוי האָט מיר אָנגעהויבען צו דערצעהלען אַ יונגער מאַן, אַוועקזעצענדיג זיך נעבען מיר אין פּאָיעזד, וואָס איז געפאָהרען פון באָברויסק צו דער דאַטשע דאַראַגאַנאָווע, נאָכדעם ווי ער, אַ פערמאַטערטער, אַ פערשוויצטער, אַ צוהיצטער האָט אָבגעאָטעמט, אָבגעווישט די גרויסע טראָפּען שווייס, וואָס האָבען זיך געקויקעלט פון זיין פנים אויף דער זשילעט, און איז אַ ביסעל צו זיך געקומען.

דאָס קליין קערבעלע מאַלינעס, וואָס ער האָט געהאַלטען אין האַנד, האָט ער אַוועקגעשטעלט ביי דער זייט, דאָס הייסט: צווי-שען מיר און איהם.

איך בין געווען צופֿרידען מיט מיין שכן און איבערהויבט מיט די מאַלינעס, וואָס איז געשטאַנען ביי דער זייט.

אין הויגאָן איז געווען אַזוי ענג, דושנע, שטויביג. אין מויל איז געווען טרוקען, פּאַסקודנע. און דורשטיג בין איך געווען, פֿערברענט צו ווערען.

„וועט זיין מיט וואָס צו קוויקען זיך אַ גאַנץ וועג" — האָב איך געטראַכט, און געוואָרפֿען דורשטיגע בליקען אויף דאָס קערבעלע מיט די מאַלינעס.

דער יונגער מאַן האָט, ווי עס שיינט, געהאַט אַ שווערע אָנגעלאָדענע האַרץ; אַ צוריצטער, אַ צובייזטער, האָט ער געזוכט פֿאַר וועמען זיין ביטער האַרץ אויסצוגיסען — און זיין גורל איז געפֿאַלען אויף מיר.

—קען איך פֿילייכט פֿערזוכען אַ מאַלינקע? — האָב איך איהם געפֿרעגט.

— אָ, מיט'ן גרעסטען הדרת הכבוד — האָט דער יונגער מאַן געענטפֿערט און ווייטער אָנגעהויבען צו דערצעהלען מיט האַרץ, מיט אימפּעט, נישט בעמערקענדיג וואָס אַרום איהם טוט זיך.

—וואָרום אין גוטען מוט — האָט ער געזאָגט— איז דאָך זעהר אַ געשמאַקע זאַך, ווען אַ ווייב זיצט אויף אַ דאַטשע און דער מאַן דאַרף דינען „אויף פּאָסילקעס" און אומפֿליהען טאָ אַהין, טאָ אַהער און שלעפּען פּעקלעך פֿאַר איהר און פֿאַר איהרע שכנים און פֿאַר איהר שכנימ'ס שכנים... וואָ־ום וואָס אַרט דען איהר? אַי וואָס, דער מאַן אַרבייט אַ גאַנצען טאָג ווי אַ ג'עזעל אין שטאָדט און ווערט גוט פֿערשוואַרצט ביז וואַנען ער אַרבייט אויס די הוצאה אי פֿאַר דיר, אי פֿאַר מיר, אי פֿאַר די קינדער, אי אויסהאַלטען אַ דאַטשע און צאָהלען דירה־געלט אין שטאָדט — מילא, וואָס געהט עס איהר אָן? נאָר פֿונדעסטוועגען, אַז עס געהט נאָך בהדרגה, כשורה, ווייס מען, אַז אַ ווייב זיצט אויף אַ דאַטשע, דאַרף זיך דער מאַן איינשפּאַנען ווי אַנ'אָקס אין סאָכע און אַקערן די ערד מיט דער נאָז.

ווי איז אָבער דער דין, אַז דער ווייב פֿערוויילט זיך פֿרעגלען וואַרעניעס און דוקא פֿון שטאָדט און פֿאַר איין וועג זאָל איך איהר נאָך ברענגען די פֿאַן מיט דעם טאָזיק, מיט דעם דריי־

פוס, מיט פלעשער און גלעזערנע סלאָיעס אויף אַריבערצוזיכפּן די וואַרעניעס, מיט אַ הילצערנע לעפל אויף צראַנעמען די אויבערשטע, ווי הייסט דאָס דאָרטען, די באַרבעריצע,— דעמאָלט איז דאָך טאַקע רעכט, אַז דו זאָלסט פאַלען אין גאַס ווי אַ פערד, ווי אַ סקאַטינע, און קיינער וועט אויף דיר קיין רחמנות נישט האָבען, וואָרום ווער הייסט דיר זיין אַזאַ לעקיש?

כך הוה. מיין ווייב פערגלוסט זיך צו פרעגלען מאַלינע-וואַרעניעס.

—שמואל, — זאָגט זי צו מיר, — איך וואָלט וועלען, אַז דו זאָלסט מיר ברענגען פון שטאָדט אַ ביסעל מאַלינעס, וועל איך אָפּפרעגלען אַביסעל מאַלינע-וואַרעניעס. דאָ, זאָגט זי, אויפ'ן דאַטשע, איז נישט צו דערקויפען זיך, מען כאַפּט פשוט פון די הענד, אַ רענדעל אַ יאַגעדע, גאַנץ דאַטשע פרעגעלט וואַרעניעס... אַפּונט פינף מעהל-צוקער איז פאַרהאַן ביי מיר, וועסטו קויפען אַ פיר פונטלעך מאַלינעס, וועט עס קלעקען. וועלען מיר אויך פרעגלען וואַרעניעס און זיין לייטען גלייך.

אויף מאָרגען, קום אָבגעפּטר'ט מיין אַרבייט אין שטאָדט לאָז איך מיר לויפען אויפ'ן מאַרק נאָך מאַלינעס. איך לויף און, פליה ווי אַ פּער'סמ'טער, וואָרום איך דאַרף דאָך נאָך מיט די מאַלינעס פאַספּעיען צום פאָיעזר. איך קום צו לויפען—שוין נאָכ'ן מאַרק! נישטאָ— נישט קיין גוי'ע, נישט קיין מאַלינע אויף אַ רפואה. און קומען צו מיין ווייב אויפ'ן דאַטשע אָהן מאַלינעס, אין דער צייט, ווען די גאַנצע דאַטשע, פערברענט זאָל זי ווערען, פרעגעלט וואַרעניעס— איז דאָך נישט שייך! וואָרום נישט אַחוי די וואַרעניעס אַליין איז מיין ווייב אויסען, ווי גאָר אַנ'אַנדער זאַך: וואָרום אַז מיין ווייב וועט זיך אויסשטעלען אויפ'ן הויף אין איהר טערקישען קאַפּאָט פרעגלען וואַרעניעס און וועט דאָס מיט'ן הילצערנעם לעפל אַראָפּנעהמען די אויבערשטע, ווי הייסט דאָס דאָרטען, די באַרבעריצע און דאָס פייער וועט צו-קאָכלען און די בעקלעך וועלען דאָס אַ ביסעל צופלאַמען, — וועלען דאָך די דאַטשניקעס און דאַטשניצעס איינעהמען די כפרה! וואָס דען, מיינט איהר, איז זי אויסען?

לויף איך אַזוי און שטויס זיך אָן אויף אברהמ׳ל בייליעס פרוכט-קראָם און דערזעה ביים שוועל שטעהט אַ קערביל מיט ראָזעווע, גרויסע, ליכטיגע מאַלינעס. עס איז מיר ליכטיג געוואָרען אין די אויגען.

—וויפיל, — פרעג איך—איז דאָ פאַרהאַן?

—פונקט פיר פונט,—ענטפערט מיר אברהמ׳ל בייליעס.

—און וויפיל קאָסט אַ פונט?

—12 קאָפּיקעס.

ס׳פערשטעהט זיך, אַז איך האָב אַ קאָפּיקע אַראָבגעדונגען. 11 קאָפּיקעס, הייסט דאָס, און כאַפּ דעם קערבעלע מיט די מאַלינעס און לויף צום סטאַנציע. דער פאָיעזד ריהרט זיך, איך שפּרינג אַריין, אין וואַגאָן איז ענג, קיין נאָדעל ניטע אַריינצושטעקען. קוים מיט צרות זיך איינגעמאָסטשעט און טרייסעל זיך, מען זאָל, ח״ו, מיינע מאַלינעס נישט צוקוועטשען, עס זאָל קיין מאַלינקע אויף דער ערד נישט פאַלען, עס זאָל קיין האָר פון זיי ניט געמינערט ווערען, און איך זאָל קענען קומען מיט מיינע מאַלינעס בשלום אויפ׳ן דאַטשע צו מיין ווייב אין קינדער.

—וואו האָט איהר געקריגען אַזעלכע שענע מאַלינעס?— גיט מיך אַ פרעג אַ פול-געפאַקטע דאַמע ביי דער זייט מיט אַ דריי-גאָרענדיגען גיידער. און איידער איך אוספּעיע צו ענטפערן, ליגען שוין עטליכע מאַלינעס ביי איהר אין מויל און זי פּאָסמאַקעוועט זיך.

—זויערליך, נאָר עס דערקוויקט.

—אַזוי? עס קוויקט?— כאַפּט אונטער אַ צווייטע דאַמען מיט אַ פנים ווי אַ ווייקשאַפּט מיט רויה פלייש און אַ בויך ווי אַ קעסעל-פויק—העו... דערהער איך נאָר פון אַ זויערקייט מיט אַ קוויקעניש, ווער איך אויס מענש... אַ נאַרישקייט גאָר, אָט האָב איך אָנוסטען גערדאַפּט זעהן, ווי מען האָט אין אַנ׳אָרט געגעסען געזאַלצענע פיש, בין איך שיעור אין חלשות נישט געפאַלען... ביז מען האָט מיר געטוזט געבען אַ שטיקעל, אָט האָב איך זיך אָפּ׳חיה׳ט.

—נישקשה, נעהמט אַ פּאָר,— זאָגט די ערשטע דאַמע צו

איהר און זשעבערעוועט צו אַ פֿולען הויפֿען מאַלינעס און דערלאַנגט איהר. אַ בעלת-צדקה אויף יענעמס.— נישקשה,— זאָגט זי— דער יונגערמאַן וועט גאָרנישט האָבען דאַגעגען. וואָס זאָגט איהר, יונגערמאַן?

—אָ, מיט'ן גרעסטען פֿערגניגען! — ענטפֿער איך. און אין האַרצען טראַכט איך: הלוואַי, וואָלט איהר זיך ביידע דערווערגען, עס זאָל זיך אייך שטעלען אין האַלז דיבאָם, נישט אַהין, נישט אַהער, עס זאָל אייך אַרויס באָקאָם. הלוואַי!

אין אַ מינוט אַרום האָבען זיך צו מיינע מאַלינעס צוגעלאַבוניעט נאָך אַ פּאָר טראָגעדיגע ווייבער און נאָך עפּעס אַ מאַנסביל און ווידער-אַמאָל אַ ווייבעל,— ווער ווייס, וואָס פֿאַר אַ חורבן עס וואָלט פֿון מיינע מאַלינעס געוואָרען, ווען דער קאָנדוקטאָר זאָל ניט געווען בעצייטענס אויסרופֿען:

—סטאַנציע דאַראַגאַנאָווע!

ווי פֿון אַ שרפֿה האָב איך זיך געלאָזט לויפֿען צו די דאַטשעס. געבראַכט די מאַלינעס, אַוועקגעשטעלט, אָבגערוקט אָן אַזייט און געוואַרט אויף מיין ווייבס מבינות, ווי אַ פֿערשולדיגטער אויף דעם פּראָקוראָרס רעדע. נאָר געוויס וועט זי מיר היינטיגעס מאָל מהנה זיין מיט אַ שמייכעל: אַ שפּאַס אַזעלכע מאַלינעס, אַז גאָט און לייט מעגען זיך פֿרעהען, אַ וואַגאָן מיט פּאַסאַזשירען האָבען זיך געקוויקט...

מיין ווייב האָט גענומען אַ מאַלינע, אַריינגעלעגט צווישען די ציין, פֿערקאָרטשעט אַ זויערע מינע, אויסגעשפּייט און געזאָגט:

—נו, זאָג-זשע אַליין, קען מען זיך אויף דיר פֿערלאָזען? ביזטו נישט קיין אידיאָט? וואָס האָסטו געבראַכט, וואָס? מען קען דאָך דאָס אין מויל ניט נעהמען. איך האָב דיר געהייסען קויפֿען מאַלינעס צום פּרעגלען: פּראָסטע, קליינע, גוישקע, זיסע וואַלד-מאַלינעס, געהסטו און קויפֿסט סאָד-מאַלינעס, אַ ביסעל ראָפּע, עסיג, זאַלץ-וואַסער, און דער שוואַרצער יאָהר ווייס וואָס דאָס איז! ווער קען זיך דאָס אָננעהמען צוקער צו פּרעגלען אַזאַ סם-המות?! און ווער קען דאָס גלאַט פּרעגלען אַזעלכע סאָד-מאַלינעס, אַז ביים ערשטען זאָד ווערען זיי צוקראָכען און צופֿאַלען ווי קוואַטש!

סורים-בורים און נישט קיין וואַרעניע! אָט דאָס, וואָס מען זאָגט טאַקי: אַנ'אָלוך גײט איבער די קראָמען, פּרעהען זיך אַלע קרעמער.

ווי זאָגט איהר? בין איך נישט מחויב צו זיין אַ בקי אין הלכות וואַרעניע-פּרעגלעכץ?

איז וואָס-זשע בלייבט? אַרויסוואַרפען די מאַלינעס אין בלאָטע, פאַר חזירים? — ניין. עס בלייבט, אַז מען דאַרף נאָך 4 פונט צוקער און דאַריבער טאַקי מוז איך פּערקעהרען די אַגלאָבליעס און מאַרש צוריק אין שטאָדט אַריין, בכדי איך זאָל קענען מאָרגען זיין מיט דעם צוקער צוריק.

אפשר איז אַ סברה, דאָס איך זאָל היינטיגע נאַכט איבערנעכטיגען דאָ אויפ'ן דאַטשע און מאָרגען פאָהרען? עס ברעכען מיר, זאָג איך, די ביינער. קוים וואָס איך שטעה אויף די פיס.

גיט זי, מיין ווייב, אויף מיר אַזאַ קוק, וואָס מען דאַרף זיין אַ בעוויבטער און האָבען אַזאַ ווייב, ווי מיינע, אום צו פערשטעהן, וואָס אַזאַ קוק בעדייט. און דער קוק בעדייט, אַז אויב איך וועל היינטיגע נאַכט נעכטיגען אין שטאָדט און בעסער דאָרטען צוריכטען צוקער אויף מאָרגען, — וועט זיין געזינטער פאַר אונז ביידען, און אגב, זאָגט זי, זאָל איך פאַר איינוועגס פערכאַפּען מיט זיך די פאַן און דעם טאַזיק אין וואָס צו פּרעגלען די וואַרעניעס און דעם אייזערנעם דרייפוס און פלעשער אַ פּאָר און סלאָיעס גלעזערנע אויף די וואַרעניעס אַריינצוגיסען און די גרויסע הילצערנע לעפיל אויף אַראָבצונעהמען די אויבערשטע, ווי הייסט דאָס דאָרטען — די באַרבעריצע... איהר זענט אפשר אַ מבין, ווי אַזוי מען קען דאָס אַלץ אַריבערפיהרען איינאיינעם: אַ פאַן, אַ טאַזיק, מיט פלעשער, מיט סלאָיעס גלעזערנע און מיט אַנ'אייזערנעם דרייפוס און מיט אַ הילצערנע לעפיל אויף אַראָבנעהמען די באַרבעריצע און ועל כולם 4 פונט מעהל-צוקער? נאָר געלויבט דער אויבערשטער, ווי עס איז אַריבערגעפּעקעלט דעם גאַנצען טאַראַראַם מיט די גאַנצע קלאַפּערגעצייג אויף דער סטאַנציע דאַראַגאַבוזשע, און לאָז זיך מיר געהן אָנגעלאָדען ווי אַ ווערעבלויד צו די דאַטשעס, ערעט פּלוצלונג — בוך! פאַלט אַרויס דער פּעקיל מעהל-צוקער; עס צורייסט זיך די פּאָדעם און עס פּלאַצט

דאָס כאַפּיר און דאָס גאַנצע מעהל־צוקער צושיט זיך אויף דער ערד, ווי אַ שפּריי־רעגען.

ביטער! איך וויל זיך גאָר פאַר מיין ווייב נישט ווייזען. אַ כפרה דער וואַלד מיט דער דאַטשע מיט דאָס אויסרוהען זיך, מיט דאָס איבערנעכטיגען, מיט די לופט, און לאָז זיך מיך צוריק מיט דעם גאַנצען טאַראַראַם אויף זיך, מיט דעם פּאַק קלאַפּערגעצייג און כאָטש דעם ערשטען בעסטען צוג, וואָס געהט אין שטאָדט אַריין, און פאָהר.

אויף מאָרגען בין איך שוין ווידער דאָ אויף דער דאַטשע מיט פרישע 4 פונט מעהל־צוקער, אָנגעלאָדען מיט דעם גאַנצען האַרמידער און קלאַפּערגעצייג און פאַל אַריין בשלום צו מיין ווייב אויפ'ן דאַטשע אַ פערמאַטערטער, אַ פערשוויצטער. און כאָטש נאָך פון מיין ווייב אַנ'אָטפּעטשאַטאָק: אויף 2 קיילעכדיגע מעת־לעת פערפאַלען געוואָרען! וואָס? געדאַרפט קויפען 4 פונטליך מעהל־צוקער!... נאָר, מילא, אַ סוף זאָל עס שוין נעהמען, שוין אַלעס דאָ: די מאַלינעס, די צוקער, די פאַן, דער טאַזיק אין וואָס צו פּרעגלען און פלעשער און סלאָיעס, אין וואָס די וואַרעניעס אַריינצוגיסען און אַ דרייפוס און אַ גרדיסע הילצערנע לעפיל צראָבצונעהמען די אויבערשטע, ווי הייסט דאָס דאָרטען—די באַרבעריצע... הכלל, אפשר איז אַ סברה, אַז מען זאָל זיך שוין נעהמען צו די וואַרעניעס? און מיין ווייב טוט זיך אָן אין איהר טערקישען קאַפּאָט און איז זיך מכין צו דער עבודה, ווי אַ פרומער ייד צום סדר. און איך מאַך מיך אויך גרייט צו זיין איהר ביי דער הצלה, וואָרום איך ווייס, אַז באַלד וועט זיך ערשט אָנהויבען אַ גאַנצע סדרה: שמואל, אַהער! שמואל, אַהין! שמואל, דערלאַנג מיר דאָס, שמואל, דערלאַנג מיר יענץ! נאָר, געלויבט דער אויבערשטער, דאָס גרעסטע העלפט אַרבייט שוין אָבגעטון. אַלץ שוין אַריבערגעבראַכט פון שטאָדט. דאַכט זיך, עס פעהלט קיין זאַך נישט. נאָך אַ שעה, נאָך 2 און די וואַרעניע וועט שוין זיין פאַרטיג. וועל איך מיר ערשט קענען אויסרוהען, אויך פערזוכען דעם טעם פון דאַטשע. און מיט אַזעלכע פרעהליכע געדאַנקען און גוטע האָפנונגען לאָז איך מיך אַרויס אויפ'ן הויף צונויפקלייבען שפּענדלעך

און אָנגעפּאַלטען אַ ביסעל קין און לעג מיר נאַנאַנדער אַ פּייער אויף צו פּרעגלען די וואַרעניעס. ערשט דערהער איך פון שטוב אַרויס קולות: מיין ווייב שרייט, שילט, זידעלט. וואָס איז? זי האָט זיך געכאַפּט: די גאַנצע מאַלינעס זענען ווערעמדיג געוואָרען. היימעל, עפּען זיך! און אַז די מאַלינע איז ווערעמדיג געוואָרען, איז ווערמעגס חטא, מיינט איהר, איז דאָס? מסתמא מיינער. וואָרום ביז וואַנען — שרייט מיין ווייב — איך קעהר זיך פון דאַנען אַהער, קענען נישט נור מאַלינעס ווערעמדיג ווערען, נאָר טשוועקעס קענען אָנהויבען בליהען, חזרים קענען זיך אויסלערנען טאַנצען אַ קאָזאַצקע. נאָכ'ן מלאך-המות דאַרף מען מיך שיקען, אין דער ערד אַריין מיט'ן קאָפּ, מיט די הענד און פיס און לייב און לעבען... הכלל, איך האָב געקראָגען, וויפיל אין מיר איז אַריין.

און דער פועל יוצא איז, אַז איך האָב געדאַרפט לויפען צוריק אין שטאָדט אַריין קויפען מאַלינעס.

און אָט איצטער, ווי איהר זעהט, פאָהר איך דאָס צוריק זויפ'ן דאַטשע. אַ האָפנונג — דאָס לעצטע מאָל שוין... און אָט דאָס אָ, ווי איהר זעהט, פיהר איך דאָס די מאַלינעס. די מאַלינ— — — האַ? וואָס איז דאָס? — — — — וואו איז דאָס די מאַלינעס אַהינגעקומען! ? — — מיינע מאַלינעס וואו איז דאָס אַהינגעקומען! ? — — מיינע מאַלינעס! מיינע מאַלינעס! — א י ה ר ה אָ ט א ו י פ ג ע ג ע ס ע ן מ י י נ ע מ אַ ל י נ ע ס ! — —

—בערוהיגט זיך—האָב איך געשטאַמעלט דערשראָקען—גאָט איז מיט אייך... איך האָב געזעהען... עס שטעהט... האָב איך גענומען צום מויל... איך האָב געמיינט, איהר האָט עס געקויפט... אויפ'ן וועג צו קוויקען זיך... איך האָב זיך געקוויקט... פּאָסקודנע אין מויל... געקוויקט...

—געקוויקט! ? בעקוויקט האָט איהר זיך? ! געקוילעט האָט איהר מיך! געקוילעט אָהן אַ מעסער!... רוצחים! גזלנים! וואָס האָט איהר צו מיר? ראַזבאָיניקעס! בלוט-זויגערס! מיינע מאַלינעס! מיין בלוט!... בלוט!...

זיינע אויגען זענען געווען פערלאָפען מיט טרעהרען, זיינע באַקעלעכער האָבען ברייט געציטערט, פון מויל האָט געשפּריצט מיט

פיענע און זיין גאַנצער פנים האָט אויסגעדריקט ווי מען וואָלט נאָר וואָס פאַר זיינע אויגען זיין איינציג קינד אַוועקגעקוילעט און ער זוכט צו נעהמען נקמה... מיט זיינע טרייסלענדע הענד האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן מיינע לאַטצען, געטרייסעלט מיך און געשריגען:

—רוצח! מערדער! וואָס האָסטו געהאַט צו מיר? ! מיינע מאַלינעס! מיינע מאַלינעס!...

— — — — — — — — — — — —

וואָס איז געווען דער סוף, ווילט איהר וויסען? וואָס זאָל זיין. אין אַ האַלבע שעה אַרום איז מיין פאַרשוין שוין ווידער אַ מאָל געזעסען אין פאַיעזד, וואָס געהט צוריק אין שטאָדט אַריין.
דאָס איז ער געפאָהרען אין שטאָדט קויפען מאַלינעס.

אין פּענסיאָנאַט.

(דערצעהלט פון א יודען מיט א בריך).

—אַז מען קאָן גאָרנישט ווּיסען, פון וואָס מען קען אויפגעריכט ווערען, און פון וואָס דער אויבערשטער קען צושיקען די שטיקעלע פּרנסה.

אַזוי האָט מיר אָנגעהויבען צו דערצעהלען אַ יוד אַ דיקער, אַ הויכער, מיט אַ דיקען בויך, אָװעקזעצענדיג זיך נעבען מיר אויף אַ בענקעלע צווישען די דאַטשעס אין אָטוואָצק.

—מיין שרה גיטעל, מיין ווייב הייסט דאָס, האָט מיר שטענדיג אויפגעוואָרפען, אַז איך טויג מער נישט, ווי צום פרעסען און פּאַשען דעם בויך. משטיינס געזאָגט, וואָס איך פלעג זיך ביי איהר שוין איבערעסען. אַ שטיקעל ברויט מיט הערינג פלעג איך דאַרפען ביי איהר קליאַנטשען דריי טעג מיט אַ מיטוואָך, און ע שט דאַן פלעג איך דאָס קריגען מיט קללות און חרמות. די ביינער פלעגט זי מיר פערשילטען. „הלטוני", „פרעסער", אַ קישקע אָהן אַ דעק, אַ „זולל וסובא ניק" קיין אַנדער נאָמען האָב איך ביי איהר נישט געהאַט. און וואָס? באשר איך בין אַ גרויס-געוויקסיגער, אָהן עין-הרע, ווי איהר זעהט מיך, אַ מענש אַ גידול

אַ געזועצטער, מיט אַ בויך... און ווער איז אין דעם שולדיג? עס איז אַ גאָט-זאַך! איך פֿלעג שטענדיג טענה'ן צו מיינער, הייסט דאָס: שרה גיטעל, ווייסטו דען נישט, אַז נישט פֿון דיין האָרעוואַניע איז בײַ מיר דער בויך אויסגעוואַקסען. פֿון דיינע קעסט וואָלט איך שוין לאַנג געדאַרפֿט אויסציהען די פֿיס. אלא וואָס דען? עס איז ביי אונז אַזאַ „פּאָראָדע": מיין טאַטע, עליו השלום, האָט געהייסען משה דער גראָבער, מיין זיידע, מיין עלטערזיידע, אַ ליכטיגען גן-עדן זאָלען זיי האָבען, זענען אַלע געווען בייכיגע. אַ „פּאָראָדע" אַזאַ און יוצא.

האָבען זיי, הייסט דאָס, מיר איבערגעלאָזען בירושה אַ פּעמפּיק, האָב איך זיך מיט איהם וואָס צו האַלטען. אַן־אַנדערער וואָלט מיינען, אַז איך עס „מאַרציפּאַנעס". דער טייוועל ווייס, פֿון וואָס ער וואַקסט ביי מיר אַזוי ווי אויף הייוועז. אַ פיינע ירושה האָבען זיי מיר איבערגעלאָזען. בעסער וואָלטען זיי שוין פֿאַר איין וועגס כאָטש איבערגעלאָזען עטליכע רובל. בײַ אַ נגיד אַ בויך איז אַ כבוד, אַ צירונג און ביי מיר איז דאָס גאָר אַן־אָבקומעניש, אַ פערשטערעניש, ובפרט נאָך ביי אונז אין שטעדטעל קאַפּוליעוועקע, פֿערברענט זאָל זי ווערען, וואו אָהן „אַ צובעמעניש" קענען זיי נישט אויסקומען. איז איין געשעפֿט האָבען זיי: „אָט געהט דער בויך" „שלום עליכם אַ פּעמפּיק" „וואָס מאַכט אַ קעסיל-פּויק", קיין אַנדער עסק האָבען זיי נישט. און ווער רעדט, אַז איך דאַרף נאָך געהן אין מרחץ אַריין, איז דאָך נישט שייך, וואָלט איך ליבער געגאַנגען לעבעדיגערהייט אין קבר אַריין. שטאַרבען פֿאַר בזיון איז ווייניג; דאָס פּנים פֿלאַמט מיר ווי צונטער, אַלע טייטלען מיט די פֿינגער. געהערט אַ ביסעל. אָהן עין הרע, אַ מרחץ מיט יודען, דאַרע, קוואַרע, אויסגעמאָגערטע, פֿינסטערע יודען און איך איינער דרעה מיך אַרום מיט אַ בויך. און אַ בויך האָט אין זיך אַ טבע, אַז אין מרחץ טאַרטשעט ער נאָך אַרויס העכער, בולט'ער... ווי אויף צו להכעיס. איך מוז אייך זאָגען, אַז איך בין מיין בויך געוואָרען אַ דם שונא. און נישט איין מאָל פֿלעג איך גאָט בעטען, ער זאָל מיך בעפֿרייען פֿון דאָס דאָזיגע אָנשיקעניש?

איז וואָס-זשע טהוט גאָט? ווייזט ער אַ קונץ און דוקא דורך דעם דאָזיגען בויך ווער איך אויפגעריכט און אָבשטאַט דעם בזיון, צער און יסורים, וואָס ער האָט מיר פערשאַפט, האָב איך יעצט נחת און פערגעניגען און וואָס דער עיקר איז—פרנסה.

און וואָס בעשטעהט מיין פרנסה? ווילט איהר וויסען. און אַ פענסיאָנאַט בין איך, דאָ הי, טאַקי אין אָטוואָצק. געפאָהרען קיין וואַרשאַ זוכען פרנסה און אריינגעפאַלען אַהער קיין אָטוואָצק אין אַ פענסיאָנאַט, אין דער פאַבריק פון מענטשעשע פלייש און וואו מען שטאָפט אונז ווי די גענז.

איהר פערשטעהט אַ ביסעל? פון ברויט מיט טאַראַן בין איך אַריינגעפאַלען אין אַ גן עדן התחתון וואו מען שטאָפט מיך מיט פיינקוכענס, בלינטשיקעס, האָלענדער קעז און געבראָטענס מיט „קאָטלעטען", מיט פלאָדען, מיט קאַקאַאָ, מיט קאַווע, הכלל מיט כל טוב.

איך זאָג אייך, אַז מיין שרה גיטעל וואָלט דאָס דערזעהן ווי מען דערלאַנגט דאָס איהר שלימזל אין בעט אַריין די פרישע בולקע מיט פוטער און די גוטע גלעזעל קאַווע און ווי איך ליג דאָס מיר אין בעט ווי אַ שררה און לאָז מיר וואויל געהן און גיס מיר גאָלד אין האַלז — וואָלט זי משוגע געוואָרען. אך אַליין וועל איך זאָגען דעם אמת, בין אויך אין איין שרעק: צי איז דאָס נישט אָפטער גאָר אַ חלום. אַ נאָווינע, אַז עס חלומ'ט זיך, אַז דו עסט די בעסטע פאַטראַוועס מיט מאכלים, צום סוף כאַפסטו זיך אויף — בלאָטע. בייזט הונגעריג ווי אַ וואָלף און אין בויך הודעלט, ווי עס וואָלטען דאָרטען ארומגעפאָהרען 70 אויטאָמאָבילען מיט מוזיקע. און עס דאַכט זיך מיר, אַז אָט-אָט וועל איך זיך אויך אויפכאַפען ביי מיר אין בעט און קאַפוליעווקע —און פון דעם קאַווע, מיט דער בולקע מיט פוטער, מיט די מילך, מיט די פעטע פלייש וועט זיך אויסלאָזען אַ טייך, און ביי דער וייט וועט מיר גאָר שטעהן מיין שרה גיטעל און טרעגען די אָדערען, וואָס זאָל זי קאָכען מיטאָג.

איז וואָס-זשע איז מיין טועכץ, פרעגט איהר, אין מיין פענסיאָנאַט? און פאַר וועלכע מעשים טובים קומט עס מיר די

אַלע גוטע זאַכען? — ווע׳ל איך אייך דערצעהלען, נאָר בתנאי, אַז איהר זאָלט קיינעם נישט אויסזאָגען, ווייל דאָס איז אַ סוד, און אַז איהר וועט עמיצען דערצעהלען, קען עס מיר נאָך שאַדען.

מיין טועכץ איז דוקא אַ גרינגע טועכץ. איך בין אַ מוס־טער בין איך. אַ שילד אַזאַ. יעדער געשעפט האָט איהר מוסטער, איהר שילד, וואָס זי שטעלט אַרויס און ציינט פאַר די קונדען. אָט אַזאַ מוסטער בין איך אין מיין פענסיאָנאַט.

עס איז שוין ביי מיר מיט דעם בעל־הבית און בעל־הבית׳טע פון פענסיאָנאַט אַזוי אָבגעמאַכט, אַז ווען זיי שטעהען און דינגען זיך דאָרטען מיט אַ נייעם קונד און קענען מיט איהם נישט דורכקומען אין מקח, — גיט דער בעל־הבית אַ סיגנאַל, אַ וואונק, אַ הוסט, צי אַ ניס, — דאַמאָלס געה איך אַרויס פון מיין צימער און געה זיי אַ דורך פאַרביי מיט שטייפע געזונטע טריט, מעשה־פריץ. מיין בייכעל שטעל איך מיר אויס פאָראויס „נאַ פאַקטו“. דאַמאָלס הער איך ווי מיינע בעלי־בתים שמועסען זיך דורך מיט׳ן קונד.

— איהר זעהט אָט דעם יודען? — זאָגט דער בעל־הבית — בלויז דריי חדשים אַז ער זיצט ביי אונז אין פענסיאָנאַט. אָנגע־קומען אַהער אַ צרה׳דיגער, אַ קראַנקער, אַשוואַכער.

— אַ כולאָטניק, — פערבעסערט די בעל־הבית׳טע.

— קוים זיך געהאַלטען אויף די פיס, הויט און ביין.

— אַ גוטה־למות׳דיגער, אַ גוסס.

— און איצט איז ער אַ לייט!

— אַ שררה.

— אַ מאָנאַרכע!

— אַ חוץ זיין שאַדען, אויף אַלע קראַנקע געזאָגט געוואָרען.

פאַרטיג, מיין עובדה איז שוין אָבגעטון געוואָרען. דער נייער קונד בלייבט שוין אונזער גאַסט. און אַזוי אַרום האָט ער אין מיין זכות אַריינבעקומען אַ סך געסט, וואָרום אַזאַ מוסטער ווי איך, איז ווייט צו קריגען. פון מיר נעהמען זיי אַלע אַראָב אַ משל. און אַלע האַלטען מיט מיר אין איין רעדען און פונאַנדער־פרעגען זיך, ווי אַזוי איך עס, און וואָס איך עס, און ווען איך

עס. ביים טיש בין איך דער אויבען-אָן. זיי קוקען מיר אַלע אין מויל אַריין. קוקענדיג ווי איך ע ס — זאָגען זיי — דערוועקט זיך אין זיי אויך דער אַפּעטיט. אַ טשעמאָדאַנטשיק צו פּאַקען האָב איך, אַ דאַנק גאָט, נישט צו פערזינדיגען און אַפּעטיט האָב איך אויך נאָך פון דערהיים. מעהר נישט אין דערהיים האָב איך נישט געהאַט וואָס צו פּאַקען. און דאָ, אָהן עין הרע, וואַקסט ער און בליהט פון טאָג צו טאָג. און פון מיין בויך האָב איך אויך גאָר קיין עגמת נפש נישט. אדרבה, ער איז דאָ גאָר געהויבען געוואָרען. און אַלע האָבען פאַר איהם דאָ דעם גרעסטען דרך ארץ. איהר וואָלט זעהן, מיט וואָס פאַר אַ אויגען אַלע קוקען דאָס דאָ אויף איהם, וויפיל געסט זענען דאָס מיר מקנא. זיי וואָלטען וועלען כאָטש אַ העלפט פון איהם אַוועקפיהרען נאָכ'ן זומער אַהיים. ווארום מיר האָבען דאָ אין פענסיאָנאַט אַ סך נגידים, וואָס פערמאָגען די שענע קליינעס, נאָר אַ בויך, ווי איך, האָבען זיי אַ מכה.

נו, האָט מיר אַ גיטען. איהר הערט? מען קלינגט. מען דאַרף געהן עסען.

נחת פון אַ זוהן.

דערצעהלט פון אַ טאָמסקער יודענע, וואָס רעדט אַרוים זעהר שאַרף אַ „ר".

מסתמא מיר אָנגעחתמ'עט פון גאָטען נאָך פון ערב שבת הגדה, אַז איך זאָל האָבען דאָסאַדע היינטיגען יאָהר... איהר אויף מיר קוקט, מאָלאָדאָי טשעלאָוועק, וואָס איך קען ריידען אידעש?— ווען איך נאָך געווען אַ קאַלבע—איך נישט געקענט ריידען אידעש, אָבער גאָרנישט... מיר דער שוחט אויסגעלערענט ריידען אידעש, גוט... מיין מאַן געזעהן, איך קען ריידען אידעש גוט,— ער מיר געקויפט אַ פאָר סערגעס... גרויסע. צוואַ שטיק גאָלד זאָל... אַ משיח קומען...

עך, דאָס געווען אַ מאַן!.. ניקאָליי מיכיילאָוויטש, צאַרסטוואָ יעמו נעבעסנאָיע... אַ ניקאָלייעווסקער סאָלדאַט... !סאַרא פאָטשאָט געהאַט! אַי, אַי, אַי!... איך מיט איהם געגאַנגען ראָשעשאָבע אין שוהל... דעם אַנדער טאָג מיר געגאַנגען... מיר ניט געגאַנגען דעם ערשטען טאָג — מיר ניט געוואוסט... געקומען אַנטאָן איוואַנאָוויטש, אונזער סאָסיעד, ער זאָגט: ניקאָליי מיכיילאָוויטש, ביי אייך היינט פראַזדניק,— מיר געגאַנגען אין שוהל... אַ סלאָווני טשעלאָוועק געווען מיין מאַן... פאַר פאָקראָווע געשטאָרבען ביז

הונדערט און צוואַנציג יאָהר אַ גוטער בעטער... איך געקויפט אַ
סורעטשקע... איך געווינט... געווינט, מיך איבערגעלאָזט אַ נעס־
טשאַסטנע וודאָווא.. ניט זינדיגען קעגען גאָטען... איך געוואוסט,
איך בלייב אויף געהאַקטע צרות...

איהר פרעגט, מאַלאַדאָי טשעלאָוועק, וואָסערע צרות?—פון
מיין זוהן וואָלאָדיאַ האָב איך געהאַקטע צרות... אַזוי ניט אַ פער־
זינדיגען צו גאָטען—אַ גוטער זוהן... אַ גאָלד... אַז איך, אַלע
השאָלע, איין האָרע, קראַנק געווען—וואָספּאַלעניע ליאָכקין—
ער מיר געהיט ווי די אויג אויפ'ן שוואַרצאַפּעל... געלאָפען צו
דאָקטערס... ליעקאַרסטוועס... טאָג ווי נאַכט מיך געכאָליעט... ביז
איך געזונד געוואָרען. טייערער מיינער זוהן... בריליאַנט... דעם
לעבען פון דיר... ראַק געלערנט, ראַק געזאַנימאַיעט צאַך... אַ קאָר־
טען נישט אַ שפּיל... אַ בראָנפען נישט אַ טרונק... אַ שיקסע נישט
אַ לויף... סעם געקאָנטשעט גימנאַזיע... סעם... דער דירעקטאָר
איהם געכוואַליעט... אַי, אַי, אַי!... זאָל מיר גאָט אַזוי העלפען..
איך וואַרט היינטיגען יאָהר,—ער פּאָסטופּאַיען אין אוניווערסי־
טעט,— איך האָבען אַ נחת פון אַ זוהן... אַ שטודענט...

איך וואַרט און וואַרט... ער נישט פּאָסטופּאַיעט אין אוני־
ווערסיטעט... איך צו איהם זאָג: וואָלאָדיאַ, פּאַרוואָס דו נישט
פּאָסטופּאַיעסט אין אוניווערסיטעט? ער זאָגט: איך זיי נישט, מאַ־
מאַשאַ, אַ פּראַוואָסלאַוונער; איך זיי אַ ייד, איך ניט קען פּאָסטופּאַ־
יען. איך ניט וויל אַ שמד'ען זיך... מיינע שונאים'ס אויף לייב
און לעבען, נו, טאַק וואָס? דאַרף מען טאַקי פּראָפּאַדאַיען? נעמט
מען און מען אַ שמד צאַך—און האָדיע!... ווי זאָגט איהר,
מאַלאָדאָי טשעלאָוועק? די נשמה איז ווסיאָ ראַוונאָ ווי אַ רעטאַך—
נישט אַהין און נישט אַהער... רעד צו איהם, רעד צו אַנ'אַרבעס
אויף אַ וואַנד. ער נישט וויל אַ שמד'ען זיך און האָדיע... ניט און
ניט... נעסטשאַסטנאַיאַ יאַ זשענשטשינאַ!...

אַלע טאָוואַרישצעס סעם גע'שמד'ט צאַך... סעם... באָריס
יעפימאָוויטש, יעוגעני סערגעיעוויטש, אַנאַ מיכיילאָווגאַ... דער
גאַנצער אינושינער-טעכנאָלאָג, דער טעם אַ ווראַטש... נור מיר אַ נע־
באַך נישט באַשערט צו האָבען אַ נחת פון אַ זוהן. איך דאַרף דאָס

אַ סטראַדאַיען!... אַך, באָזשע מאָי, באָזשע מאָי!...

מיין ברודער, אַרקאַדי פּעטראָוויטש, איהם זאָגט: וואָלאָדיאַ, איך דיר ליב ווי מיין דושאַ. דו נאָך יונג... דו דאַרפסט גיין דינען אין וואָיענע סלוזשבע. דו בעסער פּאָסטופּי אין אוניווער-סיטעט,— דו נישט דאַרפען גיין אין סאָלדאַטען... ביי לייטען אַ נחת פון קינדער... שמד צאַך... מיר האָבען אַ גוטען גאָטען, ער דיר און אונז אַ העלפען... ער, מיין זוהן, אונז הערט ווי אַ נעכטיגער שניי...

איינמאָל, סעם באַלד איבערגערעדט. איך און מיין ברודער אַרקאַדי פּעטראָוויטש סעם איינגערעדט... צוגעשטאַנען... איך געוויינט, געקליאַנטשעט: האָב ראַכמאָנע אויף מיר, נעסטשאַסטנאַ-יאַ זשענשטשינאַ, איך, דיין איינאיינציגע מאַמאַשאַ. וויפיל איך געסטראַדאַיעט ביז איך דיר אויסגעהאָדעוועט .. ער סעם גענומען אַ איזוואָזשציק, געפאָהרען צום קסיאָנדז—זאָל זיין צום קסיאָנדז... מיין ברודער אויך געפאָהרען, אונזער סאָסיעד אַנדריי גאַווריליאָ-וויטש אויך געפאָהרען, דער דירעקטאָר און דער קרעסטני אָטיעץ קאַריטאָן וואַסיליעוויטש—אַלע געפאָהרען... מיין זוהן, וודרוך, פון געלער הויט, זאַך צעוויינט, אַראָבגעלאָזען אַ טראַך מיין ברו-דער, זיין אייגענעם דיאַדקע, איבער מאָרדע, אויסגערעדט כל שמשים אויף זיין קאָפ, אַראָבגעשפרונגען פון איזוואָזשציק און אַ שיאָק דאַ אַ טיאָק...

אָך—כאַ-כאַ-כאַ! האָספּאָדי באָזשע מאָי... ביין נאַכט ערשט געקומען אַהיים, אַ סטראַשנער... די אויגען רויט... עין הרע קראַנק געוואָרען... גערופען דאָקטערס... אַפּטייקען, ראַסטראָיסטווע... ליעקאַרסטווע. איך, אַ מאַמאַשאַ, אַנ'איינציגע מאַמאַשאַ — מיר וועה דאָס האַרץ, וואָס איך קען טון?

האָט אַ פּעראַיבעל נישט, מאָלאָדאָי טשעלאָוועק, איך אויך אייך אויסגעגאָסען מיין ביטער האַרץ. ווי זאָגט אַ פּאָסלאָוויצע: צאַנ'אָקס האָט אַ לאַנגע צונג און... קיינער נישט ווייס וועמען אַ שוך אַ קוועטש. אָך—כאַ-כאַ-כאַ...

איך ווער א שפעקוליאַנט.

באמת גערעדט, בין איך אַ גאַנץ לייטישער מענש, הנם צוייטענווייז גיב איך זיך אָפּ מיט שרייבעריי. איך שרייב לידער, פּאָעזיע און נאָך אַזוינע זאַכען, און דאָס קאָן מיר די וועלט נישט מוחל זיין.

און אויב אין שלום-צייט, ווען די שפּעקולאַציע אויף דער וועלט האָט נישט פאַרנומען אַזאַ בכבוד'יגען אָרט, בין איך, לא עליכם, געווען דער לא יוצלח און דער שלי'ם-מזל, אַ פּשיטאַ שוין איצט, ווען די וועלט קנאַקט מיט שפּעקולאַנטען. מ'שטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ פּנים און וואָס פאַר אַנ'אויסזעהן איך האָב.

בעזונדער שלעכט האָב איך זיך דערפיהלט, זינט מיין בעקאַנטער, יואל'יק דער שטאָדט-נאַר, וואָס האָט געמאַכט אין אַ קורצע צייט אַ האַלב מיליאָן אויף לעדער, מאַנפאַסיע און דזעגאַכץ, האָט מיר אָבגעשטעלט און אַ פרעג געטון:

—זאָג מיר, האָסט שוין געמאַכט דיינע ריש אַלפים קערבע-לעך, אָדער דו ביזט אַנ'אידיאָט?

אַזאַ בעליידיגונג האָב איך שוין ניט געקאָנט אַריבערטראָגען און האָב בעשלאָסען צו ווערען אַ שפּעקולאַנט. אויס! זאָל מיר נישט פלאַטען דאָס פּנים פאַר דער וועלט און פאַר לייטען. און דער עיקר — פאַר מיינע קינדער. וואָרום, באמת, וואָז וועל איך ענטפערן מיינע כשרע עהרליכע קינדער, ווען יענע וועלען אויף

דער עלטער מיך אַ פֿרעג טון: טאַטע, וואָס האָסטו געטון אין דער צייט פֿון דער שרעקליכער וועלט־מלחמה? גע׳ה, זאָג זיי, אַז איך האָב ניט געשפּילט אויף דער בערזע און האָב נישט שפּעקולירט.

—לעבעדיגערהייד וועל איך זיך דאַרפֿען בעגראָבען פֿאַר חרפּה. לאָמיר בעסער ערפֿילען דעם הייליגען חוב און מיט שטאָלץ זאָל איך קאָנען אָנקוקען מיינע קינדער אין די אויגען און ענטפֿערן: יאָ, קינדערלעך, אייער טאַטע איז געווען אַ שפּעקולאַנט און מאַראָדער!

האָב איך אַראָבגעוואָרפֿען פֿון זיך מיינע ברילען, אָבגעשוירען מיינע לאַנגע האָר, אַרונטערגענומען מיין ליטעראַרישען קראַוואַט, און אַוועק צו „סעמאָדעני׳ן" אויף דער בערזע.

געקומען צו סעמאַדעני׳ן, לויפֿט־צו איינער אַ פֿאַרשוין און דערלאַנגט אַ פֿרעג ראַפּטאָם:

—האָט איהר מאַליאַס?

—וואָס?

—מאַליאַס? פֿערציג באָמע?

—ניין!

לויפֿט צו אַ צווייטער און טוט אַ קלאַפּ־אָב גיך ווי אַ רוח:

—האָט איהר אפשר אַ וואַגאָן „מעטאַרמאָפּאָזע"?

ענטפֿער איך ווייטער:

— ניין!

און אַזוי כּסדר: צי האָב איך סערע 98, צי האָב איך קראַנען, מאַרלע, מאַנפֿאַסיע, אַלבאָם־פּאַפּיר, מאַשטש פֿאַר רעזער, זייף, טשועקעס, פּאָדקאָוועס, צי האָב איך טשעקען און ווי טייער האַלט אין מיינע מקומות אַ פֿונט קערענקעס.

קוק איך איהם אָן כּסתמא ווי אַ משוגע׳נעם: אַ השגה פֿון אַ מענשען, צו פֿרעגען, אויב איך האָב נישט קערענקעס אויפֿ׳ן פֿונט! אַז בסך־הכּל בעשטעהט מיין קאַפּיטאַל פֿון אַ קופּאָן „וונוטרעני׳ע" פֿאַר 2 ר. 75, אַ קופּאָן „סוואָבאָדנע" פֿאַר 12 ר. 75. און פֿון אַ פֿינף שאַגעס און חוץ מזה האָב איך נאָך אַנ׳עטיקעטעל פֿון ל כּאָנדע, וואָס עמיצער האָט מיר אַריינגעשפּאַרט אָנשטאָט אַ קערענקע — היינט, גע׳ה, פֿערקויף איהם קערענקעס אויפֿ׳ן פֿונט

זעהט ער, ווי איך קוק אויף איהם אַזי, ווערט ער שוין בייז און שרייט-אויס:

—וואָס-זשע דען האָט איהר? און וואָס דאַרפט איהר?

— וואָס זאָל איך האָבען? — זאָג איך — איך האָב געדיכטען גאָעמען, סאָנאַטען, און דאַרפען דאַרף איך אַ גראַם צו קאַפּעליוש.

ווערט אַ בהלה אַרום מיר:

— געדיכטען? מיר קויפען! גראַם — זאָגט איהר? וויפיל גראַם? סאַלטי-מעריפעריקום אָדער קוואַטי-סאַבאַטאַריקום? געדיכטען זאָגט איהר, אפער האָט איהר שיטערן? און וואָס פאַר אַ מאַרקע?

אין איין מינוט לויפט-צו אַצווייטער און טראַסקעט-אָב מיט איין אָטעם:

— איהר האָט, דאַכט זיך, דערמאָהנט קאַפּעלישען — וועלכע קאַפּעליושען? גאַליציאַנער אָדער דייטשע? האַרטע אָדער שטרויענע? יודען, ס׳איז דאָ קאַפּעלישען! האַרטע קאַפּעלישען! שטרויענע קאַפּעליושען! איך קויף! איך נעהם! גיט אַנ׳אָרדער ביז מאָרגען!

— איהר האָט טעות!— זאָג איך — דאָס איז נישט קיין אמת׳ע קאַפּעליושען. ס׳איז אַ וואָרט אַזא, וואָס איך קאָן צו איהם נישט געפינען קיין גראַם. איך האָב מורא, אַז איך וועל מיין געדיכט כוזען מאַכען אָהן גראַמען, נאָר אין ווייסע פערזען.

— וואָס-זשע דרעהט איהר אַ ספּאָרעק? זאָגט-זשע, אַז איהר האָט פערזען, וועלען מיר שמועסען וועגען פערזען.

די גאַנצע בערזע ווערט אויפגעקאָכט, ווי אַ קעסעל: ווייסע פערזען, בעסטער סאָרט, יודען, פערזען! גרינע פערזען, שוואַרצע פערזען! אַ וואַגאָן פערזען! צוויי וואַגאָנען פערזען!

— וואָס, נאַליטשנע? — רוימט שוין איינער מיר אין אויער אַריין — נו, און אַ דובליקאַט? — ס׳איז נויטיג צו וויסען. אַהער אַיער פערזען! וועלכע פערזען?

—אַלערליי פערזען — זאָג איך — יאַמב, כאָריי, מיט ריימען און אָהן ריימען.

— ווייזט פּראָבעס! איך קויף צוויי פוד יאַמב, צוויי זעק כאָריי. אַ ער דעם דובליקאַט!

— איך האָב נישט קיין דובליקאַט — זאָג איך — איך האָב אַ מאַנוסקריפּט, אַ פראַגמענט פון אַ גאַנצען ציקעל.

— הערסט אַ מעשה! אַ מענש האָט אַנ'אוצר מיט סחורה און שווייגט — זאָל זיין מאַנוסקריפּט! ווי טייער אַ פינט מאַנוסקריפּט? ווי טייער אַ פראַגמענט? שטעהט נור: איהר זאָגט ציגעל — טאָ רעדט-זשע דבורים: וואָסער ציגעל, ווייסע אָדער רויטע, געברענטע אָדער נישט קיין געברענטע?

— יודען, ס'איז דאָ ציגעל! ציגעל!

— ס'איז נישט קיין ציגעל — זאָג איך — דאָס איז אַ ציקעל, אַ סעריע, הייסט דאָס.

— אַ סעריע! וועלכע סעריע? שטאָדטישע, זעמעלנע, וונוטרענע. וואָיענע, קראַטקאָסראָטשנע?

— לאָזט מיך געמאַך! דאָס איז ניט קיין שטאָדטישע און נישט קיין זעמעלנע. דאָס איז פּאָעזיע, ליריק, איהר פערשטעהט? ליריק, שטימונגען, אימפּרעסיעס, טריאָלעטען, אַקאָרדען...

— ליריק איז ליריק! מיר קויפען אַלץ! וויפיעל ליריק?

— דריי וואַגאָן אימפּרעסיע!

— פינף קאַסטען טריאָלעטען!

— טריאָלעטען!

— טואַלעטען-זייף!

— איך האָב אַ קונה! איך גיב, איך קויף, פּאָדאַדקע, אָרדער, דובליקאַט, זאַדאַטעק...

דער עולם האָט מיך שוין נישט געהערט, די גאַנצע בערזע האָט געקאָכט מיט נייע סחורות: פראַגמענט, ליריק, אימפּרעסיעס, יאַמב, ווייסע פּערזען, קאַפּעלישען, טריאָלעטען, טואַלעטען-זייף.

דער עולם האָט געפּלאַמט, געהוישעט, ווי די בינען. מקחים זענען געשטיגען ווי אויף הייוון. ט'איז געמאַכט געוואָרען צעהנדליגער „סדעלקעס". מעקלערס האָבען זיך געריסען מכח דער מעקלעריי.

דער עולם האָט מיך שיער נישט צוריסען. ווער ווייסט, מיט וואָס עס וואָלט זיך געענדיגט! אַ נס, גאָט האָט געהאָלפען, אַנ'עסקאַדראָן סאָלדאַטען האָבען אַרומגערינגעלט די בערזע און מיך מיט דער גאַנצער כאָפּטע ספּעקולאַנטען אָבגעפיהרט אין מיליציע אַריין.

אידישיסטען.

(א מאָנאָלאָג פֿין א קיעווער יוד).

—ווי געהט עס מיט מיין סעמייסטוואָ? נישט צו פֿערזינדיגען
עס דרודעלט זיך... הייגט געהט ביי אונז אַ נייע סדרה—אידישיזם,
וואָס איז דאָס פֿאַר אַ נייע נאמנה אַזאַ? — ווייס איך נישט.
זאָגען, זאָגט מען, אַז דאָס איז כּמעט דאָס זעלבע, וואָס אידישקייט,
נאָך מעהר פֿון אידישקייט, אידישקייט מיט אַ שמיציג... און מען
פֿערטייטשט עס מיר מיט כּל-ערליי משונה-מאָדנע ווערטער, הלואי
זאָל עס זיין צו גוטען.

עס איז געקומען אַזוי ווייט מיט דער דאָזיגער אידישקייט,
אַז איך בין שוין געוואָרען דער גוי. אַמאָל פֿלעג איך טענה'ן
צו מיינע קינדער: זייט אידען! הייגט טענה'ן זיי צו מיר: טאַטע,
זיי אַ איד!... אַמאָל איז מיין עלטערער זוהן געווען זינאָוויע
וולאַדימיראָוויטש, מיין יונגערער זוהן — גערשאָסים וולאַדימיראָוויטש
און מיין טאָכטער, די קורסיסטקע—קלאַוודיאַ וולאַדימיראָוונאַ.
איך בין, הייסט עס, געווען דער וולאַדימיר. געפֿעלט
אייך עפּעס אַ וולאַדימיר? וואָרום, איך, אַז איך נעהם
אַראָב דאָס היטעל און בלייב אין יאַרמולקע, זעה איך דאָך אויס
ווי אַ גע'עכטער קריסט... הייגט פּרובט אָנרופֿען מיין זוהן „זינאָוויע",

וועט ער אייך די אויגען אויסדראפען. זלמן זאל מען איהם רופען, און נישט נור זלמן, נאר זלמן-טודרס — ער האט זיך דערמאנט אז די באבע, ע"ה, האט אמאל געזאגט, אז ער האט נאך א נאמען, נאך אנ'עלטער-זיידען, טודרס... און מיין גערעסים הייסט זיך רופען ג ר ו נ ם. עס געפעלט איהם דער נאמען גרונם. אמאל איז אזא נאמען געווען חוכא וטלולא, הײנט איז עס א געהויבענע זאך. עס האט אין זיך, זאגען זיי, א קלונג אזוינעם. סע קלינגט מיט עפיס אזוינס, ווי רופען זיי עס, פאלקטילימליכקייט... דער גוטער יאהר' ווייסט זיי...

אמאל, א שטייגער, פלעגען קומען צו מיינע קינדער געסט, חברים. פלעג איך שוין און מיין אלטע מוזען ברעכען זיי צייהן און רעדען רוסיש. נישט איינמאל פלעגט מיין אלטע זיך וועלען אויסדרעהען און שיקען מיך: געה-שוין, געה, וועלוועל, די געסט זענען געקומען און מען דארף מיט זיי רעדען רוסיש, און איך האב אזוי קיין צייט נישט און קיין כח נישט... פלעג איך שוין געהן. פארט א מאנסביל, מעהר קוראזש. „זדראסטי, זדראסטי"!.. הײנט פרובט זיך אויסרעדען „זדראכטי", וועט מען אייך דורס זיין. און ביי מיר — א רגילות, א לעבען, אז מען מושטירט מיך. כאפט זיך אמאל ארויס מיט יונגווארג א „זדראסטי!" איז הימעל עפען זיך, פינקט ווי איך וואלט בעגעהן, ווער ווייס וואס פאר א קרימינאל. „אידיש, אידיש, אידיש, זאל מען רעדען!" — גוטע יאהרען, אז מען הייסט טאטע-מאמע רעדען אידיש. מילא, אידיש, איז אידיש. נאר וואס איז דאס אבער פלוצלונג געווארען אזא בהלה מיט'ן אידיש, פערשטעה איך ניט. מיט דער שטוב-שיקסע רעדט מען שוין אידיש; מיט דער קאץ, מיט דעם הונט, מיט דער בהמה... כ'מיין, אפשר זענען זיי גערעכט... פון וואנען איז טאקי געדרונגען, אז מיט א בהמה און מיט א קאץ דארף מען רעדען רוסיש? אבער וואס פערלאנגען זיי — אז עס קומט לפידות דער רופא אדער קלמנזאן דער פאדריאדטשיק, זאל איך מיט זיי אויך רעדען אידיש. א שען פנים וואלט עס האבען, ווי מיינט איהר?

וואלט עס געווען כאטש א אידיש-רעדען! פערשטעה איך

ייער אידיש נישט מעהר פון דאָס גאַנצע אידישקייט זייערס, אַז „געטראָפען אַ סלוטשיי״ איז ביי זיי „געשעהען אַ געשעהעניש״, אַז אַזאַ פשוט וואָרט, ווי „ניעפּריאַטנאָסט״, איז ביי זיי אונאַנ־נענעמליכקייטישקייטען... איהר קענט עס ארויסרעדען?

אַנו, זייט אַ בריה און טרעפט, וואָס איז דער טייטש: „אָנגעווענדעט די אויפמערקזאַמקייט״, „געמאַכט אַ בעמערקונג״ און „געענדיגט״? טענה איך צו זיי: אַמער רעדט אידיש: „אָבראַש־צאַעט וונימאַניע״, „געמאַכט אַ זאַמיעטשאַניע״ און „געקאָנטשעט״ — וועט מען פערשטעהן וואָס איהר רעדט!

אַ פּנים האָט עס געהאַט, ווען מיין טאָכטער פלעגט, נישט היינט געדאַכט, רעדען מיט מיין אַלטער רוסיש, און אַ פּנים האָט עס ביי מיר היינט, ווען זי רעדט מיט איר אידיש, מיין טאָכטערס אידיש: שטימונג, און לאַנגווייליגקייט, און סאַנטימענטאַליטעטלוזי־קייט... פון וואַנען קען איך דאָס אָט די ווערטער? — אָט, מען הערט זיך אָן, איינגעשטודירט. פאָרט בין איך דאָס עפּיס אַ מאַנס־ביל. נור מיין אַלטע, נעבעך, מוטשעט זיך נאָך היינט מיט דעם אידיש, ווי אַמאָל, נישט היינט געדאַכט, מיט דעם רוסיש. אַ אי־דענע פערבייט זי די יוצרות. וואָרום, באמת, געה זאָ אַ בריה און טרעף, ווען מען דאַרף זאָגען „אויסוואורף״, ווען „פאָרוואורף״ און ווען „אויפרוף״!?

און וואָס נאָך בעשטעהט זייער אידישקייט? — מען שטודירט דעם צאינה־וראינה און נאָך אַזעלכע תחינות...

מיין זינאָוויע, מיין זלמן טודרס. מיין איך, זעצט זיך אַוועק איבער׳ן צאינה־וראינה, ווי אַ פּראָפעסאָר אין פּאָנסנע, אָהן אַ הי־טעל און לערנט מיט גרויס התמדה. קנייטשט דעם שטערן, דרעהט מיט׳ן גראָבען פינגער און פערגעהט זיך פון גרויס טיעפקייט און מתיקות... מיין גרעאַסים, גרונם מיין איך, שרייבט פון דאָרטען איים גאַנצע שטיקער צו זיך אין ביכלעך אַריין, מיט הערות, מיט הנהות און פּרושים, און מיין טאָכטער קלאַוודיאַ, קיילע מיין איך דרוקט עס אָפּ אויף אַ שרייב־מאַשין.

איהר פערשטעהט? 38 יאָהר איז מיין זלמן־טודרס אַלט. אויסגעשטודירט און אויסגעלערנט אַלע נאַאוקעס שבעולם; אויסגע־

ווען, וואו די וועלט האָט אַנ׳עק: אין לייפּציג, אין פּאַריזש און אין פראַנציע, אויסגעלייענט אַלע ביכער מיט אַלע פילאָזאָפיעס, מיט אַלע ביבליאָטעקעס מיט אַלע פּראָקלאָמאַציעס מיט טאָלסטאָיען און דאַרווינען און גאָרקי׳ן און איידיסאָן. נישטאָ קיין זאַך, וואָס ער זאָל נישט וויסן. ווילט איהר, וועט ער אייך דערקלערן דעם שכל פון אַ גראַמאָפאָן; ווילט איהר, וועט ער דעקלערן, פאַר וואָס איז אין קיטיי אַ רעוואָלוציע. און טאָמער איז אין קיטיי נישטאָ קיין רעוואָלוציע, וועט ער אייך דערקלערן, פאַרוואָס איז דאָרטען נישטאָ קיין רעוואָלוציע. ווילט איהר, וועט ער אייך מאַכען אַ רעגענבויגען אין מיטען העלען טאָג. נישט אויפ׳ן הימעל, חלילה, נור אויף דער ערד ממש, מיט אַ קוואָרט וואַסער און אַ שפּריצער... ווילט איהר וועט ער אייך דערקלערען, דעם שכל פון געלד. נישט ווי אַזוי מען פערדיענט געלד. אויף דעם, ברוך השם, דאַרט מיר נאָך דער מח. נור דעם עצם ענין פון געלד, פאַר וואָס, אַז מען האָט געלד איז מען אַ נגיד, און אַז מען האָט נישט קיין געלד איז מען אַנ׳אביון און אַ קבצן אין זיבען פאָלעס, פאַרוואָס אַ שניידער נעהט קליידער און אַ שוסטער שיך, הכלל, וואָס איהר ווילט נור אַליין; און איצט איז ער געקומען צום שכל, אַז די גרעסטע נאָאוקע איז רעדען אידיש, און אַז מען דאַרף רעדען אידיש דוקא מיט דקדוק, און די גרעסטע חכמה שטעקט אין צאינה וראינה...

און איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז דאָרט געפינט זיך אַזעלכע גאוונות.

איהר האָט געמעגט אַמאָל זיך צוהערען, ווי אַזוי מיין זלמן־טודרס לייענט דעם צאינה־וראינה הויך אויפ׳ן קול פאַר אַנ׳עולם פון זיינע געסט. ווי אַזי אַלע חאַפּלען דאָס אָנגעשטעלט מויל און אויערען און זעבען מכּון יעדער וואָרט: „און האָט גאָט געזאָגט צו נח, דאָס איך וועל טהון פערטיליגען אַלע באַשעפעניש און וידמענונגען, וואָס טהוען טהון וידמעגען אויף דער ערד, נייערט דו דאָס דער געפינען האָט חן זעליגקייט“... ווערט אַ שמחה אויף אַלעמען: „פערטיליגען!“ אָוואַ! „טהוען טהון פערטיליגען!“ ס׳אַטייער וואָרט! ס׳אַ גאָלדען וואָרט! „וידמענונגען!“ און „נייערט!“ היינט

„זעליגקייט“... הכלל, מען צעגעהט פאַר התפעלות.

און וואָס נאָך? די צאַצקעס פון צאינה וראינה פערנעהמט ביי זיי אַנ'אויג. קלייבען זיך אַרום נעבען יעדער צאַצקע פון טייטש=חומש בעיאָהרענטע מענטשען, סטודענטען, מאָהלער פון קאַדעמיע און מען לעקט די פינגער. וואונדער איבער וואונדער! איך כאַפּ אויך אַ קוק. אַ צאַצקע. „דאָס איז די מעשה, ווי אדם און חוה זענען אַרויסגעטריבען פון גן=עדן“. „דאָ בויט נח די תיבה פון פימסענהאָלץ“. „דאָס איז, ווי רבקה גיט צו טרינקען די קעמלען פון אליעזר, דער קנעכט פון אברהם“. וואָס זאָל זיין? אב געמאַלעוועטע קאַרטינעס. וואָלט עס כאָטש זיין געמאָלט מיט'ן האַנד, איז עס געדרוקט מיט אַ מאַשין. זיי אָבער געפינען דאָרט מאָדנע חדושים: „שטיל“ און „קונץ“ און „שטריך“ און „כאַראַקטערס“ און „היסטאָריע“ און ווי רופען זיי עס, פאָלקטילימליכקייט. זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווייסט איהר נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס?

צו טוען זיי עפּעס, מיינע קינדער, געשעפט? איך ווייס? עפּעס האַוועט מען, עפּעס געהט ביי אונז אין שטוב אַ מסחר, נור איך ווייס נישט מיט וואָס. האָלץ נישט האָלץ, וואַלד נישט וואַלד, תבואה נישט תבואה, נור עפּעס א משונה=מאָדנע סחורה. וועדליג איך הער חזרנ'דיג דעם נאָמען, הייסט עס פאָלקלאָר. האָט איהר געהערט אַמאָל פון אַזאַ סחורה?

דערווייל איז ביי מיר אין שטוב אַ פאָלנע קאַנטאָר, אַ קאַנטאָר פון פאָלקלאָר. מיין זוהן איז דער גלאַוונער דירעקטאָר. „טאָרגאָווי דאָם זלמן טודרס עט קאָמפּאַניע“... ביכער מיט שרייבגעצייג, מיט קאָרעספּאָנדענציעס, מיט קאַנצעלאַריעס. משולחים פאָהרען אַרום בכל תפוצות ישראל, מיט טשעמאָדאַנען, מיט פּאָרטפּעלען. ווער עס אַרבייט אויף געהאַלט, ווער אויף פּראָצענטען. און טעלעגראַמעס געהען, קאָרעספּאָנדענציעס, געדרוקטע קאָנווערטען, פירמעס... און עס ווערט איינגעהאַנדעלט סחורה: אַלטפרענקישע מטלטלים, חפצים פון מלך סאָבעצקעס יאָהרען, שברי כלים, לידלאַך, אַ מעשה מיט אַ רב און אַ רביצין, ווערטלעך, משלים, רעטענישען... איך קאַווער אייך, אַז ווען עס מאַכט זיך אייך אַ קאַזיאָנער פּאָדריאַד פון אינטענדאַנטסטוואָ, וואו איהר קענט כאַפּען אַ

ר״ש אלפים רובל (און איהר זענט דאָך אַ איד אַ נצרך, וואָרום וועלכער איד איז נישט קיין נצרך?), וועט איר זיך אַזוי נישט דערפרעהען, ווי מיינע קינדער, ווען זיי דערטאַפּען ערגעץ אַ קנעפּיל פון אַן׳אַלטער יאַרמאָלקע, אָדער אַ לידעל פון אַ ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַט.

מיין יונגערער זוהן, גרונם, ארבייט דאָ הי אויפ׳ן פלאַץ. יעדעס מאָל פאַלט ער אַריין מיט אַנ׳אַנדער גדולה. און יעדעס מאָל איז ער אויסגעשמירט ווי אַ שד. דאָ איז ער געקראָכען אויף אַ בוידעם און געפונען אַנ׳אַלט דעקעל פון אַ שמעק-טאַבאַק-פושקע און דאָ איז ער געלעגען אונטער אַ בימה פון ערגעץ אַ שוהל, געפונען אַ שמה פון אַנ׳אַלטער תחינה.

איך, אַז איך וועל דערזעהן אַ שמה, וועל איך עס אויך נישט לאָזען וואַלגערן זיך אויף דער ערד. איך וועל עס אויפהויבען און פערשטעקען ערגעץ. ביי זיי איז דאָס אָבער גאָר אַ געהויבענע מצוה געוואָרען. ביי זיי גלעט מען עס אויס און מען פרעסט עס אויס און מען קלעבט עס אַריין אין אַ בוך, און מען שטעלט עס אַריין אין אַ שאַפע הינטער אַ גלאָז נאַ פּאָקאַז.

איר האָט, אויף אַ טשיקאַוועס געמעגט אָנקוקען די דאָזיגע שאַפע, וואָס דאָרט טוט זיך! אַ מין רומעל מיט סחורה: אַ צובראָכענער שופר, אַ פערשוואַרצטע רעהר פון אַ הענג-לייכטער, אַ טאָוועל פון אַ מעביר יבוק, אַ טייטעל, אַ שמחת-תורה-פאָהן, אַ פסול׳ע ציצה, אַנ׳אָבגעשלאָגענע הושענה וכדומה...

און יעדער זאַך ליגט „פאָ נאָמעראַציע“, פערשריבען אין רעיסטער מיט אַ סדר, מיט אַנ׳אָרדנונג און מיט אַ פּאַראַנדעק...

פרעג איך אַמאָל מיין זלמן טודרס׳ן: זאָג מיר, זאָג איך, צו וואָס קלייבסטו דאָס דעם גאַנצען האַרמידער מיט קלאַפּערגעצייג און שברי-כלים? זאָגט ער, דאָס איז אים טייער, מחמת דאָס איז אידישקייט. זאָג איך אים: אַ מאָדנע אידישקייט איז ביי דיר דיין שופר בלאָזט נישט, דיין הדס-פושקע שמעקט נישט, דיין גראָבער גראַגערט נישט. אַ צוקאַליעטשעטע אידישקייט ביי דיר. זאָגט ער, אַז זיין אידישקייט איז די אמת׳ע אידישקייט און פאַרקעהרט: מיין אידישקייט איז אַ צוקאַליעטשעטע. זאָג איך אים: אַ שען

אידישקייט איז עס, אַז איבערשרייבען פֿון צאינה-וראינה, איז רעכט אָהן אַ היטעל, און לויפֿען הערען דעם רבינ׳ס נגון אין שטיבעל פֿאָהרט מען אויפֿ׳ן טראַמוואַי און דוקא אום שבת. זאָגט ער, אַז דאָס איז אַלץ גאָרנישט. דער עיקר איז דער תמצית פֿון אידישקייט, און דאָס האָט ער, און ביי מיר איז עס בלויז דער טפֿל. איר פֿערשטעהט? ער מיט די שברי-כלים איז דער גאַנצער איד און איך בין דער טפֿל-איד. ווער איך שוין ברוגז און זאָג: אַז ביי מיר איז טאַקי דער טפֿל, פֿונדעסטוועגען וועלען מיר זעהן, ווער וועט אַ קיום האָבען. אידען זענען איבערגעקומען גרעסערע משולחת׳ן, וועלען זיי איבערלעבען דאָס אידישקייט אויך!

קריגען מיר זיך. דאַכט זיך אין פֿלוג, קינדער זענען געוואָרען אידען, הייסע אידען, און רעדען עפּעס פֿון אידען און אידישקייט און די מחלוקת זענען געבליבען דיזעלבע, ווי, נישט היינט געדאַכט, אַמאָל, ווען איך בין געווען דער איד און זיי די פּאָליטישקע דעמאָקראַטען. נאָר אויף דעמאָקראַטסטווע און ראַבאָטשי וואָפּראָס פֿערשטעה איך זיך נישט, אָבער אויף אידישקייט פֿערשטעה איך זיך שוין אויך נישט? איך פֿרעג אייך?

נור איר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגען? עס איז דאָך בעסער, ווי, נישט היינט געדאַכט, אַמאָל, ווען אין דער דאָזיגער שאַפֿע איז געלעגען די טריף-פּסולע סחורה מיט די זאַפּרעשטשאָנע ביכלעך, און איך האָב בעדאַרפֿט ציטערען, ווי אַ פֿיש אין וואַסער. היינט איז, דאַכט זיך, קיין געפֿאַהר נישטאָ, ווי מיינט איר? און אפֿשר? ווער ווייס? אידישיזם, פֿאָלקלאָר, פֿאָלקטילימליכקייט. עפּעס זענען מיר די נעמען נישט גלאַטיג. מען קען זיך נישט טשעפּען, ווי מיינט איר?

זאָג איך צו מיינע קינדער: איך וואָלט וועלען זעהן אַמאָל אַ קונה אויף דער דאָזיגער סחורה. עפּעס האַנדעלט איהר און האַנדעלט און קיין קונים זעהט מען נישט. ענטפֿערט מען מיר, אַז אַזאַ סחורה פֿערקויפֿט מען נישט, מחמת אַזאַ סחורה איז אַ נאַציאָנאַלע רייכטום, אַנ׳עשירות פֿון אַ פֿאָלק. געפֿעלט אייך עפּיס אַזאַ מין עשירות?.. זאָג איך: איך וואָלט וועלען זיין אַ בעלן זעהן, צי קען מען פֿאַר די דאָזיגע עשירות נעהמען אַ פּאָר שיך — פֿאַלט מען

אויף מיר אָן, ווי אויף המנ'ען, אַז עס איז אַ חלול השם און צו איך בין קיין איד נישט און איך ווייס נישט, ווי צו האַלטען הייליג די אידישע טראַדעציע. שאַ! עפּעס אַ נייע וואָרט!..

איר ווייסט ניט, וואָס דאָס איז?

נור, מילא — טאַרדעציע - שמאַרדעציע, נור דער עיקר טאַטע, גיב געלד! גיב אויף פּאַרטיעס, שקלים, בעוועגעכצע און היינט אויף טאַרדעציע. וואָס איז דאָס אַזוינס, איך בעט אייך?

אין אַ שענעם פריהמאָרגען, למשל, פאַלט צו מיר צו מיין זלמן טודרס:—אַ פינפאונצוואַנציגער! צו וואָס דאַרפסטו אַ פונפאונצוואַנציגער דאַרף. באשר ס'איז דאָ זעהר אַ וויכטיגע טעלעגראַמע פון ראָזשישץ וואָס שטעהט אין דער טעלעגראַמע?—נאַ, לייען. לייען איך: קופּיל רעזנאָי וואָסטאָק, קוסאָק זשיוואָווא דערעווא, כסידאַצקי קרוזשאָצעק, פּערעוואָדיטע, 25"... איר ווייסט נישט, וואָס דאָס איז? און איר וועט עס טאַקי נישט וויסען, מחמת דאָס איז נישט אייער בראַנזשע. מיין זוהן האָט עס מיר אָבער גלייך איבערגעזעצט. דאָס איז פּשוט: דער משולח פון ראָזשישץ, וואָס פאָרט אַרום פון אונזער קאָנטאָר, קאַנטאָר פון פאָלקלאָר אויפצוקויפען די אַלע אַנטיקען, איז מודיע, אַז ער האָט געקויפט „רעזנאָי וואָסטאָק ד. ה. אַ געשניצטען מזרח, אַ שטיקעל עץ-חיים און אַ חסידישע רעדעלע, און די גאַנצע פּאַרטיע סחורה טרעפט אָן ס"ה 25 רובל. און מיין זוהן זאָגט, אַז דאָס איז אַ גוואַלדיגע קניה, אַ ווילדע מציאה, ממש בזיל-הזול...

אין אַ פּאָר טאָג אַרום — אַ פרישע טעלעגראַמע, אַ סראָטשנע: „וויסילייטע נעמעדלענאָ פאָנאָגראַף מעכאַניקאָם. נוזשנאָ זאַפּיסאַט באַזעצעניש", ד. ה. מען זאָל תיכף ומיד אַרויסשיקען אַ פאָנאָגראַף מיט אַ מעכאַניק. מען דאַרף פערשרייבען אַ בעזעצעניש.

און ווידער אַמאָל אַ טעלעגראַמע: „וויסילייטע נעמעדלענאָ פאָטאָגראַפיצקאַ אַפּאַראַטאָם נוזשנאָ סניאַט רוטשנויו קאַדקו לעכעוויצקאי כאָלאָדנאָי סינאַגאגי"... אַ ביסעל צייט האָבען מיר זיך דעם מח געבראָכען. וואָס איז דאָס אַזוינס? נאָר באַלד האָט ער, מיין זוהן, זיך אָנגעשטויסען. פאָרט אַ פאַך-מאַן. דאָס איז פּשוט: מען זאָל גלייך אַרויסשיקען למע"ה אַ פאָטאָגראַף מיט דער מאַשין אָפּצופאָטאָגראַפירען דעם האַנד-פאַס פון לעכעוויצער קאַלטער שוהל-

אַז אַ משולח קומט פֿון דער נסיעה, איז ער אונזער גאַסט. אַזוי לאַנג, ביז ער ברענגט אין אָרדנונג זיינע געשעפֿטען, גיט אָב דין וחשבון פֿון זיין נסיעה, וועגען די אוצרות, וואָס ער האָט געהאַנדעלט און די עשירות. וואָס ער האָט געמאַכט.

דאָ ניט לאַנג קום איך אַ היים און טרעף צוויי פֿאַרשוינען, ווילד פֿרעמדע. דער ערשטער אַ איד אַ מנושמ'דיגער מיט אַצוקודעלטע שוואַרצע באָרד, מיט האָריגע הענד, מיט גרויסע ברעמען, אָדער ריכטיגער געזאָגט, איין גרויסע שוואַרצע ברעם פֿערוואָרפֿען איבער ביידע אויגען, ווי אַ שוואַרצע דוהע. דער אַנדערער — אַ יונגער מאַן, אַ לאַנגער און אַ דאַרער מיט אַ פּנים ווי אַ האַק, אַזוי אַז ווען מען קוקט פֿון דער זייט זעהט מען בלויז באַק און ווייטער גאָרנישט, אַ גרויסע פֿלאַטשיגע באַק, און אַז מען קוקט פֿון פֿאָרענט זעהט מען בלויז דעם שאַרף פֿון אַ גרויסע לאַנגע נאָז מיט אַ פּאָר גרויסע ברילען, וואָס שטעהען אויף איהם דיבאָם. גיב איך אַ פֿרעג די שטוביגע: ווער זענען דאָס די אורחים? ענטפֿערט מען מיר, אַז דער ערשטער איז אַ איד אַ שוסטער פֿון אַ קליין שטעטעל פֿון פּאָלטאַווער גובערניע, און דער אַנדערער איז אַ משולח, וואָס פֿאָרט אַרום פֿון אונזער קאַנטאָר, — קאַנטאָר פֿון פֿאָלקלאָר. אונטערוועגענס האָט דער משולח דערטאַפּט דעם דאָזיגען אידען פֿון פּאָלטאַווער גובערניע און געבראַכט איהם צופֿיהרען מיט זיך. דער איד איז אַ גרויסע זעלטענהייט. ער איז איינער פֿון די עלטסטע פּורים-שפּילער און קען די גאַנצע „מסירה״, וואָס המן זאָגט פֿאַר'ן קעניג אַחשורש אויף אויסענווייניג מיט'ן ניגון, מיט'ן טראָפּ, פֿערפֿעהלט ניט קיין וואָרט. נו, איז וואָס? — פֿרעג איך — איז דען היינט פּורים? צו וואָס דאַרפֿט איר דעם פּורים-שפּילער, אַז ס"ה האָבען מיר היינט אַרום שבעה-עשר בתמוז? ענטפֿערט מיר שוין דער משולח אליין: פּורים — זאָגט ער — איז טאַקי היינט ניט. נור די „מסירה״ איז זעהר וויכטיג פֿאַר דעם ענין פֿון פֿאָלקלאָר. איז מילא, דעם נוסח וואָלט ער געקענט איבערשרייבען אויפ'ן אָרט גופא. אָבער דעם ניגון. וואָס טהוט מען מיט דעם ניגון? און קיין נאָטען קען ער, דער משולח, ניט. האָט ער זיך מישב געווען און אַראָבגעבראַכט דעם אידען אויף אונזער הוצאות

גלייך צו אונז אין שטוב אריין. דאָ האָבען מיר די אמת'ע מוזי־קאַנטען. מיט די אמת'ע זינגער: דאָ וועט מען דעם אידען שוין טון זיין רעכט. ובכלל — זאָגט דער משולח—איז פון דעם אידען דאָ גענוג צו נאַשען, מחמת דער איד איז אַ זעלטענער טיפּ. פרעג איך: וואָס איז דאָס אַזוינס פאַר אַ מלאָכה „טיפּ" ? ענטפערט ער, אַז טיפּ איז ניט קיין מלאָכה, נור ער שטעלט מיט זיך פאָר אַזאַ מין טיפּ. — אַהאַ! פערשטעה איך שוין, זאָג איך, דאָס איז משמעות אַזאַ פאָרשטעלונג, אַזאַ פּרעדסטאַוולעניע, אַ פורים־שפּיל? ענטפערט ער, אַז דאָס איז ניט קיין פאָרשטעלונג און ניט קיין פּרעדסטאַוולעניע, נור אַ מין כאַראַקטער, אזאַ טיפּישקייט. ער איז דורך און דורך טיפּיש: ער רעדט טיפּיש, דענקט טיפּיש און פיהלט טיפּיש. המם—זאָג איך — און כאַפּ אַ קוק אויף דעם אידע און אויף דעם משולח—סאיז איז נאָך אַ שאלה, זאָג איך, ווער פון אייך עס איז דער טיפּיש און ווער דער חכם...

און רייך, זאָגט מען מיר, איז דער איד, אַ'עושר, מיט אַ גוואַלדיגען באַגאַזש, ניט ח"ו אין קאַפּיטאַל, און דער באַגאַזש מען זאָל עס אָנקוקען, איז אויך ניט גוואַלטיג. אַ קלומעך מיט אַ טלית־קטן. אלא וואָס דען? ער האָט אַ פערמעגען פון ווערט־לאַך. פאָלקס־ווערטלאַך, אַנעשירות פון שפּריכווערטער. קען דעם גאַנצען שמחת־תורה'דיגען פערדרעהטען קדוש. א צוויי דריי דרשות פון אַ פּורים־רב, און ווייס כמעט אַלע צונעהמענישען פון אַלע שטעדט: מינסקער חזירים, בעלזער נענז, סלוצקער פלאָדען, טישע־וויצער טענצער, באָבריקער לבנה, יאַמפּעלער ענדיקעס, באָברויסקער אַרעסטאַנטען וכדומה... ער וועט אייך קיינמאָל ניט פערבייטען, חלילה. און דאָס איז ניט קיין קלייניקייט! מחמת ניט איין מאָל קאָכען זיך ביי אונז אויף גוואַלדיגע וכוחים. חברה ווערט איינ־געטיילט אין צוויי כתות: איין כתה האַלט, אַז מען דאַרף זאָגען: „בעלזער גענז" און „יאַמפּעלער ענדיקעס", און אַ צווייטע כתה האַלט אַז מען דאַרף זאָגען פונקט פאַרקערט: „יאַמפּעלער גענז" און „בעלזער ענדיקעס"...

אַפּילו מיין טאָכטער געפינט אויך, אַז דער איד האָט אין זיך עפּעס, עפּעס שפּיגעלט זיך אין איהם אָפּ, עפּעס דערמאָנט ער... מיט איין וואָרט, דער איד זאָל זיין אַ מערקווירדיגע בריאה, אַ

וועלטענער אנטיק. און איך קוק, און זוך, און זעה גאָרנישט. אַ איד, אַ שוסטער פון אַ גאַנץ יאָהר. און ביים טיש פאַקט ער, אָהן עין-הרע, די סעודה ווי אַ געוויינליכער בשר ודם...

אויסגעריכט דעם אידען אין אַ גוטער שעה. געקומען אַהיים, דערוויס איך אַ נייעם גאַסט—אַ אידינע, אין שטיוועל, מיט אַ קויש. שוין אַ היגע. ווער איז די אידינע?—אַ אידינע, אַ מאַרק-זיצערין. גרונס מיינער האָט זי געבראַכט צו פיהרען פון מאַרק. וואָס איז מיט איר די שמחה? זי קען זיך שעלטען. שעלט מיט טויט-ביטערע קללות, האָט אַ זעלטענעם טאַלאַנט, זאָגט ער, צו שעלטען זיך. איז וואָס—זאָג איך — ביזטו עס בלק און זי אַ בלעם? און וועמען ווילסטו זאָל זי שעלטען?? קיינעם ניט—זאָגט ער. נור ער דאַרף עס האָבען צוליב דעם פאָלקלאָר. ער קלייבט אַ קאָלעקציע אידישע קללות. און איהרע קללות זענען אמת'ע קללות, אידישליכע קללות. פול מיט פאָלקסטימליכקייט! גוואַלד, רבונו של עולם! וואָס איז דאָס אַזוינס פאר אַ זאַך אָט דאָס פאָלקסטימליכקייט, וואָס צו וואָס מען זאָל זיך ניט צושטעקען איז עס דאָרט פאַראַן?...

שטעהט זי, די אידינע און שעלט און שעלט מיט טויטע ביטערע קללות, „שבעה זאָלסטו זיצען אין אַזומער-טאָג און ציין-וועהטאָג זאָלסטו האָבען אין אַ ווינטער-נאַכט", „זאָל מען פון דיר, די קישקעס מאָטעווען און דעם בית-עולם מעסטען", „אַגרויסע מזל-ברכה אין דיין היבשען פעקעל צרות" און נאָך אַזעלכע קללות, אַז בעהיט זאָל מען ווערען. אויף וויסטע ווילדער און פוסטע ווילדער זאָל, עס פאַלען. אַנ'אמתע תוכחה ר"ל. און מיין גרונם שטעהט און פרעגעלט זיך פאַר נחת, און ער פערשרייבט, פערשרייבט אין זיין ביכעלע אריין מיט פירושים, יעדער קללה מיט אַ בעזונדער פירוש און גיט עס איבער מיין טאָכטער צום אָבדרוקען אויף דער שרייב-מאַשין — אַזוי פיעל ברכות זאָל איך האָבען, רבונו של עולם וויפיעל די דאָזיגע קאָלעקציע קללות האָט מיך אָפגעקאָסט...

ווי לאַנג פלעגען מיינע קינדער לאַכען פון מיין שלש-סעודות. פראַווען אין חסידים-שטיבעל? חוזק מאַכען פון די נגונים מיט דאָס באַמקען? געשריען: ווילדקייט! פאַנאַטיזמוס! היינט לויפען זיי אַליין אין אַ שוהל אריין מיט מעהר אימפעט פון מיר. דערהאַרט

זיך: קינדער לויפֿען אין שוהל אַרײַן גלייך מיט'ן טאַטען. דאַכט זיך גאָר גוט, און דאָך... איז עס עפּעס נישט דאָס...

מיין שבת'דיגע זמירות איז ביי זיי לעילא ולעילא געוואָרען—מיין שלש סעודות-פּראַוועון מיט'ן רבינ'ס נגון איז ביי זיי אין לשעיר, פֿון מיין הבדלה-מאַכען מאַכט מען אַ גאַנצען פּאַראַד, מיין זלמן טודרס וויל, איך זאָל ניט אַנדערש הבדלה מאַכען נור אין זיינעם אַ פֿערזשאַווערטען בעכער פֿון זיינע שברי-כּלים... מיין טאָכטער די קורסיסטקע קריכט אַרויף אויפ'ן שטוהל, זי וויל האַלטען די הבדלה-ליכט; און מיין גערעסים, גרונם מיין איך, שטעלט אָן זיינע מכשירים: פֿון איין זייט הודזשעט דער פֿאָנאָגראַף, פֿון דער צווייטער זייט דרימבעלט דער קינעמאַטאָגראַף; פֿון פֿאָרענט שטעהט אַ מאָלער פֿון דער קאַדעמיע און מאָלט מיך אויף אַ פּאָרטרעט, און פֿון הינטען שטעהט דער קאַפּעלמייסטער פֿון קאָנסערוואַטאָריע און פֿערשרייבט אויף נאָטען מיין הבדלה-נגון... און איך שטעה אַ מבולבל'ער. וואָס האָבען זיי פּלוצלונג דערזעהען אויף מיר?! 50 יאָהר אַז איך מאַך הבדלה און קיינער האָט זיך אויף מיר נישט אומגעקוקט, און איצטער איז עס געוואָרען אַ גאַנצער חידוש. עס געפֿעלט זיי די צערעמאָניע, אַ קאַרטינע, אַ פּאַנאָראַמע אַ טרעאַטער... דער זוהן שרייט: זעהט נור אַ שטערען! די טאָכטער שרייט: זעהט נור אַ נאָז! אַ דאַנק גאָט, געפֿונען ביים טאַטען אַ נאָז! דער מאָלער זאָגט, אַז איך דערמאָן איהם אַ ליליען-קאָפּ. איהר קענט מיר גיט זאָגען, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ-פֿיש אַזאַ? בכלל געפינען זיי אין מיין פנים פתום ורמסות, און אין מיין באָרד? אָ, וועה, וואָס אין מיין באָרד געפינט זיך! כאַראַקטעריסטשניקייט, מיט געשיכטע, מיט היסטאָריע, מיט סטיל, מיט פּאָעזיע, מיט ביבליע און ווידער אַמאָל, ווי רופֿט מען עס—פֿאָלק-טימלעמליכקייט.

איך וועל אייך זאָגען דעם אמת: איך בין אַ בעלן געווען נאָך הבדלה בגנבה אַ קוק געבען אין שפּיגעל. געמיינט, אַז עס איז ביי מיר אויסגעוואָקסען אַ לונג-און לעבער אויף דער נאָז...

דאָ ניט לאַנג גיב איך אַ זאָג צו מיינע קינדער: אפשר וואָלט געווען גאָר אַ מאָל אַ יושר, איהר זאָלט חתונה האָבען?

מען רעדט אייך, זאָג איך, פֿײַנע שדוכים מיט די שענע נדנ'ס איהר האַלט דאָך פֿון אידישקייט. און חתונה האָבען איז אַ אידישע זאַך. ענטפֿערט מען מיר כסדר: מײַן זלמן טודרס זאָגט: ער קען ניט חתונה האָבען, ער האָט אַ אידעאַל. זאָג איך איהם, אַז מען דאַרף בײַ זיך פֿונדעסטוועגען ניט אַראָפּפֿאַלען. עס טרעפֿט, גאָט וועט געבען, מען וועט דעם חסרון נישט באַמערקען. זאָגט ער: אַ אידעאַל איז נישט קיין חסרון. וואָס דען איז עס? — דאָס איז אַזאַ מין פֿאַנטאַזיע. און ער זאָגט מיר אָפּ עפּעס אַ גאַנץ ליעדעל: „איך וויל, אַז מײַן ליעבע זאָל ווערען געשלאָסען אויף איינע פֿון יענע פֿערוואָרפֿענע געסלאַך“... מען וועט זיך, זאָג איך, בײַ דיר אפֿשר איינבעטען, דו זאָלסט חתונה האָבען פֿון אַ כּאַ־אַרנער גאַס? חס וחלילה! דוקא פֿון פֿערוואָרפֿען געסעל! מחמת אַ פֿערוואָרפֿען געסעל האָט אין זיך מעהר פֿאָלקטילימליכקייט. און ער זאָגט מיר ווידער אָפּ אַ גאַנצען פּזמון: ער וויל, אַז די כּלה זאָל זײַן אַ אידישע טאָכטער און אַ באָבען זאָל זי האָבען, וואָס זאָל לייענען דעם צאינה־וראינה, און אַ קאַץ זאָל זיך דערבײַ וואַרעמען, און אַ זיידע זאָל איהם מיט ציטערדיגע הענד בענשען אונטער דער הופּה און אַזוי כסדר. אַ יודישע טאָכטער, אַ בעל הבתיש קינד, הייסט עס, מהיכא תיתי, נאָר זאָגען, אַז אַ באָבע מיט אַ צאינה־וראינה זאָל זײַן אַ גרויסער נדן, און אַ קאַץ, וואָס וואַרימט זיך, זאָל זײַן אַ שענער דרשה־געשאַנק — קען מען נישט זאָגען, נאָר וואָס טוט מען ניט צוליב פֿאָלקטילימליכקייט...

מײַן גרונם הערט זיך אַפֿילו יאָ צו צו שדוכים. וויל ער אָבער נאָר אַ אידישיסטקע. און די שדכנים ווייסען נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס. בײַ זיי אין די ביכלאַך איז נאָך דער מין סחורה נישט פֿאַרשריבען. זיי פֿרעגען אַלץ, צו וואָסער פֿאַראָדע עס געהערט און וואָס דאָס איז אַזוינס: אַ ברונעטקע, צי אַ בלאָנדינקע?

און מײַן טאָכטער, די קורסיסטקע — זי האָט שוין אַ חתן, „עפּעס פֿיהרט זי זיך אַרום מיט אַ בחור, אַ נידעריגער, אַ דיקער אָהן וואָנסען, לאַנגע האָר און אַ גרויסער גדלן. וואָס איז זײַן פּראָפֿעסיע? — ער זינגט לידלאַך. פֿאָלקס־לידלאַך, רופֿט מען עס. דאָס איז זײַן ספּעציאַלנאָסט. דער עולם, לעקט פֿון איהם די

פינגער. אַ גוואַלדיגער מנגן, זאָגט מען אויף איהם, לייענט בלאַט, קען גוט נאָטען, קאָן זיין אַ רעזשיסאָר אין אַן אָרקעסטער און אָנפירען מיט אַ גאַנצער קאַפּעליע... און איך, איך זאָל נישט זינדיגען מיט די רייד, ווייס נישט וואָס דאָס איז פאַר אַ פרי. אַ חזן ניט אַ חזן, אַן אַקטיאָר שטיק נישט קיין אַקטיאָרשטיק. וואָלט ער כאָטש זינגען אָפּערעס, אָדער אַזוי עפּעס סעריאָזנע שט-קער מוזיק, צי סטראָיען זיך אויף אַ קאָר-חזן. זינגט ער אַלץ אַזעלכע לידלאַך, וואָס עס שלאָגט פון זיי חלשות! וואו נור א שוסטער-לידעל, צי אַ שניידער-לידעל איז דאָס זיין געשעפט. נור אז א שוסטער, צי א שניידער-יונג צי א דינסט-מיידעל זינגט אזאַ לידעל, איז נאָך צו דערליידען, אָבער אַז עס שטעלט זיך אַוועק אַט דער בחור פון קאָנסערוואַטאָריע אין א שוואַרצען פראַק מיט די ווייסע העמעשקעס און שטעלט זיך אַוועק מיט אַ גדלות, פערוואַרפט אַ פוס פון הינטען און א פוס אויף פאָרענט און פערלעגט א האַנד אויפ'ן הארצען און פערגלאָצט די אויגען און זינגט ארויס ווי פון אַ טרומייטער: „יעקל מי'טן פידעל, בעריל מיטן באַס" אָדער: „האָב אַ פאָר אָקסען, ווי זיי בראָקען לאָקשען", שטעה איך און טראַכט: אָדער איך בין משוגע, אָדער די וועלט איז משוגע

און מיין טאַטער העלפט איהם מיטזינגען. הערסטו, דערפון נעמט זיך דאָך די גאַנצע ליבע. ער האָט אויסגעפונען, אז זי האָט אַ גוואַלדיגע שטים, אַ מצה-סאָפּראַן מיט אַ קלאַוואָטור, זינגט זי אַ גאַנצען טאָג הילכט די שטוב מיט איהר געזאַנג. זאָל דאָס זיין איין רעכט לידעל! „פייגעלע, פייגעלע פי פי פי", „שטעהען אַ פאָר טייטשען מיט די לאַנגע ביימשען" ער בעט זיך רחמים: „זעה, נחמה'לע, עפען מיר!" ענטפערט זי מיט טרערען ממש: „איך האָב מורא פאַר דער מאַמען". אַ חכמה! און נאָך אזעלכע לידער פון איינליבעניש אין פערפיהרעניש, פון אַ בייזע שוויגער און אַ בייזע וועטשערע... איצט דאַרף זי שוין נישט קיין קורסען, איצט איז שוין קאָנסערוואַטאָריע! נישט צוליב פראַוואָזשיטעלסטווא, חלילה, נור פשוט, כדי צו קענען זינגען די לידלאַך.

און אין דער אמת'ן, ווי קען מען זינגען „פייגעלע, פייגעלע, פי, פי, פי," אָדער „ציגעלע מיגעלע קאָטינקע", ווען מען האָט נישט קיין דיפּלאָם אויף לכל הפחות אַכט קלאַסען קאָנסערוואַטאָריע.

אַט אַזוי איז עס, מיין פריינד. און איך האָב געמיינט, אַז איך

וועל פון מיינע קינדער דערלעבען אביסעל מעהר נחת: אנ׳איידעם וועט שטעהן נעבען א זעג-מיהל און וועט פארשרייבען אין ביכע לע אריין ברעטער און געהילץ און נישט פירושים אויף צאינה וראינה, און א שנור וועט זאגען „שווער“, און אייניקלאך אין גימנאזיסטקע היטעלאך וועלען שרייען „זיידע“. ערשט נא דיר א נייע אנשיקעניש. אידישיזם... אסך משולחת׳ן פאראן ביים רבונו של עולם...

משה'ל

אַז משה'לעס טאַטע, דער וואַלד-פּריקאַשציק, וואָס האָט געדינט בײַ דוב-בערן, איז געקומען צופאָרען אַהיים, איז ער געווען זעהר טרויריג, אָבגעלאָזען און פערוואַקסען אַזוי, אַז קיין באַקען האָט מען שוין גאָרניט אַרויסגעזען, און די שוואַרצע באָרד האָט זיך כמעט אָנגעהויבען פון אונטער די אויגען.

אַזוי ווי ער איז נור אַרײַנגעקומען אין שטוב און דער פורמאַן האָט אים נאָכגעבּרענגט זיין טשעמאָדאַן, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט בּיים טיש, אונטערגעשפּאַרט מיטן האַנד די באָרדי-גע באַק און גענומען קוקען צום טשעראַטע פון טיש זעהר פערטראַכט. די מאַמע האָט זיך געזעצט אַקעגען, געקוקט אויפ'ן טאַטען מיט טרויריגע אויגען און געזיפצט.

משה'ל איז, ווי זיין שטייגער, ווען דער טאַטע קומט פון אונטערוועגענס, געווען זעהר אויפגעלעגט, צוגעלאָפען צום טשעמאָדאַן און גענומען זוכען אַ מתנה. נור דער טאַטע האָט אויף אים רוגזה'דיג אָנגעשריען מיט אַ מאָדנע שטים, גלייך, ווי אויך ז' וואָלט פאַר דער צייט פערוואַקסען געוואָרען, מיט האָר.

— וואָס זוכסט דאָרטען, אַז דאָרטען איז גאָרנישט ניטאָ!
משה׳ל איז געוואָרען אָבהענדיג, פערשעמט. ער איז פּאַמעליך אָבגעטרעטען אָן אַ זייט און געהערט, ווי די מאַמע פרעגט דעם טאַטען.
— איז וואָס האָסטו זיך אַזוי לאַנג געזוימט?
— וואָס האָב איך געזאָלט טון? איך האָב אַלץ געוואַרט, טאָמער וועל איך קריגען עפּיס געלט. זהאָטש עטליכע רובל, מיט וואָס אַהיים צו קומען.
— און דוב־בער?
— דוב־בער איז געבליבען, ווי די מאַמע האָט איהם געהאַט.
— און די סחורה?
— ווייס איך.
דערנאָך איז דער טאַטע שוין מער ערגיץ ניט געפאָרען און געבליבען אַ היימיגער.
ביים עסען פלעגט דער טאַטע שווייגען. ביי־נאַכט פלעגט ער זיך וואַרפען אין בעט פון איין זייט אויף דער אַנדערער און קרעכצען.
דערנאָך איז פלוצלונג געקומען אַ יוד מיט אַ גוי׳אישע שליטעל און האָט אַוועקגעפירט דעם בופעט.
באַלד איז דער סאַמאָוואַר אויך ניט געוואָרען. און אין דער־פריה פלעגט די מאַמע ברענגען פון אַ שכן אַ טשייניק וואַסער — פאַר׳ן טאַטען אַ גלאָז טהיי און צו פערברייהען פאַר דאָס קינד אַ שטיקעל חלה.
ביים אָנבייסען האָט מען שוין קיינמאָל קיין בולקע ניט געזעהן, ניט מעהר איינמאָל אין אַ נאָווינע פלעגט די מאַמע געבען משה׳לען אין הדר אַריין אַ בויגעל מיט אַ שטרענגען אָנזאָג.
— נאַ דיר בויגעל! נור שפּיעל זיך מיט אים, דו הערסט! עס אים ניט אויף מיטאַמאָל!
און משה׳ל פלעגט פאָלגען: שפּילען זיך מיטן בויגעל אַזוי לאַנג, ביז דער בויגעל פלעגט ווערען אַרומגעביסען אַרום און אַרום פון אַלע זייטען. דאָס האָט משה׳ל פון אים געמאַכט אַזאַ צייך־יעדעל צו אַ מאשינע. דערנאָך פלעגט ער פון אים מאַכען אַנדערע מיני צאַצקעס: ווי, למשל, אַ רייף אויף אָנצושלאָגען אַ דייזשקע,

דערנאָך — אַ רינגעלע, אַ דינינקען, דינינקען רינגעלע. דערנאָך אַרויפגעצויגען דאָס רינגעל אויף אַ פאָדעם און געגעסען עס מיט אַ קונץ, ד"ה: אָן די הענד. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז דאָס רינגעלע פלעגט אינגאַנצען נעלם ווערען.

שפּעטער אַ ביסעל איז דער גאַנצער מין בויגעל פערשוואונדען געוואָרען, און צו „מיט-זיך" אין חדר אַריין פלעגט די מאַמע אים געבען אַ שטיקעל ברויט „מיט-נישט". און אַז ער פלעגט צום ברויט בעטען אַ שטיקעל פוטער, אָדער אַזוי עפּיס אַ „נאַסע" זאַך, פלעגט די מאַמע נאָך אָנשרייען און זאָגען, אַז ער זינדיגט. ער מעג נאָך גאָט דאַנקען, וואָס עס איז דאָ ברויט. וואָס-איז? ער ווייסט ניט, אַז-ס'איז מלחמה-צייט?

איינמאָל אין אַנ'אָווענד האָט ער דערוויסט אין דער היינ דעם רבי'ן אין דער שבת'דיגער קאַפּאָטע מיט דער זעקס-קאַנטיגער זיידענער היטעל, וואָס אויבען מיט אַ קנעפּעל, פירענדיג מיט'ן טאַטען אַ האַרבען שמועס.

— כ'מיין, ניט — איז ניט. — זאָגט דער טאַטע.

— עך-עך-כע... ברומט דער רבי, און קלייבט זיך אַוועקגען.

— מנאַ, וואָס קאָן מען העלפען. וועלען מיר איבערוואַרטען די שלעכטע צייט. — בעגלייט איהם דער טאַטע צו דער טיר.

פון דאַמאָלס אָן איז שוין משה'ל אין חדר מער ניט געגאַנגען.

פאַרוואָס אייגענטליך הייסט עס „אַ שלעכטע צייט" — פערשטעט ניט משה'ל. דאַכט זיך, פערקערט. אדרבה, גאָר אַנ'אַנמיק: אַלע זענען היינט אינדערהיים. אי דער טאַטע, אי ער, אי די מאַמע, אי געסט זענען אָנגעפאָרען: די מומע פון לאָדז, דער פעטער פון גראָדזינסק, גאָר ווי אויף פסח. אי וואָס די מאַמע גיט אים ברויט „מיט-נישט" און וואָס אַלע זענען אַזוי אומעטיג — דאָס איז ניט גוט. אָבער חוץ דעם, איז גאָרניט אַזוי שלעכט. און חדר דאַרף מען ניט געהן, מען איז פריי, פונקט ווי סוף הזמן

אַך, וויפיל שפּילערייען משה'ל האָט! ער שליטעלט זיך אויף אַ שייטהאָלץ, מאַכט פון שפּענדלעך די בעסטע גליטשערס, וואָס שניידען דעם גליטש ממש, ווי אַ דימענט שניידט גלאָז. און ער גליטשט זיך מיט די שענסטע קונצען, אי שטעהענדיג, אי

זיצענדיג... נור די בעסטע שפּיל איז אין מלחמה. קלײבט זיך צונױף מיט זײנע חברים אין צװײ מחנות, מען מאַכט פון שנײ-קױלען, מען בעפאַלט דעם שונא און מען נעמט אים אין פּלען... װערט אים נמאס די שפּיל אין מלחמה, נעמט משה׳ל נאָכלױפען נאָך די יונגלעך, װאָס פערקױפען טעלעגראַמעס, שרײט זײ נאָך קרימט זײ איבער. און כדי די שפּיל זאָל זײן נאָך רעיעלער און פּינקטליכער, געפינט משה׳ל אַן׳אַלטע איבערגעלעזענע טעלעגראַמע, װאָס עמיצער האָט אַװעקגעװאָרפען, לױפט איבער׳ן גאַס און שרײט פּונקט, װי יענע יונגלעך אױפ׳ן קול:

— אַ-אַ-אַ פרישע טעלעגראַמע! אַ-אַ-אַ לעצטע טעלעגראַמע...

דאַרף פּערלױפען אַ מעשה: אַ יוד גײט פאַרבײ און קױפט, בײ אים די אַלטע איבערגעלעזענע טעלעגראַמע און דערלאַנגט אים צװײ קאָפּעקעס.

משה׳לען האָט אַ זעץ געטון אַ געדאַנק: אױב אַזױ-אַזױ, פאַרװאָס זאָל ער פון דער דאָזיגער שפּיל ניט מאַכען קײן שטיקעל תכלית? אפשר קאָן מען פעראײניגען דאָס שפּילען מיט׳ן נוצען איר אײנעם, און טאַקע צװעקגעשטעלען עס אױף רעיעלע, און אָרענטליכע יסודות?

אַ דאַנק זײנע חברים, דערשלאָגט זיך משה׳ל צום ריכטיגען פּלאַץ, װאו מען דרוקט די ריכטיגע טעלעגראַמעס, און ער װערט אַ טעלעגראַמען-פערקױפער צוגלײך מיט אַלע יונגלעך פון דעם פאַך.

זעהר גיך האָט משה׳ל איבערגענומען דעם דאָזיגען מסחר מיט אַלע זײנע פּיטשעװקעס, איז אַרײן אין זײן אמת׳ער ראָליע ער האָט שױן געװאוסט, אױף װעלכע גאַסען אַפּריער צו לױפען, װי און װאָס העכער צו שרײען, און װעלכע נײעס עס נעמט אַמבעסטען אױס בײם עולם. „א נײער פּריזיװ" — איז אַנ׳אױס-געצײכענטע נײעס. „װילסאָן לעגט זיך אַרײן אין שלום" — איז אױך ניט קײן שלעכט שטיקעל נײעס. ציט-צו קונים. איבערהױפּט װילסאָן מיט׳ן שלום. א װאױלער מענש מוז זײן אָט דער װילסאָן פון אַמעריקאַ. און משה׳ל קריגט אים ליב, דעם װילסאָנ׳ען, װי עפּיס אַ גוטען פעטער, װאָס העלפט ים מאַכען גוטע געשעפטען

— דאָס איז נאָך גאָרניט! — זאָגט אים זײן קאָלעגע

מאָטעל, א יונגעל מיט פערפּאַטשקעטען פּנים, צופּרוירענע הענטלעך. און אַ היטעל איבער די אויערען, ווען זיי זענען געגאַנגען א היים נאָך אַ גוטען טאָג מסחר — דאָס איז נאָך גאָרנישט. מאָרגען וועט זיין א מאָבּיליזאַציע, וועלען מיר ערשט פערדינען געלד. איך וועל אפשר נעמען מאָרגען הונדערט שטיק טעלעגראַמען

און איך וועל געמען — זאָגט משה׳ל אפשר טויזענד שטיק!

— און איך וועל נעמען אַ מיליאָן!

— און איך וועל נעמען קאַמיליאָן!

— און איך וועל נעמען קאַמיליאָן מאָל מיליאָן

און איך וועל נעמען קאַמיליאָן מאָל מיליאָן מיליאָסען!

— אויך מיר אַ העלד! —שרייט מאָטעל, וועלכע האָט שוין קיין גרעסערען ציפער ניט געקנט אויפהויבען. — ווי ...

ווּעסטו פערקויפען אַזוי פיל טעלעגראַמעס?

— איך וועל הויך שרייען. איך האָב גוטען קול!

— איך קען בעסער שרייען. איך האָב א בעסערן קול! מיין טאַטע איז אַ הזן!

— אַנו, פּרוב צי אַ טאָן.

— פּרוב די ציען אטאָן.

אוןביידע יוגעלסך צושרייען זך הויך אויפן קול — ציען טענער.

אין אָווענד קומט משה׳ל אַהיים און גיט איבער זיין מאַמען דעם טאָג ריוח, איבערלאָזענדיג ביי זיך עטליכע קאָפּיקעס אויף מאָרגען צו קויפען פרישע סחורה. 'די מאַמע נעמט צו ביי אים דאָס געלד מיט אַ טרויריג שמייכעלע און גיט אים וועטשערע—אביסעל געקעכטס אָדער אַ שטיקעל ברויט שוין מיט קעז

אין איינעם אנ׳אָווענד האָט משה׳ל געטראָפען דער מאַמען געריכטענדיג דעם טאַטענס זשילעטקע. און צו־אָפּט שנייצענדיג די נאָז...

אין שטוב האָט מען שוין געוואוסט פון מאָרגענדיגער מאָבּיליזאַציע.

דער טאַטע איז געזעסען איבער אַ שאַכטעל טאַבּאַק און פעדרעהט פּאַפּיראָסען (די לעצטע צייט קויפט שוין ניט דער מאַמע קיין פאַרטיגע פּאַפּיראָסען, נאָר ער קויפט טאַבּאַק און דרעהט זיי אַליין משה׳לען איז ניט געפעלען, וואָס אין שטוב איז אַזאַ אומעט

אים איז אַזוי פֿרעליך, ער האָט אַזעלכע גוטע נייעס. ער געהט צו דער מאַמען און זאָגט איר אָן די בשורה.

ווייסט מאַמע, מאָרגען וועל איך זעהר אַ סך לייזען. מאָרגען וועל איך דיר ברענגען אַ סך געלט. מאָרגען וועט זיין מאָביליזאַציע.

— זאָלען שוין מיינע שונאים רעדען פֿאַר דיר — זאָגט די מאַמע זאָל שוין בעסער זיין שלום אויף דער וועלט.

— אָבער פֿון מאָביליזאַציע קען מען דאָך פֿערדינען אַ סך געלט.

— אַ כפרה, קינד מיינס, דיינע געלט. דיינע טעלעגראַמען מיט די פּרנסות, זאָל שוין גאָט געבען, עס זאָל שוין בעסער אין גאַנצען אויפהערען די מלחמה. עס זאָל שוין ווערען שלום, דער טאַטע זאָל צוריק קענען פֿאָרען אויף זיין שטעלע. און דו זאָלסט שוין אָנהויבען געהן אין חדר.

„אין חדר?"—פֿערטראַכט זיך משה'ל. און ער הויבט אָן איבער צווועגען. וואָס אייגענטליך ערגער איז, צו די מלחמה, צו דער חדר, צו דער רבי, צו די מאָביליזאַציע. ער גיט אַ קוק אויפ'ן טאַטען און קומט גלייך צום בעשלוס, אַז שוין בעסער דער חדר, איידער די מלחמה. אַ דאַגה דאָס, אַדרבה. זאָל שוין טאַקי אויפהערען די מלחמה. ער וועט אָנהויבען געהן אין חדר און לערנען מיט גרויס חשק, און ער וועט דאַוונען אַזוי פֿרום, און זאָל טאַקי זיין שלום אויף דער וועלט.

ער נעמט לייענען קריאת-שמע מיט גרויס כונה און ווערט אַנטשלאָפֿען,

אין דער פֿרי האָט זיך משה'ל אויפֿגעכאַפּט פֿון דעם טאַטענס באָרד, וועלכע האָט זיך געסוליעט צו זיין פּנים און געשטאָכען. ווען ער איז שוין אינגאַנצען אויפֿגעשטאַנען איז שוין קיינער ניט געווען אין שטוב, נים דער טאַטע, ניט די מאַמע. די גאַנצע שטוב איז פֿול געווען מיט ליכטיגען ווינטערדיגען זון און מיט מאָדנעם אומעט און פּוסטקייט. ער איז אַרויסגעלאָפֿען אויפ'ן גאַס. ער האָט פֿערשמורעט די אויגעלעך פֿון זון און פֿון דעם ליכטיגען שניי, וואָס האָט געפֿינקעלט מיט אַזוי פֿיל פֿייערדיגע שפּרינקלעך. גלייך ווי עמיצער האָט אַ גרויסע זון צושטייסען און אויסגעשאָטען עס אייפ'ן שניי, ווי מען שיט אויס געלע זאַמד אויף דער פּאָדלאָגע.

משה׳ל איז צוגלאָפּען צום דרוק.

די טעלעגראַמען האָבען זיך נאָך געדרוקט, און עס איז שוין געווען בעוואוסט, אַז אַ נייע מאָבליזאַציע איז ערקלערט. אין די טעלעגראַמען וועט דערפון שטעהן. און דעריבער זענען די יונגלעך געווען זעהר פרעהלאך, געלאַכט, געשטיפּט, געשטויסען איינער דעם אַנדערן אין שנייאַריין און געשטערט די בעוועגונג אויפ׳ן טראָטואַר. און חאָטש קיין טעלעגראַמען זענען נאָך ביי קיינעם ניט געווען, האָבען זיי שוין, די יונגלעך, געשריען און אויסגערופען, אַ ביסעל כדי צו נאַרען דעם עולם און אַ ביסעל צוליב רעפּעטיציע-וועגען, אויסצושרייען די שטימען.

— אַ-אַ-אַ פרישע טעלעגראַמע! אַ-אַ-אַ נייע מאָבליזאַציע!..

— מאָבליזאַציע!—האָבען משה׳לען די חברים אָנגעזאָגט מיט שמחה, ווען יענער איז צוגעקומען. אָט וועסטו באַלד זעהן אין די טעלעגראַמען.

— איך וויס בעסער פון אייך — האָט משה׳ל געענטפערט מיט אַ מאָדנעם טרויעריגען שמייכעלע. און עס איז געווען שווער צו וויסען, צי דאָס קלייבט ער זיך וויינען, צי לאַכען.

דערוויילע איז אַרויס אַ לאַנגער בחור מיט שוואַרצע אויגעשמירטע הענד-און-פּנים, ווי אַ קוימענקערער און אָנגעהויבען טיילען פריש-געדרוקטע טעלעגראַמען. די גאַנצע חברה האָט זיך צולאָזען ראַפּטאָם מיט געשרייען און געפילדער אין אַלע זייטען ווי אַ סטאַיע פויגעל, וואָס איז פּלוצלונג איבערגעשראָקען געוואָרען פון אַ שמיץ פון אַ בייטש.

געצויגען פון שטראָם און פערטומעלט פון געפילדער, ווי אין אַ רויך, איז משה׳ל אויך געלאָפען מיט׳ן פּעקעל טעלעגראַמען און געשריען העכער ווי געוועהנליך, ווי ער וואָלט וועלען איין-זיך עפּיס פערטויבען.—

— מאָ — בי — לי — זאַ — ציע!!!

די פּיסלעך האָבען זיך געוואַקעלט אַזוי מאָדנע, און אין קאָפּ האָט געזשומעט, פּונקט ווי נאָכ׳ן לעקאַך-און-בראָנפען ביי דעם פעטער איטשען. און דאָס קול׳כעל איז אויך געווען אַזאַ מאָדנער, ווי אַנ׳אויסגעלונקענער, וואָס קען זיך צו יעדער רגע, פון גרויס קוראַזש, אויסברעכען אין אַ פערצווייפעלטען געוויין.

מיט דעמזעלבען טאָן און מיט דעמזעלבען קוראַזש פֿלעגט ער זיך אין חדר שאָקלען אין לערנען, ווען אין ערוואַרטונג אין געווען דעם רבי׳נס שמיץ פאַר עמיצענס אַ מסירה.

— „טאַטע!... מאַמע!...—האָט ווי עמיצער זיך געריסען ביי אַי אין הערציל. און עס האָט זיך געוואָלט לויפֿען אַהיים. און עס האָט זיך געוואָלט וויינען.

יודען האָבען אים אָבגעשטעלט, געקויפֿט טעלעגראַמע און צוגעגעבען:

— אָט ווער עס מאַכט היינט די געלט:

גט לויפֿט זיין חבר מאָטעל, לאַכט און שרייט, קליגאָט מיט זיין קעשענע געלט. משה׳ל שמייכעלט אים אַנטקעגען מיט צוקרימטע ליפען, גיט אויך אַ קלונג מיט די מטבעות אין קעשענע או! שרייט אויס מיט אַ קול פון אַ נאַכט-פויגעל.

— מאָבליזאַציע!

אין הערציל פֿערקלעמט אים, עפּיס קויקעלט זיך אונטער העלזיל און פעקוועטשט, ער פער׳גנב׳עט זיך הינטער אַ טויער און צעבליפעט זיך שטיל.

אַ פּרנסה.

—אַ וואַנדקאַלענדאַר,—פלעגט אברהם יצחק זאָגען,—איז נישט פון די קאַטאָוועסען, וואָרום אַ וואַנדקאַלענדאַר דאַרף מען ווי־סען ווי אַזוי אַרומצוגעהן. אַ וואַנדקאַלענדאַר דאַרף מען וויסען ווי אַזוי אויסצונוצען. אַ וואַנדקאַלענדאַר איז פיל קליגער און נוי־טיגער ווי אַ זייגער. וואָס איז אַ זייגער? אַ זייגער ווייזט נור די צייט און ווייטער גאָרנישט. אָבער אַ וואַנדקאַלענדאַר ווייזט, ראשית, דעם דאַטום, דו ווייסט אויף וואָסער וועלט דו ביסט. קאָנסט וויסען, ווען און וואו און וועלכע געשעהעניש עס איז געשעהן. ווער, וואו און ווען עס איז געבוירען געוואָרען און ווער, וואו און ווען עס איז געשטאָרבען. די שקיעה, דעם מולד, דעם וועטער, יום-טובים, חגאות, ירידʼן, לקוי-המא, לקוי-לבנה, און וועַר רעדט, ווען מען לייענט נאָך איבער דאָס בלעטעל אויף דער לינקער זייט, קאָן מען געוואָר ווערען גאָר שענע זאַכען: רפואות, מיטלען, עצות, המצאות, רעצעפטען, ווי צו מאַכען משקאות, שוהוואַקס, אַרויסצונעמען פלעקען פון בגדים, סם פאַר מייז, לימאָנאַדען אַלערליי... ווען אַ מענש זאָל נור מיט קאָפּ

לייענען אַלע טאָג דעם קאַלענדאַר, דאַרף ער אויף כפרות. אַלע שקאָלעס און אַקאַדעמיעס, ער קאָן שוין זיין דער גרעסטער קאָפּ-מענש, און ועל כולם — האָסטו אַ וויץ, אַ רעטעניש. מיט אַ וויץ אָדער אַ רעטעניש קאָן מען פערברענגען אין געזעלשאַפט. הייגט אַ פּאָרטרעט, אַ קאַרטינע אויפ'ן וואַנד. דאָס איז אויך עפּעס ווערט. ווילסטו, האָסטו אַ פּאָרטרעט פון אַ שרייבער, ווילסטו, פון אַ ציוניסט און אַז דו ווילסט, האָסטו אַזוי זיך אַ בילד, מוטער רחל'ס קבר וכדומה.

נאָך אַ שטיק פאַר ניי-יאָהר פלעגט שוין אברהם-איצע נעמען האַנדלען אַ קאַלענדאַר, געקליבען ווי אַ פרומער יוד קלייבט אַנ'אסרוג. געפונען דעם רעכטען קדור, פלעגט ער עס ברענגען אַהיים און בעהאַלטען איהם בחדרי חדרים, אַז קיינעמס האַנט זאָל אויף דעם נישט שולט זיין, ביז צו דער ריכטיגער מינוט, ווען מען וועט אויף דעם סאַמע אויבענאָן, אָנשטאָט דעם בלויזען קאַרטאָנברעטעל פון אַלטען אָבגעפּליקטען קאַלענדאַר, אויפהענגען דעם נייעם.

קיינער אין שטוב האָט נישט געהאַט דאָס רעכט אָברייסען אַ בלעטעל פון קאַלענדאַר אויסער איהם. וואָרום אָברייסען אַ בלעטעל פון קאַלענדאַר דאַרף מען אויך קענען. אין די גוטע קאַלענדאַרען שטעהט אפילו געשריבען די מעטאָדע, ווי אַזוי מען דאַרף די בלעטלעך אָברייסען: „מען נעמט אָן ביי דעם אונטערשטען לינקען ווינקעל פון בלעטעל און מען רייסט אַזוי פּאַוואָליע פון אונטען אַרויף, פון לינקס אויף רעכטס, ביז דאָס בלעטעל פאַלט אַראָב". און דעריבער פלעגט דער קאַלענדאַר ביי אברהם-יצחק'ן האָבען דעם בעסטען אויסזעהן. אפילו צום ענדע יאָהר, ווען ביי לייטען זעהט דער אויבערשטער טייל פון קאַלענדאַר שוין אויס, ווי אַ באַרג פון מאַכּרע, צודריבעלט און צובודעלט, איז ביי אברהם-יצחק'ן געוועזן דער קאַלענדאַר אין פולער אָרדענונג: די בלעטלעך גלייך און שאַרף אָבגעריסען ביים סאַמע שטעפּ.

— אַ קאַלענדאַר האָט ליב, מען זאָל די בלעטלעך אָברייסען אין אַ בעשטימטער צייט, צו אַ בעשטימטער מינוט. פונקט ווי

אַ זייגער האָט ליב, מען זאָל איהם צו אַ בעשטימטער צייט אָנ־דרעהען און אָנציהען,—פלעגט אברהם-יצחק זאָגען.

דאָס איבערגעריסענע בלעטעל פלעגט אברהם-יצחק איבער-לייענען פון אָנהויב ביז׳ן סוף. די וויכטיגסטע שטעלען פלעגט ער איבערלייענען הויך פאַר דאָס גאַנצע הויז-געזינד. און הגם זיין ווייב האָט קיינמאָל נישט געקאָכט לויט דעם מעניו פון קאַלענדאַר, פונדעסטוועגען פלעגט ער דעם מעניו אויך איבער-לייענען אינגאַנצען: לאָמיך וויסען וואָס לייט עסען און וואָס פאַר אַ מאכלים עס איז דאָ אויף דער וועלט, פון אַ סך וויסען טוט דער קאָפּ נישט וועה.

די אָפּגעריסענע בלעטלעך געהען נישט לאבוד. זיי ווערען געקליבען און ליגען אין שאַפע מיט אַ סדר. אַזעלכע זאַכען וואַרפט מען נישט אַוועק.

אברהם-יצחק האָט זיך קיינמאָל נישט פערגונען כאַפּען אַ קוק טאָן אַ בלעטעל שפּעטער. דאָס וואָלט געווען ווי קוקען ווי כהנים דוכענען אָדער פערזוכען דעם טעם פון מצה ערב פסח פאַר׳ן סדר. אברהם-איצע האָט געדולד. עס וועט קומען די צייט, וועט ער אָבּרייסען דאָס בלעטעל און וועט זיך לייענען וויפיל זיין הארץ געלוסט...

מיט דעם ווייב פלעגט אָפטמאָל צוליב׳ן קאַלענדאַר אַרויס-קומען מחלוקת. גאַנץ אָפט פלעגט אברהם-יצחק פערטיפען זיך אין קאַלענדאַר. אין אַ קאַלענדאַר טרעפען אַמאָל זעהר שאַרפע און טיפע ענינים. אפילו אַ וויץ פאָדערט אויך, מען זאָל זיך אין איהם אַריינטראַכטען. פלעגט דאָס ווייב צו איהם האָבען טענות.

—שוין ווידער פערנומען זיך מיט׳ן קאַלענדאַר?

נאָר אברהם-יצחק פלעגט נישט ענטפערן.

וואָס פערשטעהט אַ יודענע.

אויסגעבראָכען די מלחמה, איז אברהם-איצע פערוואַלגערט געוואָרען אַלס בעזשענעץ אַזש קיין מאָסקווע. פון די נויטיגסטע הפצים, וואָס ער האָט פערכאַפּט מיט זיך, איז, פערשטעהט זיך, געווען דער וואַנדקאַלענדער.

אַזאַ גליק, ווי ער האָט נאָר געפינען אַ שטיקעלע דירה

פאַר זיך, האָט שוין אויפ'ן שענסטען און בעסטען אויבענאָן פון וואַנד געריהט דער קאַלענדאַר.

ביטערע צייטען זענען געקומען פאַר אברהם-יצחק'ן. שווער צו געפינען אַ שטיקעלע חיונה אין אַזאַ גרויסער פרעמדער שטאָדט. דאָס ביסעלע גוטס איז שוין אינגאַנצען פער'משכנ'ט געוואָרען, פון די גאַנצע חפצים און כלי-בית איז איהם כמעט געבליבען נור דער איינציגער קאַלענדאַר...

און דאָ איז אַ נס געשעהן, ערשט איצט איז געקומען די צייט, דער קאַלענדאַר זאָל ווייזען, וואָס ער קען.

אין יענעם יאָהר איז געווען אַ גרויסער דוחק אויף קאַלענדאַרען. וואַרשא און ווילנא האָט שוין מעהר קיין יודישע קאַלענדאַרען נישט געקאָנט צושטעלען, און רוסלאַנד האָט נישט בעוויזען דידאָזיגע סחורה צו שאַפען, און אַזוי איז אַ יודישער קאַלענדאַר געווען אַ יקר-המציאות.

אין אַ שענעם פריהמאָרגען, ווען אברהם-יצחק איז געזעסען פערזאָרגט מיט זיין ווייב און קינדער און געבראָכען זיך דעם קאָפּ: וואָס הויבט מען אָן צו טאָן, עפענט זיך די טיר און עס קומט אַריין אַ ווילד-פרעמדער פאַרשוין.

—ענטשולדיגט,—האָט דער פאַרשוין געזאָגט,—איך האָב געהערט, אַז ביי אייך געפינט זיך אַ יודישער קאַלענדאַר, קאָן מען, פילייכט איהם אָפּקויפען?

—אָך, מיט'ן גרעסטען הדרת הכבוד,—האָט זיך אברהם-יצחק אויפגעכאַפּט אַ לעבעדיגער.

—שוין דריי טאָג, אַז איך זוך אַ יודישען קאַלענדאַר,—האָט זיך דער פאַרשוין געקלאָגט.—אויסגעלאָפען די גאַנצע שטאָדט. האָט מען מיר אָנגעוויזען, אַז ביי אייך איז פאַרהאַן אַ קאַלענדאַר.

—פאַרהאַן, פאַרהאַן. איהר האָט זעהר געטראָפען. איז וואָס אַזוי ווילט איהר געוואָר ווערען פון קאַלענדאַר? אין קאַלענדאַר איז פאַרהאַן זעהר פיל זאַכען, זעהר פיל. אַ קאַלענדאַר—דאָס איז דאָך אַ תהום.

—איך האָב געוואָלט אויסגעפינען, ווען האָבען מיר דעם

יודישען שבעה עשר בתמוז. אַ סוחר שרייבט מיר, אַז איך זאָל זיך מיט איהם טרעפען שבעה עשר בתמוז. קאָנט איהר מיר נישט זאָגען ווערכע „טשיסלאָ״ דאָס פאַלט אויס.
—באַלד, באַלד, איין רגע׳לע.

און אברהם-איצע האָט גענומען בלעטערן דעם קאַלענדאַר מיט אַזויפיל אימפעט און בקיאות, פונקט ווי אַן׳ערפינדער וואָלט דעמאָנסטרירען אַ זעהר קלוגע מאַשין פאַר אַ רייכען מעצענאַט.

דער פאַרשוין האָט מיט גרויס העפליכקייט אָבגעדאַנקט און איז אַוועקגעגאַנגען.

נאָר אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט זיך בעוויזען נאָך אַ פאַרשוין. ווידעראַמאָל דאָסזעלבע: ער האָט געהערט, אַז עס איז דאָ אַ יודישער קאַלענדאַר. צי קאָן מען אויספרעגען, ווען קומט אויס תשעה באב? מזמת תשעה באב האַלט ער אַ פרינציפ צו פאַסטען.

דער שם פון קאַלענדאַר האָט זיך פערשפרייט, ווי אַ בליץ.

צומאָרגענס איז די צאָהל בעזוכער געוואַקסען. איבערמאָרגען איז זי שוין פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פולשטענדיגע קליענטור.

איינער, קענטיג אַ רייכער סוחר, האָט פאַר אַ ספּראַווקע אין קאַלענדאַר געפּרובט אַרויסלעגען אַ דרייערעל, נאָך איינער אַ פינפערעל.

לכתחילה איז אברהם-יצחק׳ן געווען אַ ביסעל פריקרע צו נעהמען דערפאַר געלד. אין די גוטע יאָהרען וואָלט ער עס נישט געטאָן. נאָר אין אַזאַ צייט איז אפשר קיין עולה נישט.

עלעהיי זאָל דוכטען, אַז עס איז אַ טעלעפאָן, „אַן אַדרעסני סטאָל״. נעהמט מען נישט קיין געלד אויף אַ דאַטשע-טעלעפאָן פאַר רעדען אַ פּאָר מינוט? נעמט דען נישט קיין אַדוואָקאַט פאַר אַ „ספּראַווקע״ קיין געלד? און וואָס? ער גיט דאָרט אַ קוק אין זיינע ביכער. מיט וואָס איז אַ קאַלענדאַר ערגער פון יענע ביכער. „זאַקאָנעס״? אַז מען וויל שטאַרק, איז אין קאַלענדאַר פאַרהאַן נאָך אפשר בעסערע זאַקאָנעס, ווי ביי זיי אין די ביכער.

מען איז געגאַנגען ווי צו אַ גוטען יודען. צופוס, אויף דראָזשקעס, אין קאַרעטען. איינמאָל האָט מען ביים טויער פון זיין דירה שוין געזעהן שטעהענדיג אַן אויטאָמאָביל. דאָס איז אַ רייכער מאָסקווער סוחר געקומען אויסצוגעפינען אין קאַלענדאַר די ריכטיגע צייט פון זיין פאָטערס יאָהרצייט און געלאָזען אַ גאַנצען פינפאונצוואַנציגער.

נאָך אַ גרויסער גביר איז געקומען אויסצוגעפינען דעם ריכטיגען דאַטום: ווען עס פאַלט יום-כפור, און ווידער געלאָזען אַ גרויסע מטבעה.

דעמאָלט האָט אברהם-יצחק אָנגעטאָן זיין שבת'דיגע קאַפּאָטע, אַוועקגעשטעלט אַ בענקעל נעבען קאַלענדאַר און אַוועקגעזעצט זיך צו דער אַרבייט מיט גרויס ערנסט און כונה.

—אַ געשעפט, האָט ער געזאָגט, אַ געשעפט ווי אַלע געשעפטען.

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום איז די קליענטור אַזוי אויסגעוואַקסען, אַז מען האָט געמוזט איינאָרדנען אַן אָטשערעד און בעשטימען געוויסע פּרייזען.

הויך איבער'ן קאַלענדאַר איז שוין געהאַנגען אַ פּלאַקאַט מיט געדרוקטע אותיות:

אויפמערקזאַם!!!

1) מעהר ווי צוויי מינוט דעם קאַלענדאַר נישט צו פערנעמען! העכער פון די צוויי מינוט קאָסט אַ מינוט 10 קאָפּ.

2) אַ ספּראַווקע וועגען אַ געוועהנליכען דאַטום 30 ק.

3) אַ ספּראַווקע וועגען אַ תענית — — — „50

4) וועגען ליכט-בענשען — — — — „ 60

5) וועגען אַ יום-טוב — — — — — „ 70

6) וועגען יום-כפור — — — — — „ 75

7) וועגען הזכרת נשמות — — — — „ 80

8) פאַר צוויי ספּראַווקעס האָט דער קליענט דאָס רעכט צו לייענען פינף וויצען אויף די לינקע זייטען.

מיט אַכטונג „דירעקציאָן פון דער ספּראַוואָטשנע ביוראָ"

אברהם יצחק עט קאָמפּ.

ווער איז די „קאָמפּאַניע” האָט ער אַליין נישט געוואוסט, נאָר אַזוי פּאַסט עס צום עסק. נישט דאָס ווייב, נישט די קינ־דער קאָנען, לײדער, זיך אין געשעפט נישט מישען. אין אַ קאַ־לענדאַר דאַרף מען פערשטעהן, אַליין דאַרף מען אַרבייטען, אַלץ אַליין.

נישט לאַנג האָט אברהם־יצחקס גליק געדויערט.

אין אייגעם פון די דעקאַבער־טעג, ווען אברהם־יצחק האָט דורכגעקוקט די צייטונג, איז ער פּלוצלונג געבליבען זיצען גע־פּלעפט, טויט, ווי פון אַ דונער געטראָפען.

ווער ווייס, ווי לאַנג ער וואָלט אַזוי געזעסען, ווען נישט דאָס ווייב וואָלט איהם אויפגעמונטערט:

—אברהם־יצחק! אברהם־יצחק! וואָס זיצסטו אַ טויטער?!

דאָ ערשט איז ער צו זיך געקומען און אַ ווייז געטאָן מיט׳ן פינגער אויף דער צייטונג.

—וואָס איז? וואָס איז געשעהן? אברהם־יצחק! זאָג גיכער! איז עמיצער געשטאָרבען, חלילה, פון אונזערע? עמיצער גע׳הרג׳עט געוואָרען? אַ טראַמוויי איבערגעפאָהרען?... זאָג, איך חלש...

—ניין.

ער האָט אָנגעוויזען אויף דער מודעה:

אַ יודישער וואַנדקאַלענדאַר אויף 1917.
נאָר־וואָס ערשינען.
גרויסער אויסוואַהל.
זיך ווענדען אין פערלאַג
„דער יודישער מאַטריץ”.

—איך פערשטעה נישט,—האָט דאָס ווייב איבערגעפרעגט, קוקענדיג אויפ׳ן מאַן מיט אַ פּאָר צושראָקענע אויגען.

—דו פערשטעהסט נישט. איך פערשטעה שוין גוט. אויס געשעפט, אויס פּרנסה, אויס שפּע... די גאַנצע וועלט וועט ערשט פערפלייצט ווערען מיט קאַלענדאַרען... מיר מעגען שוין פערמאַכען דאָס קרעמעלע.

דאָס ווייב האָט פערבראָכען די הענט.

—מיר פערלירען דאָס שטיקעל ברויט, אברהם־יצחק!

אברהם-יצחק איז געזעסען און געקוקט אויפ׳ן מאָגערען קאַלענדאַר, ווי אויף אַ קינד, וואָס האַלט אין אויסגעהן. אָנגענומען די לעצטע עטליכע בלעטלעך צווישען די פינגער און געטאַפּט, געמאָסטען די דיקקייט פון זיי, ווי מען טאַפּט אַ דופּק פון אַ גוסס און ביטער געזיפצט:

—געצעהלטע טעג... עס שטאַרבט...

מאַן און ווייב זענען געבליבען זיצען אין גרויס טרויער.

הונגער.

איך וועל אייך דערצעהלען אַ מעשה וועגען הונגער.

נישט פון דעם שרעקליכען הונגער אין אינדיען און נישט פון אַנדערע שרעקליכע הונגער-געשיכטען, נאָר פשוט אַ מעשה, ווי אַזוי אַ יוד האָט געהונגערט.

איך זעה שוין, איהר ווילט גלייך אַ פרעג טון: סטייטש, מאי קא משמע לן? וואָס לאָזט ער דאָ אונז הערען? אַ נאָווינע אַ יוד הונגערט? נישטאָ וואָס צו עסען—הונגערט מען. כדאי וועגען דעם צו שרייבען... וועל איך אייך זאָגען: אמת, אַז אַ יוד הונגערט, איז טאַקי קיין נייעס נישט, אָבער ד ע ר הונגער, וועגען וועלכען איך וויל אייך דערצעהלען, איז גאָר פון אַן אַנדער מין סאָרט הונגער. מיין יוד האָט געהונגערט, נישט ווייל ער האָט נישט געהאַט וואָס צו עסען, און נישט ווייל עס איז געווען אַ הונגער־יאָהר; און טאָמער וועט איהר מיינען, אַז עס איז געווען אַ טאָג פון אַ תענית, אָדער דער מאָגען זיינער איז ביי איהם געווען, לא עליכם, קאַליע געוואָרען, אָדער ער איז עפּיס גלאַט נישט געווען בקו הבריאה און איז געלעגען אין אַ שפּי-

טאָל און די דאָקטוירים האָבען איהם געהאַלטען אויפ'ן דיעט, דאָס הייסט, געהייסען עסען קדחת--האָט איהר אַ טעות.

די מעשה איז אַזוי געווען.

געדיינט האָבען מיר ביידע אין אַ מיחל, וואָס איז געשטאַ-לען ווייט ערגעץ אין אַ העק, אויף דעם טייכעל באַברולקע. ווייט פון שטאָדט און פון מענשען, זענען מיר געווען ביידע איינזאַם. געזעהן בלויז דאָס וועלדיל, דאָרטען ווייט אויפ'ן האָריזאָנט, און פערנומען דעם גערויש פונ'ם טייכעל ביי די רעדער פון אונזער מיהל און דאָס קוואַקען פון די זשאַבעס אויף דער נאַכט... און אַזוי האָבען מיר זיך ביידע געלעבט און געאַרבייט. ער איז געווען דער מיהלנער און איך בין געווען דער בוכהאַלטער. ער האָט געמאָהלען און איך האָב געשריבען, ער איז געווען אַרום די זעקלעך און איך אַרום די ביכער. און כאָטש מיר זענען ביידע געווען אָבגעריסען פון דער גאַנצער וועלט, ווייט פון מאָ-דעס און קלאַסען-אונטערשייד, איז דאָך געווען צווישען אונז צו דערקענען, ווער פון אונז איז דער אַלטמאָדישער האָרעפּאַשנער יוד און ווער דער אַריסטאָקראַט און אינטעליגענט... ער איז גע-ווען אַנגעטון אין אַ צוריסענער זופּיצע מיט אַ פלאַטשיגען, ווי אַ לאַטקע, קאַשקעט אויפ'ן קאָפּ און ברייטע צוקאַראַטשעטע, ווייסע שטיוועל אויף די פיס. און אַ באָרד האָט ער געהאַט אַ קאָלטונעוואַטע און פאות און אַלץ איז געווען איינגעטונקט אין מעהל, ווייס-גרוי. און אַזוי ווי ער האָט זיך שטענדיג גע'עסק'ט אַרום שפּיצען, וואַליקעס און רעדער, זענען זיינע בגדים געווען דורכאויס אין געוואַלדריסען, צופליקט און צופּיצעלט...

דאַגעגען איך, וואָס האָב געהאַט די איידעלערע און ריי-נערע מלאכה, האָב שוין געטראָגען אַ מאַנישקע מיט אַ קראַגען מיט אָבגעבויגענע ווינקעלעך, מיט אַ מעשענע שפּיציגע שפּאָנגע (קיין האַלזטיכעל האָב איך נישט געהאַט). איך האָב געטראָגען אַ האַלב-זיידענע היטעל און אַ איליוסטרינענע טווינקע, וואָס האָט געגלאַנצט כמעט ווי זייד. אַזאַ מאָדנע סאָרט סחורה, וואָס ווען איהר פלעגט פיהרען מיט'ן נאָגעל פון אייער פינגער פון אונטען

אַרויף, פלעגט עס שרייען אויפ'ן קול...

און אַזוי האָבען מיר זיך ביידע געלעבט אונזער וועלטעל. ער האָט געמאָהלען די קאָרן, וואָס די אַרומיגע פויערים פלעגען ברענגען צו פיהרען, און איך האָב געשריבען אין די ביכער.

ס'איז געקומען פריהלינג, אַוועק אונזער פסח און זייער פּאַסחאַ. דאָס צופיהר פון קאָרן אין אונזער מיהל איז געוואָרען אַזוי קליין, אַז אונזער מיהל האָט זיך געזאָלט אָפּשטעלען. קומט אונז אָן אַ בריף פון אונזער בעל-הבית, וואו ער שרייבט אונז, אַז היות אַזוי ווי אין דעם שטעדטעל ליאַכאָוויץ, וואָס ליגט פופציג ווייאָרסט פון אונזער מיהל, איז פאַרהאַן אַ יוד אַ סוחר, ר' משה ליאַכאָווער, וואָס האָט צו פערקויפען עטליכע הונדערט פוד קאָרן און דוקא נישט טייער, לכן זאָלען מיר אַהין אַ פאָהר טאָן, אַ קוק געבען די סחורה, מושוה ווערען, אָבשרייבען דעם קאָנטראַקט, בעשטעלען פוהרען און אַריבערפיהרען די סחורה צו אונז אין מיהל אַריין.

פאָהרען מיר.

דאָ אייגענטליך האָב איך אייך געקאָנט אָבמאָהלען די נאַטור, וואָס מיר האָבען בעגעגענט אויפ'ן וועג, פאָהרענדיג קיין ליאַכאָוו און צוריק: ווי אַזוי דער פריהלינג האָט זיך צושפּילט אויף אַלע כלים און ווי די נאַטור האָט אויסגעזעהן אין אַלע צייטען פון מעת-לעת, ערב ובוקר וצהרים, ווי די זון איז אונטערגעגאַנגען, אויפגעגאַנגען, ווי דער מזרח האָט געבערענט און דער מעריב האָט געפלאַקערט, און ווי פון פעלדער און וועלדער האָבען זיך געטראָגען פערשידענע ריחות און ווי די פייגעלעך האָבען געפישטשעט און זשאַבעס האָבען געקוואַקעט וכדומה. נאָר אַזוי ווי איהר ווילט דאָך וויסען דעם עיקר המעשה, ווי אַזוי אַ יוד האָט געהונגערט, קריכט אייך דאָס אין קאָפּ נישט,—לכן וועל איך דאָס אַלץ דורכלאָזען און מיר וועלען געהן ווייטער.

אין ליאַכאָוו זענען מיר געקומען בעגינען, און ביז מיטאָג-צייט זענען מיר פאַרטיג געוואָרען מיט'ן גאַנצען משא ומתן. איינגעקויפט, אויסגעדונגען, אָבגעשריבען זיך, פוהרען בעשטעלט,

אַלץ ווי געהעריג איז. צו מיטאָג האָט מען אונז געגרייט אַ טיש מיט כל טוב. וואָרום איהר דאַרפט וויסען זיין, אַז ר' משה ליאַ-כאָווער איז אַ יוד אַן'עושר און אַ גרויסער מכניס אורח, ובפרט סוחרים, וואָס פערקעהרען מיט איהם וועגען מסחר, האָט ער ליב אויפצונעהמען על צד היותר טוב.

ס'פערשטעהט זיך, אַז נאָך אַזאַ שווערען טאָג אַרבייט האָב איך זיך גענומען צו דער אכילה גאָר געשמאַק. דאַגעגען, מיין יוד איז עפּעס געזעסען ווי אין געהאַקטע וואונדען און נישט גע-געסען.

—וואָרום עסט איהר נישט?—פרעגט איהם די בעל-הבית'טע.

—אַדאַנק. צו וואָס זאָלט איהר זיך מטריח זיין... עס ווילט זיך עפּעס נישט... איך בין נישט שטאַרק הונגעריג,—ענטפערט מיין יוד און שעמט זיך און האָט זיך נישט וואו אַהינצוטון.

פערשטעהן פערשטעה איך, אַז ער איז גרייליך הונגעריג, וואָרום נאָך אַזאַ לאַנגען וועג און נאָך אַזויפיל טומלעניש, איי-לעניש, לויפעניש איבער די סאַרייען און שפּייכלערס, און מע-סטען און וועגען די סחורה,—נאָך דעם אַלעמען דאַרף זיך על פּי שכל וועלען עסען. און די מאכלים זענען, דאַכט זיך, אַזעל-כע, וואָס דער קיסר מעג זיי עסען. אלא וואָס דען? איך כאַפּ אַ קוק אויף זיינע מלבושים און פערשטעה דעם סוד: די אַרבעל נעבעך צופלאַטערט, צופיצעלט און פרענז הענגען פון אַלע זיי-טען און די עלענבויגענס זענען אָפען, צוטרענצעלט. איך זעה, ער הויבט אויף אַ האַנד, וויל עפּעס נעהמען פון טיש, ווערט פערשעמט און בעהאַלט זי צוריק... און איך פיהל, ווי אַ בייזע מלחמה פלאַקערט ביי איהם אינווייניג. דער הונגער מאָנט זיינס און די בושה האַלט איהם צוריק, לאָזט איהם נישט מיט די הענד פונאַנדערפיהרען. איך דאַגעגען, אַלס אַריסטאָקראַט און הייבטוועלטיגער און אַנגעטון מעשה מענש אין מיין לוסטרינענע טווינקע און האַלב זיידענעם היטעל און מאַנישקע, האָב זיך ביים טיש געהאַלטען פריי און געקייט די סעודה אַזוי לאַנג און ברייט, ביז דער בעל-הבית האָט אויסגערופען:

—רבותי, מיר וועלען בענשען.

מיין יוד האָט זיך אָבגעלעבט, געבענטשט מיט כּונה. מיר זענען אויפגעשטאַנען, צוזעגנט זיך, געשפּאַנט פערד און וואָגען און היידאַ אין וועג אַריין.

אָבפאָהרענדיג דאָס ערשטע געסיל, רוף איך מיך אָן צו מיין יודען.

—איהר ווייסט, ר׳ מרדכי, (אַזוי האָט ער זיך גערופען), וואָס איך וועל אייך זאָגען, איהר זענט דאָך גאָר הונגעריג. איך האָב געזעהן, אַז ביים טיש האָט איהר זיך צו קיין זאַך נישט צוגעריהרט. טאָ ווייסט איהר וואָס, איך וועל אייך געבען פאַר אַן עצה? נעהמט, כאַפּט זיך אַריין אין אַ קרעמיל און קויפט עטליכע בויגעל, וועט איהר אויפ׳ן וועג איבערבייסען.

—איהר האָט רעכט,—מאַכט ער צו מיר. קריכט אַראָב פון וועגעל, קויפט אַ קרענצעל בייגעל און מיר פאָהרען ווייטער.

—נו, וואָס-זשע עסט איהר נישט? איהר זענט דאָך הונגעריג.—גיב איך איהם אַ פרעג.

—משוגע מיינע שונאים. איהר האָט זיך אַפּנים פערגעסען: „אוכל בשוק דומה לכּלב”. אין מיטען שטעדטיל וועל איך נעהמען עסען? אַ שענעם פּנים וועט דאָס האָבען. אָט, מיר וועלען אַרויספאָהרען פון שטעדטעל, וועל איך דעמאָלט כאַפּען אַ ביס.

דאָס פערד און וועגעל לויפט לעבעדיג איבער די שמאָלע געסליך פון שטעדטעל. אָט איז די סלאָבאָדע, אָט זענען שוין די לעצטע גויאישע געסליך; אָט ענדיגט זיך דאָס שטעדטעל. שקצים עפּענען פאַר אונז אַ לאַנגען, פון שטאַנגען צונויפגעשלאָגענעם, טויער מיט אַ הילכיגען סקריפּ, וואָס קלינגט אָב אויף דעם גאַנצען געסיל. מיר פאָהרען דורך. אָט זענען מיר שוין היגטער׳ן שטעדטעל, אַרויס אויפ׳ן ברייטען שליאַך, שיטערע בוימלעך, גערטנער, פעלדער... און איך דערמאָהן מיין יודען:

—נו, ר׳ מרדכי, וואָס עסט איהר שוין נישט?

—שייך זאָגען... עסען... נו, און פון וואַשען זיך האָט איהר, אפנים, פערגעסען... כּי, כּי, כּי... וואָס איהר זאָגט, ביים אַרויספאָהרען פון שטעדטעל פערגעסען זיך וואַשען.

—נו, איז וואָס וועט זיין? איהר זענט דאָך הונגעריג.

—וואָס זאָל זיין, כ׳מיין, גאָט וועט געבען, וועלען מיר אויפ׳ן וועג בעגעגענען אַ טייכעל, אַ בלאָטע... על כל פנים, וועלען מיך דאָך נאָך האָבען היינט אויפ׳ן וועג אַ טייך...

—ווען? פאַרנאַכט ערשט?

—מילא, איז פאַרנאַכט. וואָס דען זשע האָט איהר געוואָלט, איך זאָל עסען אָהן געוואַשען?

—הם... אַ מעשה, אַ מעשה...—מורמעל איך אונטער׳ן נאָז און איך הער, ווי עס נייגט מיך צום שלאָף: דער גאַנצער פאַרמיטאָגדיגער מסחר, דער זאַטער וואַרמעס און דער מחיה׳דיגער זומער-טאָג מיט די געשמאַקע ריחות פון די פעלדער, מיט דעם שושקען זיך פון די בוימער און דאָס פישטשען פון די פייגעלעך,—דאָס אַלץ האָט מיך פערוויגט אין אַ זיסען שלאָף.

אויפגעכאַפּט האָב איך זיך אין אַ טומעל פון אַ סך גוים, וואָס האָט זיך געטראָגען אַרום אונז. אונזער וואָגען איז געשטאַנען אויף אַ פּראָם צווישען אַ סך גוי׳שקע פוהרען ביי אַ ברעג טייך, גרייט אַריבערצושווימען צום צווייטען ברעג.

די זון האָט זיך שוין געזעצט נידריג און דער הימעל דאָרט אין מזרח איז געוועזען אַזוי רויט, פונקט ווי עמיצער זאָל דאָרט געוועזען אָנשמירען מיט רויטען צונטער. איך כאַפּ אַ קוק אויף מיין יודען: אַפּנים, אַז איהם האָט קיין שלאָף נישט גענומען. דאָס קרענציל בויגעל ליגט גאַנץ, זאָל דאָס כאָטש איינער פעהלען.

—איהר ט׳נאָך אַלץ נישט געגעסען?

—כ׳מיין, נישט געוועזען קיין וואַסער.

—אָבער איצטער וואָס? איצטער האָט איהר דאָך שוין וואַסער, וויפיל איהר ווילט, אַ גאַנצען טייך... געזעהן אַ ביסעל, אַ יוד זאָל אויף זיך קיין רחמנות נישט האָבען.

—באַלד, באַלד... איך וועל נור אָבדאַוונען מנחה. אַז איז עס שוין יאָ דאָ וואַסער, וועל איך וואַשען די הענד און זאָגען „אשרי”, דערנאָך וועלען מיר עסען.

ער איז אַראָב פון וועגעל, אַרויף אויפ׳ן ברעג און געשטעלט זיך שמנה עשרה.

דערווייל האָט דער פּראָם גענומען שווימען צום צווייטען ברעג. אומזיסט האָב איך געשריען און פּראָטעסטירט, אָנווייזענ־דיג אויף ר׳ מרדכי׳ן, וואָס איז געשטאַנען שמנה עשרה. די גוים האָבען קאַלטבלוטיג געטריבען דעם פּראָם אַלץ ווייטער צום צווייטען ברעג.

—ניטשאַהאָ! פּרייעדזע וטאָרים ראַזאָם!..*)

איך גיב אַ קוק, אוי ווען. די בויגעל ליגען דאָ אין וואָגען און ער וועט דאָרטען נישט האָבען מיט וואָס זיך צו אט׳־חיה׳ן נאָך אַזאַ לאַנגען תענית. קוים מיט צרות האָב איך זיך דערוואַרט, ביז דער פּראָם איז געקומען צוריק צום ברעג, וואו ר׳ מרדכי איז געשטאַנען.

—נו, ר׳ מרדכי,—זאָג איך צו איהם, פאָהרענדיג שוין אויפ׳ן פּראָם צוריק.—איצטער וועט איהר שוין עפּיס עסען. מנחה האָט איהר שוין אָבגעדאַווענט, וואָסער איז אויך דאָ; נאַ, נעהמט מאַכט המוציא—איך קאָן דאָך פון אייך דעם צער נישט זעהן.

מיין יוד האָט פערריסען דעם קאָפּ צום הימעל, האָט דאָרטען עפּיס געזוכט און זיך אָבגערופען.

צייט מעריב דאַווענען... שוין דאָ שטערן... און ספירה צעהלען... פאַר ספירה וועל איך דאָך נישט עסען, דברים בטלים, קומט לאָמיר פאָהרען, וועלען מיר אין וואָגען מעריב דאַווענען, ספירה צעהלען.

מיר זיצען שוין אין פוהר און פאָהרען ווייטער. מיר דאַווענען מעריב און צעהלען ספירה. אדאַנק גאָט אַלץ אָבגע־פּטר׳ט,—זאָג איך צו איהם.

—נו, וועט איהר שוין אַמאָל אַ ביס טון? האַ? ר׳ מרדכי?

—מיט וואָס זאָל איך זיך וואַשען? דער טייך איז שוין לאַנג פון הינטען געבליבען. וואָס איהר זאָגט.

—זאָלען מיר זיך אומקעהרען?

—וויים איך וואָס. אַזוי ווייט.

—טאָ וואָס וועט זיין? ר׳ מרדכי... כ׳מיין, גאָט איז מיט

---

*) נישקשה, ער וועט קומען דאָס צווייטע מאָל.

איך... עט... כ׳מיין, אַ כּזית... וואָס קאָן דאָ זיין?.. פּקוח נפש...

—משוגע מיינע שונאים, צי חסר-דעה? עט...

און אַ נאַכט איז צוגעפּאַלען אַ פינסערע, פּאַטש נעהם אַרויס אַנ׳אויג, און אַ וועג שטעהט-פּאַר אַ לאַנגער, אַ טרוקענער, אַז דער אויבערשטער זאָל משמר מציל זיין. אַ מדבר אָהן אַ טראָפּען וואַסער. און טאָמער ליגט ערגעץ אַ וואַסער ביי דער זייט,—איז ווער קאָן עס בעמערקען אין אַזאַ פינסטערנישׁ? זיצען מיר זיךביידע אין וואָגען און פאָהרען און די פוהר געהט, רוקט זיך אין דער פינסטער אַריין... און איך ווער אַנטשלאָפען.

ביים שיין פון טאָג כאַפּ איך זיך אויף און כאַפּ אַ קוק אויף מיין פאַרשוין. אַ פּנים, ווי נאָך נעילה און דער קרענציל בויגעל ליגט גאַנץ, נישט געמינערט, חלילה...

—בייסט שוין צו אַמאָל, ר׳ מרדכי.

—אָהן נעגעל-וואַסער?

—טאָ נעהמט און גיסט אָב נעגעל-וואַסער. אָן דאָרטען ליגט אַ בלאָטקעלע. נאַט, אָט איז אַ גלאָז.

מיין יוד גיסט אָב נעגעל-וואַסער.

—נו?

—וואָס, נו?

—עפּעס אין מויל נעהמען?

—פאַר׳ן דאַוונען?

—נעהמט מען און מען דאַוונט.

—נאָך צו פריה.

—וועט איהר אין וואָגען דאַוונען. נעהמט מיט אַ ביסעל וואַסער.

—גאָר אָהן אַ טלית און תפילין?

—איז ווי זשע וועט זיין?

—ווי זאָל זיין? באַלד, באַלד... נאָך אַ שעה, נאָך אַ שעה, וועלען מיר האָבען די קרעטשמע לאַדעווקע. וועלען מיר האָבען אי וואַסער, אי אַ קוואָרט, אי אַ טלית און תפילין, וועלען מיר דאַוונען, עסען, טרינקען. איך האָף צו גאָט, אַז מיר וועלען נישט עובר קריאת שמע זיין...

אַרום עלף אַ זייגער זענען מיר אָנגעקומען קיין לאַדעווקע. דאָרט אין קרעטשמע האָט מיין יוד זיך אויפגעזוכט אַ טלית און תפילין, געשטעלט זיך דאַווענען מיט גרויס כונה, וואָרט ביי וואָרט, פונקט ווי ער זאָל האָבען נעכטען אָבגעגעסען אַ גוטע וועטשערע און זיך גוט אויסגעשלאָפען. קוים דערהערט די רגע, ווען ער איז שוין מיט אַלעם פאַרטיג געוואָרען, בין איך אַרויס-געלאָפען צום וואָגען, אַריינטראָגען דעם קרענציל בויגעל.

נאָר אין וועגעל איז שוין קיין בויגעל נישט געווען, נעלם געוואָרען... אַ גוי האָט צוגע׳גנב׳עט.

צו דער סעודה.

(הומאָרעסקע).

וועלוועל באַס, דער מיידעל-לעהרער, האָט שוין פון יאָהרען לאַנג געהאַט אַ חזקה צו זיין צו דער סעודה ביי תנחום דעם סרסר.

די לעצטע צייט איז וועלוועל אַוועק אויף דער מלחמה, געוועזן אין פלען, און געקומען נישט לאַנג צוריק אַהיים.

און ווי יענע יאָהרען, פון פאַר דער מלחמה, איז ער אויך היינטיגען פורים געקומען צו זיין אַמאָליגען פריינד תנחום דעם סרסר צו דער סעודה.

אין שטוב איז אַ חוץ תנחום׳ען קיינער נישט געווען. נישט קיין פרויען, נישט קיין קינדער. וועלוועלען איז די זאַך שטאַרק קשה געוואָרען, נאָר ער איז געזעסען ביים טיש שטיל, חתנ׳דיג, מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ, מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזענעם גרויסען אָבגעריבענעם קאַפּעליוש אויף די אויערן, די שפּיצען פון וועלכע האָבען אונטער דער משא פון שווערען קאַפּעליוש זיך אַראָבגעבויגען און געטאָרטשעט איןביידע זייטען, ווי אויערלעך פון אַ סאַמאָוואַר. די דאַרע, נישט געראַזירטע באַקען זענען געווען

אַזוי איינגעפֿאַלען, אַז מען האָט געקאָנט מיינען, זיי זענען אי-נעווייניג צונויפגעקלעבט מיט גומיאַראַביקע.

פֿון דערפריה אָן האָט ער נאָך גאָרנישט געגעסען, גרייטענדיג זיך צו דער גוטער סעודה מיט דער רייכער וועטשערע, וואָס ערוואַרטעט איהם היינט אַוועגד אין דעם אַלט-בעקאַנטען הויז. ער געדענקט נאָך די טייערע סעודות פֿון אַמאָל.

דער בעל־הבית אַליין, תנחום, אַ נידעריג, פֿול געפּאַקט יודעל, מיט אַ קיילעכדיג פּנים, אַרומגעזוימט מיט אַ רויט בערדעל, איז אַמאָל געווען אַ נגיד אַ בעל-הבית. די לעצטע צייט, נעבעך, איז ער געוואָרען אַ יורד, זיין שטייף געפּאַקטער גופ׳ל איז אויך לויזער געוואָרען און אָבגעלאָזען, און אַז ער געהט, טרייסלען זיך איהם די באַקען.

ער איז אומגעגאַנגען איבער׳ן צימער, געזוכט אין די שופלאָדען, אין די שאַפעס אַ ביסעל טאַבאַק צו פֿעררויכערן, און פֿון צייט צו צייט צוגעוואָרפען דעם גאַסט אַ ווערטעל:

—געווען אויף דער מלחמה, הייסט עס, האַ? האָסט מסתמא אַ סך מעשות צו דערצעהלען פֿון דער מלחמה?

וועלוועל האָט דוקא נישט געהאַט קיין גרויסען חשק צו רעדען איצט וועגען מלחמה. איהם האָט אַלץ געעגבערט אין מוח: וואו איז די בעל־הבית׳טע? און פֿאַרוואָס איז דער טיש נישט געגרייט? איהם איז אייגעפֿאַלען, אפשר איז היינט גאָרנישט פּורים? אפשר איז עס נעכטען געווען. נאָר דאַכט זיך, אַז פּאָרט היינט. היינט האָט מען געלייענט די מגילה. נאָר־וואָס האָט ער געזעהן טראָגען שלח-מנות. און אפשר איז עס געווען נעכטען. מעגליך, אַז צוליב זיין גרויסען הונגער שטעהט איהם אַ נעבעל אין קאָפּ און מען פֿערלירט דעם חשבון אין צייט.

און ער זאָגט אַזוי זיך, לשם אינפֿאָרמאַציע וועגען:

—אַ וואַרימער פּורים היינט. ווי מיינט איהר, ר׳ תנחום?

—אַ וואַרימער, אַ וואַרימער. זעהר אַ שענער פּורים היינט,— האָט דער בעל-הבית געענטפֿערט, צוזעצענדיג זיך נאָהנט צו זיין גאַסט.—ס׳ווייב מיט די קינדער אַוועק שפּאַצירען. פֿון דאָרטען וועלען זיי געהן צו איהר ברודער אויף דער סעודה. דו קענסט

איהר ברודער, מיין שוואָגער, מענדעל האָלצהענדלער. אַריין אין די פעדערן! אָנגעשפּעקולירט זיך ווי אַ גוטער חזיר! איך האָב איהם פיינט. אַנומעלט זיך צעווערטעלט. פון דאַמאָלס אָן איז מיין „זוואַניע״ ביי איהם נישטאָ. האָסט געלד—איז דיר גוט. מיט מיר אָבער ביסטו קיין מחותן נישט. איך בין מיר אַנ׳אָרי-מאַן, נאָר איך שפּיי אויף דיר מיט דיין געלד אינאיינעם.

ער האָט אַ האַסטיגען שפּיי געטון אַזש צו דער טיר און ווייטער געזאָגט:

—זיי האָבען געוואָלט, איך זאָל מיט זיי אויך מיטגעהן, נאָר ווי לאַנג קרענקט ער, אַז איך זאָל געהן צו איהם אויף דער סעודה. איך קאָן מיר בעשטעהן צו זיצען אינדערהיים אָהן אַ סעודה.

וועלוולען האָט זיך פון די לעצטע ווערטער אַ ביסעל פערדרעהט דער קאָפּ, עפּיס האָט זיך ביי איהם ווי אינוועניג אָבגעריסען.

—אַ סעודה! אַ מכה וועט דער אויפגעקומענער חזיר אַזוי פּראַווען אַ סעודה, ווי איך האָב געפּראַוועט פאַר דער מלחמה. געדענקסט, וועלוועל, מיינע אַ פּורים-סעודה? אַ סעודה כסעודת שלמה. דו פלעגסט דאָך זיין ביי מיר יעדען פּורים. ווייסט דאָך, עה, הע, הע! געדענקסט אונזערע האָמאָנטאַשען. אונזערס אַ האָ-מאָנטאַש האָט דאָך גע׳שמ׳ט אויף דער גאַנצער שטאָדט. דו, וועלוועל, פלעגסט דאָס זיך אַוועקזעצען ווי אַ שררה און מיין ווייב פלעגט עס דיר דערלאַנגען דעם גרויסען פרישען שמעקע-דיגען, אויסגעבאַקענעם, פערברוינטען האָמאָנטאַש, מיט די סך מאָן אין דער מיט. און וועלוועל פלעגט דאָס קנייפּען דעם האָ-מאָנטאַש און פּאַקען אין פּיסק אַריין, מיין מאָן פלעגט זיך דאָס שיטען! זיסער, זאַפטיגער מאָן. אויפ׳ן טישטוך מאָן, אויף די ליפּען מאָן, נישטאָ וואו זיך אַהינצוטון פון דעם מאָן! דערנאָך די פיש! די געפעפערטע פיש מיט רייז און זאַפערן! די דינסט, געדענקסט דאָך זי, סטאַניסלאַווא, נישטאָ זי שוין היינט. שוין אַ האַלב יאָהר, אַז איך זיץ אָהן אַ דינסט. די דינסט פלעגט דאָס אַרויפטראָגען דעם גרויסען אָפּלומעשאָק געפילטע פיש. „וועלווע-

לע, אַ וועלכע‎ן חלק ווילסטו?״ וועלוועל וויל אַ מיטעל-שטיקעל. זאָל זיין אַ מיטעל-שטיקעל. וועלוועל וויל מיט רויג, זאָל זיין מיט רויג, מען זשאַלעוועט דיר דען? הע, הע, הע, וועלוועל פּאַקט עס דעם פרישען האָמאָנטאַש מיט די גוטע פיש, אַז אַ רויך געהט!..—שאַ! און דעם שנאַפּס האָסטו פערגעסען? די וואוילע קאַפּעטשקע. אַ גלעזעלע קאָניאַק, ווישניק, נאַסטאָיקע. ניין, וועלוועל האָט פיינט די צערעמאָניעס. וועלוועל וויל אַ ריין ביסעל ספּירטעס. נאַ, אָט האָסטו, פּערהאָן ברוך השם, פלאַשען ווי די ראָטעס סאָלדאַטען. אַ כוסה נאָך אַ כוסה: פאַר די פיש, צווישען די פיש, און נאָך די פיש, ביי וועלוולען פינקלען די אויגלעך. ע, ע! אַי, גנב!.. איצט טראָגט מען די קרעפּלעך, עס באַקט. די קרעפּלעך צופּאַלען אין מויל, עס בריהט. האַ, האַ, האַ!... און דאָס פליש? דאָס ווייב פרעגט: וועלוועל, וועלכע פליש געבען אייך? רינד-פליש צי הון? וועלוועל פּיעסצשעט זיך ווי אַ בן-יחיד. וועלוועל איז דאָך אַ גאַסט. וועלוועל זאָגט: איהם איז אַלץ איינס, ער וויל ביידע. אַי, גנב!

וועלוועל ציהט אויס דעם האַלז, מאַכט אַ מאָדנע מינע און שלינגט אַראָב דאָס שפּייעכץ. די הענד ציטערן איהם. ביי דעם בעל-הבית צושפּילען זיך די אויגלעך, די בעקלעך פלאַמען און גיסען זיך צוזאַמען מיט׳ן רויטען בערדעל. און ער רעדט ווייטער:

—דערנאָך דאָס גלעזעלע וויין מיט דעם טייערן מערען-צימעס, מיט דעם עפּעלע, מיט דעם פּאָמעראַנצעל. געדענקסט די פּאָמעראַנצען? אויפ׳ן קויש פלעגען מיר זיי קויפען, ווי קאַרטאָפעל, הלואי האָבען מיר היינט אַזויפיל קאַרטאָפעל... עך, עך, עך, פערזינדיגט. און וועלוועל איז נישט קיין נאַר, ער לאָזט זיך נישט בעטען. שיילט די פּאָמעראַנצען און שלינגט זיי ווי קניידלעך. שלינג דיר געזונטערהייד, מען זשאַלעוועט דען דיר?.. און ווידער אַמאָל אַ ביסעל וויין, דער אמת׳ער ווימאָראָזעק און פערביסען מיט אַ שטיקעל געפילטען טאָרט פון עמיצענס אַ שלח-מונות. עס קוויקט, עס צוגעהט אין אַלע אברים.

ביי וועלוולען ווערט פלוצלונג ווייס דער שפיץ נאָז. די אונטערשטע פערטריקענטע ליפ פאַלט אַרונטער. ער גיט זיך אַ וואַקעל און פאַלט אַנידער. אין אַ מינוט אַרום איז וועלוועל גע־לעגען אויף דער קאַנאַפּע און דער בעל־הבית האָט איהם גע־מינטערט און געשפּריצט אויף איהם מיט קאַלטען וואַסער פון מויל.

מחילה־בעטען.

אַ סצענע אום ערב יום־כפור.

פערזאָנען:

יענקעל אַבדיריק.

לייבקע בורילע.

(ביי יענקלען אין שטוב. לייבקע קומט אַריין).

-וואָס? ביסט געקומען? האַ?

—געקומען! או-וואַ! אַ וואַזשנע זאַך. און אַז געקומען איז וואָס? וואונדערסט זיך, וואָס איך בין געקומען צו יענקעלע אַבדיריק?

—איך מיין, ווי האָט מען דאָס פערשטאָכענע אויגען און מען קומט נאָכדעם, ווי איך האָב דיך אַראָבגעוואָרפען פון אַלע טרעפּ.

—ווען האָסטו אַראָבגעוואָרפען פון אַלע טרעפּ? האַ? יענקעלע אַבדיריק!

—ס'הייסט, איך האָב דיך נאָר אַראָבגעוואָרפען פון דער אויבערשטער טרעפּ, פון די איבעריגע ביסטו שוין אַליין געפלויגען. האַ, לייבקע בורילע!

—אַלץ איבער מיין זלאַטען. זי האָט זיך אַריינגעמישט, ווען נישט זי, וואָלסטו שוין פון מיר געכאַפּט דעם אמת׳ן פּע־קעל פינגער אין טשאָלענט־טעפּעל אַריין.

—דו—מיר אַ פּעקעל פינגער אין טשאָלענט־טעפּעל?!

—וואָס? ביסט אפשר נישט געוועהנט געוואָרען? און יענע פּעטש האָסטו פערגעסען?

—וועלכע פּעטש?

—אין קצב׳ישער שול?

—אויך מיר אַ שול! זעה נור, דו זאָלסט ביי מיר איצט נישט ווערען מיט אַ קאָפּ קירצער!

—איך לאַך פון דיר און פון דיין טאַטען דעם שכור אינאיינעם!

—מיין טאַטען זאָלסטו נישט דערמאָנען! דו הערסט? ממזר!

—דוקא דערמאָנען. שכור! שכור! שכור!

—אַ, דו משומד! אַרויס פון דאַנען! אַרויס פון מיין שטוב! (שטופּט איהם).

—דו זאָלסט זיך בעסער אויפהערען צו שטופּען! דו הערסט?! איך וועל דיר די מאָרדע צוקוואַטשען! גנב!

—זשוליק!

—אַרעסטאַנט!

—אָסטראָזשניק! אַ רוח זאָל אין דיין... ע־ע, דיין טריפה׳־נער מזל, וואָס... מנא... וואָס... ע—

—וואָס באַלאַמוטשעסטו, פּיאַניצע?

—עס ווילט זיך מיר נישט די הענד פּאַטשקען. אזאַ טאָג... ערב יום־כּפּור... היינט—אַ יום־הדין.

—אַך, ערב ום־כּפּור! אָ־וואַ! אַ הייליגער טאָג! אודאי אַ הייליגער טאָג!

—בין איך געקומען מיר זאָלען זיך מחילה בעטען... אַלע יודען בעטען זיך היינט איבער...

—טאָ וואָס־זשע שווייגסטו? לייבע! ברודערלעבען! און איך האָב געמיינט... כע, כע, כע... אַ בראַווער מאַן, כ׳לעבען. אַ בראַווער מאַן ביז גאָר!

—ביסטו מיר מוחל, יענקעל?

—מוחל, מוחל, לייבע. און דו מיר?

—אויך מוחל. היינט איז דאָך עפּיס אַ יום-הדין. גאָט פאַר־גיט אין הימעל אונזערע זינדיגע חטאים און פערשרייבט אין די הייליגע ביכער. פון היינט אָן זענען מיר גוטע פריינד און האַדיע. וואָס געווען—איז געוועזן.

—אודאי, וואָס געוועזן איז געוועזן. פון היינט אָן זענען מיר גוטע פריינד.

—נאָך וואָס פאַר אַ גוטע פריינד. אָט לאָמיר זיך גאָר צו-קושען. עס געהט אַ נייע יאָהר מיט אַ לשנה-טובה.

—אָ, מיט'ן גרעסטען כבוד! גיב אַהער דיינע פּיסקעס, לייבע... אָט אַזוי.

(קושען זיך).

—זאָל שוין גאָט געבען עס זאָלען פערגעבען ווערען אונ-זערע זינדיגע חטאים, ווי שטעהט אין מחזיר, אין על חטא.

—גם אתם, מיר זאָלען אַוועקוואַרפען אונזערע שטיק. אָבער געדענק נאָך יום-טוב...

—איך ווייס נישט. איך האָב נישט קיין שטיק.

—ווער דען האָט שטיק?

—איך ווייס? אַז נישט איך, מסתמא איז דו.

—וועלכע שטיק?

—אָט דיינע היגטישע שטיק. מיינסט, איך האָב פערגעסען?.. מסר'ן גאָר?

—ווער האָט גע'מסר'ט?

—דו האָסט גע'מסר'ט! מיינסט, איך ווייס נישט? איך האָב עדות.

—און אַז גע'מסר'ט, איז וואָס?

—ביסטו אַ מסור'ניק!

—אַבי נישט קיין אָסטראָזשניק...

—פּאַרך! הונד!..

—אונטערצינדער! געמאַכט אַ בורא מאורי האש! סטראַ-כאָווקע זיך פערגלוסט!

—זאָלסט שוין אַזוי לעבען, ווי איך האָב אונטערגעצונדען. איך האָב נאָר דאָס שטיבעל מיט קעראָסין אָבגעגאָסען, אָבער אונטערגעצונדען האָב איך נישט ווילענדיג, איך האָב עדות.

—אָבער אין טורמע געפוילט.

—מסור׳ניק! וואָס האָסטו אויסגעפירט? איצט האָב איך דיר אויף צופיקעניש אויסגעשטעלט נאָך אַ שענער הויז! און דוקא מיט די פענסטער דיר אין הויף אַריין, און טו מיר עפּיס, ממזריק!

—און איך וועל אַוועקשטעלען אַ פּאַרקאַן ביז׳ן הימעל, אַז עס וועט דיר פינסטער און ביטער זיין.

—און איך וועל דיר ווייזען, אַז דו וועסט ביי מיר אַ טשוואָק נישט אַריינקלאַפּען, ווייל ס׳איז מיין מצר.

—דיין מצר איז דאָס? דו האָסט דאָך נאָך ביי מיר פער-נומען צוויי אַרשין פון מיין פּלאַץ. איך וועל דיר דיין שטיבעל אַראָבוואַרפען, בעל-מצרה מיינער!

—וועסט מיך אפשר ווידער מסר׳ן? אַי, מסור! איך וועל דיר אַ פּוס אַרויסשרויפען!

—און איך וועל דיר די קישקעס אַרויסלאָזען און מאַכען אַ טעלעפאָן, ממזריוק!

—אַבדיריק!

—בורילע!

—אַבדיריק!

—בורילע!

—פעסימיסט!

—וואָס האָסטו געזאָגט! האַ! פאַר אַזעלכע ווערטער וועל איך דיר די מאָרדע צוקוואַטשען!

—אַנו, פּרובי! איך וועל דיך אַ לעבעדיגען אין דער ערד אַריינלעגען!

—אַך דו! (וואַרפט זיך צו איהם).

—שטעה! לאָז אָב די באָרד!

—און דו לאָז אָב דעם לאַץ פון מיין שבת׳דיגען סורדוט! איך וועל דיר די קישקעס אַרויסלאָזען!

—אט אזוי. אבגעלאזען...

—דו האסט פריהער אבגעלאזען.

—איך האב אבגעלאזען... דיין טריפה'נער מזל... איך וויל די הענד נישט פאטשקען... אזא טאג... ערב יום-כפור ביי גאט... דיין מזל.

—מיין מזל... וואס עפיס מיין מזל. אפשר דיין מזל. איך וויל אויך די הענד נישט פאטשקען.

—אין אזא טאג איז דאך אן עבירה שלאגען זיך. היינט דארף מען זיך דאך איבערבעטען אויף די זינדיגע חטאים.

—ע—ע—ע... מיינסט, איך ווייס נישט? וואס בין איך עפיס קיין יוד נישט. א הייליגער טאג... ערב יום-כפור... זעהר א הייליגער טאג...

—בין איך געקומען צו דיר זיך איבערבעטען.

—טא וואס-זשע שווייגסטו? לאמיר זיך איבערבעטען, ס'איז דאך היינט עפיס א יום-הדין אויף דער וועלט.

—ביסטו מיר מוחל, יענקעל?

—מוחל, מוחל, און דו מיר?

—איך מוחל. זאל מיר גאט אזוי מוחל זיין, ווארום וואס האב איך צו דיר? זאל איך דאס האבען צום רב, וואס איך האב צו דיר.

—און איך צו דיר?

—טא זאל זיין שלום און האדיע! עס געהט א נייער יאהר מיט א נייעם לוח... אט פאלג מיך, לאמיר זיך גאר צוקושען.

—צוקושען—איז צוקושען... (קושען זיך).

—אט אזוי. שלום איז א טייערע זאך. שלום איז דאך א גאטס-זאך.

—וואו שלום, דארטען איז שלמה המלך. אזוי, דאכט זיך, שטעהט אין דער הייליגער תורה.

—גוט-פריינד און האדיע!

—געדענק-זשע אבער, אז תיכף נאך יום-טוב זאלסטו מיר די פענסטער פערמויערן. איך האב פיינט, אז פרעמדע פענסטער טארטשען מיר אין הויף אריין, לאמיר אויפהערען מאכען לייטי-

טע געלעכטער. אָט פּאָלג מיך.

—וואָס הייסט דען, איך זאָל דיך פאָלגען? איך מאַך דען לייטישע געלעכטער? איך האָב צוויי אַרשין פלאַץ אין דיין הויף, מעגען מיינע פענסטער אַרויסגעהן אין הויף אַריין.

—אַ ליגען, דיין שטוב שטעהט שאַרף אויפ'ן מצר. דו האָסט נאָך פערנומען צוויי אַרשין פון מיין פלאַץ. איך זאָג דיר בעסער מיט גוטען, פאַרמויער די פענסטער און זיי נישט דאָס וואָס מען רופט דיך: לייבקע בורילע!

—מילא, אַז איך בין לייבקע בורילע, ביסטו יענקעל אַבדיריק.

—אָבער דו האָסט דאָך נאָך אַ צונעמעניש לייבקעלע כּניאָק.

—אַ משוגע'נער, אַנ'אמת'ער משוגע'נער! קוקט איהם נאָר אָן, יענקעל אַבדיריק! ווען ביסטו אַרויס פון סומאַסעדשי דאָם?

—און ווען ביסטו אַרויס פון טורמע, האַ? אונטערציינדער?

—זעהט נאָר אַ פּנים! זעהט נאָר אַ פּאָרטרעט! ווילט זיך דאָס מיר אַריינפאָהרען אַזוי אין פּיסקאַטש אַריין, (שטויסט איהם).

—הער אויף מיט די קולאַקעס! הערסט, ממזר! אי מאָי קולאַק ניע דוראַק!

—הונד!

—פאַרך!

—וואָס, שלאָגען זיך? איך וועל דיר דעם מח פּלעטען! אַ דו פאַרך!.. (כאַפּט אַ שטוהל).

—די האַק וואו איז? די האַק?!

—מיט אַ האַק גאָר... מנא... דיין... דיין מזל, וואָס, היינט איז אַזאַ טאָג... איך בין נישט אַזאַ גראָבער יונג ווי דו. ערב יום-כּפּור...

—הי, אַז דו ביסט אַ מאָדנער מענש... הי, וואָס, איך ווייס נישט?

—און איך שעלט זיך דען? איך ווייס אויך, אַז ערב יום-כּפּור איז אַ הייליגער טאָג, אַ גאָטס טאָג, וואָס מען משפּט אויף אַלע זיבען הימלען.

—טאָ וואָס-זשע?

—וואָס „וואָס-זשע"?

—טאָ וואָס זשע?.. אָט בין איך געקומען זיך איבערבעטען. לאָמיר זיך איבערבעטען. אַלע יודען בעטען זיך היינט איבער.

—הערסט! דאָך מיינע ווערטער. היינט איז אַ מצוה צו איבערבעטען זיך און אויסבעטען ביי גאָט אַ גוט יאָהר מיט אַ לשנה-טובה.

אודאי, עס געהט אַ ניי יאָהר מיט אַ נייעם לוח. לאָמיר זיך איבערבעטען. זיי מיר מוחל, יענקעל.

—מוחל, מוחל, לייבע. און דו מיר?

—אודאי מוחל. גוט-פריינד און האָדיע.

—זאָל עס מיר זיין, וואָס איך ווינש דיר. וואָרום וואָס האָב איך צו דיר?

—איך טענה אָבער אַלעמאָל, אַז דו ביסט אַ בראַווער מאַן. אַ גוטער ברודער ביז גאָר. ווייסטו וואָס? לאָמיר זיך צוקושען.

—קושען—איז קושען (קושען זיך).

—אָט אַזוי.

—הייסט עס, האָבען מיר איינער דעם אַנדערען מוחל געווען?

—מוחל, מוחל... נאָר געדענק, ממזר, ווי נאָך יום-טוב, וועל איך דיר— — —

(דער פאָרהאַנג פאַלט און הויבט זיך גלייך אויף. די סצענע פיהרט זיך ווייטער עטליכע מינוטען. דער פאָרהאַנג פאַלט ווידער און הויבט זיך ווידער אויף. די סצענע ציהט זיך נאָך אַלץ. און אַזוי עטליכע מאָל ביז דעם עולם ווערט גוט נמאס).

בעריל שלימזיל פאָהרט אויף אַ פאַרלעזונג.

א

בעריל שלימזול איז די לעצטע צייט עולה לגדולה גע־וואָרען. שוין זייט עטליכע יאָהר, אַז ער קוועטשט זיך אין דער ליטעראַטור אַריין, נעבעך אַזוי פיל אויסגעשטאַנען, אַזוי פיל געלד צו׳פּטר׳ט אויף מאַרקעס, דאָס פּנים געשוואַרצט, אין אַלע רעדאַקציעס געקראָכען. דערפאַר אָבער האָט איהם גאָט איצט ממלא געווען. און פאַר דעם גרויסען צער, וואָס ער האָט גע־האַט, האָט ער אַצינד נחת און פאַר דער גרויסער ערנידערונג— כבוד און גדולה.

פאַר זיינע וויצען האָט ער שוין עטליכע מאָל געכאַפּט פּרעמיעס. קומט אַ יום-טוב, שרייבט ער אייך אָן אַ גאַס-בילדעל פון וואַרשאָ אויך. למשל: „ערב פסח אין וואַרשאָ, „פסח אין וואַרשאָ״, „חול-המועד פסח אין וואַרשאָ״, „די אַנדערע טעג פסח אין וואַרשאָ״, וכדומה...

און ער בעשרייבט אייך, וויפיל עס האַלט דער מקח פון מצות, פון שמאַלץ און אייער היי-יאָהר, און דאָס וועטער אין דרויסען בעשרייבט ער אייך מיט דריי טעג פריהער און ווי אַזוי

מען כשר׳ט כּלים און מען פּערקויפט חמץ און ווי יודען געהען אין שוהל און ווי, להבדיל, אין מרחץ, ווי מען שפּאַצירט, הכּלל יעדעס פּיצעלע בעזונדער.

מיט איין וואָרט, בעריל שלימזל וואָלט געווען דער גליק-ליכסטער מענש אין דער וועלט, ווען נישט איין זאַך, וואָס לאָזט איהם נישט רוהען:

אַ פאָרלעזונג!

גוואַלד, וואו קריגט מען אַנ׳אָווענד, אַ קאָנצערט, וואו ער זאָל קאָנען אויך אַרויסווייזען זיין טאַלאַנט און פאָרלעזען און דעקלאַמירען און מאָנאָלאָגירען א. אַ. וו. ערשט דאַן וואָלט די וועלט געזעהן, וואָס פאַר אַ קראַפט ער איז!

אַלע ליטעראַטען האָבען פאָרלעזונגען, טרעטען אַרויס בפני כּל עם ועדה און לעזען פאַר זייערע ווערק. זייערע נעמען דרוקט מען מיט גרויסע אותיות אין די אַנאָנסען און פּראָגראַ-מען. דערנאָך די אַפּלאָדיסמענטען, דערנאָך די בעריכטען. וויפיל וואָלט בעריל שלימזל געגעבען, ער זאָל שוין קומען צו אַזאַ מדרגה?

און וואָס מעהר ער טראַכט זיך אַריין און וואָס מעהר די פאַנטאַזיע זיינע צושפּילט זיך, אַלץ מעהר צופלאַקערט זיך אין איהם די קנאה און ער הויבט אָן צו זוכען אַ פּלאַן, ווי אַזוי דעם דאָזיגען אידעאַל צו פערווירקליכען.

גראָד האָט בעריל שלימזל אויסגעפונען, אַז אין דעם קליין שטעדטעלע מיט׳ן נאָמען פּינטשעוו, וואָס ליגט אויף דער וואַרשאָ-ווינער אייזענבאַהן-ליניע, אָרגאַניזירט דאָרט דאָס יונג-וואַרג אַ ליטעראַרישען מוזיקאַלישען מאַסקען-באַל מיט אַ דרשה וועגען די צוקונפט פון יודענטום, מיט ניסן בעלזערס השכּבנו און אַ מאַלאָרוסישען האָפּאַק, פּאַסט און טענץ און לאָטעריי און קאָנ-פעטי און סערפּאַנטין און די איבעריגע קלאַפּערגעצייג, וואָס איז נויטיג פאַר אַזאַ אונטערנעהמונג.

גראָד אין דעמדאָזיגען שטעדטעל און גראָד צווישען די גרינדער פון דעמדאָזיגען אָווענד, האָט בעריל שלימזל אויסגע-פונען זיינס אַ נאָנטען ידיד און אַ בן-עיר, יששכר קלאַפּשטאָק.

האָט בעריל שלימזל פערקאַטשעט די אַרבעל און אָנגע־שריבען זיין פריינד ישׂשכר'ן אַ בריוועל בזה הלשון:

„טייערער פריינד ישׂשכר! היות אַזוי ווי איך בין דער־גאַנגען, אַז דו ביסט איינער פון די גרינדער פון אַ ליטעראַריש מוזיקאַלישען אָווענד אין דיין שטעדטעל און היות אַזוי ווי איהר וועט דאָך זיכער אויסשרייבען אַ „קראַפט" פון וואַרשאַ, לכן קום איך דיר צו שרייבען, אַז איך בין איצט איינער פון די פּאָפּו־לערסטע שריפטשטעלער אין וואַרשאַ (זעה די וויצען פון די נו־מערן 78, 130). און דעריבער וועל איך דיך בעטען, אַז דו זאָלסט פּועל'ן, אַז מען זאָל מיך אויסשרייבען אַלס קראַפט. איך וועל זיך מיט אייך נישט שטאַרק דינגען. אַבי איך זאָל קאָנען קומען צו אייך. און זעה, מען זאָל מיך אַנאָנסירען אין די צייטונגען, און לאָזען דרוקען אַפישען מיט פּראָגראַמען. אין לעצטען פאַל בין איך מרוצה צו פאָהרען גאָר אָהן געלד, נאָר הוצאות זאָל מען מיר אומקעהרען, און אויב העלפט הוצאות, מאַכט אויך נישט אויס. זיי מיר געזונד און שרייב מיר אַ באַלדיגע תשובה. דיין איבער־געגעבענער פריינד, ליטעראַט און הומאָריסט

בעריל."

ב

עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלען די שמחה, וואָס בעריל שלימזל האָט געהאַט, ווען ער האָט געקריגען פון זיין חבר ישׂשכר אַ תשובה, אַז זיין השתדלות איז אָנגענומען געוואָרען און ער ווערט איינגעלאַדען אין פינטשעוו אויף דעם נאָהנטסטען זונ־טאָג אויף אַ ליטעראַריש-מוזיקאַלישען אָווענד.

אַ וויגרישנער בילעט וואָלט איהם אַזוי נישט דערפרעהט, ווי דאָס קליינע בריוועלע. וויפיל מאָל האָט ער אַליין דאָס בריוועלע איבערגעלייענט, נישט געווען ביי איהם קיין איין בע־קאַנטער און קיין איין גוטער פריינד, וועמען ער זאָל נישט האָ־בען דאָס בריוועלע געוויזען. פאַר דער קורצער צייט איז דאָס שטיקעלע פּאַפּיר אַזוי אַלט און צוקאָרטשעט געוואָרען, אַז ווען

־הר קוקט אָן דעמדאָזיגען בריוועל, וועט איהר אָסור גלויבען, אַז עס איז ערשט נעכטען ערהאַלטען געוואָרען, נאָר איהר וועט מיינען, אַז דאָס איז אַנ׳אַלטערטימליכער אַנטיק-כתב, אַרויסגע׳גנב׳עט פון אַנ׳אַרכיוו ערגעץ.

און בעריל שלימזל האָט זיך אָנגעהויבען גרייטען אין וועג אַריין.

קודם כל האָט ער גענומען איינשטודירען גוט די ווערק, וועלכע ער וועט דאַרפען פאָרלעזען אויפ׳ן אָוועגד, רעפּיטירט פון פריה ביז שפּעט אין שטוב און אין גאַס גע׳חזר׳ט. „אַ חולאת פון אַ מענשען”, האָבען פאַרבייגעהער געזאָגט, זעהענדיג ווי ער געהט און חזר׳ט עפּיס, „אַ מענש זאָל האָבען אַ טבע צו רעדען פאַר זיך”.

דערנאָך איז בעריל געגאַנגען אויפזוכען עמיצען אַ רייזענ־דער, צי אַ וואָיאַזשאָר, וואָס פערמאָגט „אַנ׳אייזענבאַהן-וועגווייזער” בכדי אויסצוגעפינען די ריכטיגע צייט און דעם ריכטיגען צוג און דעם ריכטיגען פרייז פון אַ באַהן-בילעט פון דריטען קלאַס צו פאָהרען קיין פינטשעוו.

און נאָך לאַנגע חקירות ודרישות האָט בעריל אויסגעפונען, אַז זיין ריכטיגער צוג געהט אָב פון וואַרשאָ-ווינער וואָקזאַל פונקט אום האַלב צוויי אַ זייגער בייטאָג, און קאָסט 2 רובל מיט 61 קאָפּ אַ בילעט.

פאַרטיג געוואָרען מיט דער אויספאָרשונג, האָט זיך בעריל גענומען גרייטען צו דער רייזע גופא. געקויפט אַ ווייסען קראַגען מיט אַ קראַוואַטעל, מיט צוויי טאַשען-טיכלעך.

עס וועט זיכער זיין אַ געפּאַקט הויז, האָט ער געטראַכט,— מען וועט שטעהן אויף די קעפּ. און הייס וועט זיין, אַז דער עולם וועט שוויצען ווי אין באָד, און אַז דער עולם שוויצט, שוויצט דאָך דער פאָרלעזער אודאי. ס׳איז דאָך עפּעס אַ האָרעוואַניע, ובפרט נאָך, אַז איך וועל לעזען מיט האַרץ, מיט טעמפּעראַמענט, מיט היץ, וועל איך דאָך אודאי שוויצען.—דאַרף מען, פערשטעהט זיך, צוגרייטען צוויי טאַשענטיכלעך צום ווישען דעם שווייס.

דערנאָך איז בעריל אַוועק אין אַנ'אַפּטייק-קראָם, געקויפט
פּאָר פינף קאָפּיקעס בענזין און גענומען אויסרייניגען די פלע-
קען פון זיין שבת'דיגען אַנצוג.

אויסגערייניגט די פלעקען, האָט ער זיין אַנצוג אַרויסגע-
האַנגען אויף דער זון און אַליין האָט ער זיך אַנידערגעלעגט
אויף זיין צונויפגעלעגטער בעטעל, כדי אויסצורוהען זיך ביז'ן צוג,
פערטיפט זיך אין טיפע געדאַנקען און זיין פאַנטאַזיע האָט איהם
געמאָלט בילדער, איינס שענער פון דעם אַנדערען.

„אויפ'ן וואָקזאַל אין פינטשעוו וועלען מיך זיכער בעגעגע-
נען עטליכע דעפּוטאַציעס. און גלאַט אַזוי עולם וועט קומען אָנ-
קוקען מיך. מען דאַרף זיך וויסען ווי צו האַלטען... דער עולם
אויפ'ן וואָקזאַל וועט זיכער וואַקסען, די זשאַנדאַרמען וועלען
דאַרפען האַלטען אָרדנונג, אַנישט קאָן נאָך קומען ח"ו צו אַ קאַ-
טאַסטראָפע... דערנאָך וועט מען מיך פיהרען אין אַ האָטעל. אַ
גוטע וועטשערע געבען. הייגט דער אָוועגד אַליין; טויזענדער
אויגען וועלען אויף דיר קוקען... דער זאַל וועט הילכען פון
אַפּלאָדיסמענטען... דערנאָך וועט וואַהרשיינליך זיין אַ באַנקעט.
רעדעס... איך—די הויפּטפיגור. דערנאָך די בעריכטען אין די ציי-
טונגען. מיליאָנען מענשען וועלען פון מיין ערפאָלג לייענען..."

שוין צייט צו פאָהרען.

בעריל האָט אָנגעטון זיין נייע מאַנישקע און דעם נייעם
קראַוואַט מיט דעם שבת'דיגען אַנצוג, פון וועלכען עס האָט זיך
נאָך געטראָגען אַ שטאַרקער ריח פון בענזין, אַריינגעשטעקט אין
קעשענע דאָס פּעקעל כתבים, פון וועלכע ער וועט דאַרפען פאָר-
לעזען, און מאַרש צום וואָקזאַל.

געקומען אויפ'ן וואָקזאַל, איז בעריל געבליבען שטעהן ווי
געפּלעפט,—דער צוג איז שוין לאַנג געוועזען אַוועקגעגאַנגען. און
נישט מחמת בעריל האָט פערשפּעטיגט, נאָר פשוט צוליב אַ
קליינע מיספערשטענדניש:

די צייט, אַז האַלב צוויי אַ זייגער מוז ער זיין ביים
וואָקזאַל, ווי עס האָט איהם אָנגעוויזען זייגער אַ בעקאַנטער וואָ-
יאַזשאָר לויט'ן אייזענבאַהן-וועג-ווייזער, האָט עס געמיינט פע-

טערבורגער צייט. ד. ה. מיט אַ האַלבע שעה פריהער ווי אין וואַרשאַ און אַזוי אַרום האָט בעריל פערשפעטיגט מיט אַ גאַנצע האַלבע שעה.

די ערשטע עטליכע מינוט האָט בעריל געהאַט דעם אויס-זעהן פון איינעם, וואָס וויל בעגעהן זעלבסטמאָרד און וואַרפען זיך אונטער די רעדער פון אַ צוג. נאָר באַלד איז ער געקומען צו זיך און מיט טרעהרען אין די אויגען אַריינגעלאָפען אין קאַנצעלאַריע פון נאַטשאַלניק פון סטאַציע.

—האָט רחמנות, גאָספּאָדין נאַטשאַלניק, ווען געהט אָב אַ צוג קיין פינטשעוו? איז בעריל צוגעפאַלען צום נאַטשאַלניק מיט טרעהר'ען אין די אויגען.

—צוועלף מיט פופצעהן מינוט ביינאַכט.

—איך מוז אָבער זיין היינט צו אָווענד דאָרט.

—וואָס קאָן איך העלפען?

—אפשר וויס דער נאַטשאַלניק אַנ'עצה, ווי אַזוי איך זאָל דאָך קאָנען קומען אַהין היינט אָווענד. איך האָב בעקומען אַ דעפּעשע. מיין מוטער איז גוסס,—האָט בעריל שלימזל נישט ווילענדיג אָבגעבראָקט אַ ליגען.

דערזעהענדיג דאָס פערצווייפעלטע פנים פון דעם מאָדנעם פּארשוין, האָט דער נאַטשאַלניק אַרויסגענומען אַ ביכעל פון דער פּאָליצע און גענומען אַריינקוקען מיט גרויס התמדה.

—ס'איז דאָ אפילו יאָ אַ מיטעל,—האָט דער נאַטשאַלניק אָנגעהויבען און בערילס פנים איז אַזש געוואָרען ברייט פון נייגעריגקייט און ערוואַרטונג אויף דער בייער ישועה.

—איהר פאָהרט גלייך אויף קאָוולער וואָקזאַל, פון דאָרט געהט באַלד אָב אַ קוריערצוג. די צרה איז נאָר, וואָס דער צוג שטעלט זיך נישט אָב אין פינטשעוו, נאָר ער געהט אַ פּאָר סטאַציעס ווייטער—ביז בעדריטש. נאָר ס'מאַכט נישט. אין אַ פערטעל שעה אַרום געהט אַ צוג פון בעדריטש צוריק, און אַזוי אַרום וועט איהר צו אָווענד-צו קאָנען מיט יענעם צוג זיין אין אייער פינטשעוו. פערגעסט אָבער נישט, אַז מיט'ן קוריערצוג

וועט אייך די רייזע קאָסטען מיט צוויי רובל טייערער, ד. ה. 4 רובל 61 קאָפּ.

נישט לאַנג געקלערט, איז בעריל אַוועקגעלאָפן צום קאָוולער וואָקזאַל. און טאַקי על פּי נס, האָט ער ביי זיך פון די אַלע קעשענעס צוזאַמענגעשאַרט אַ סומע פון 4 רובל 61 קאָפּ. אויף אַ בילעט און היידאַ אין וועג אַריין.

ג

אין אַ ווינקעל פון וואַגאָן האָט זיך בעריל צוגעטוליעט, פערוואָרפן דעם קאָפּ צום סופיט און פערגאַנגען אין אַ זיסע מידקייט. אַזויפיל לויפעניש, שרעק און עגמת־נפש געהאַט פאַר'ן טאָג, איצט זיצט ער און רוהט און דער צוג פיהרט, איהם, פיהרט...

נאָר באַלד האָט ער זיך געגעבען אַ צאַפּעל, פּונקט ווי אַ ביהן וואָלט איהם אַ ביס געטון. ער האָט גענומען טאַפּען איבער אַלע קעשענעס, מיט אַ מאָדנע נערוועזיטעט און שנעלקייט גענו־מען זוכען, נישטערען, ווי איינער, וואָס מען האָט ביי איהם נאָר-וואָס אַוועקגע'גנב'עט אַ גרויסען מטמון מיט געלד.

אַ בייזער געדאַנק איז דורך זיין מוח דורכגעלאָפען:

—צוויי סטאַנציעס וועל איך דאַרפען פאָהרען צוריק. פון בעדריטש קיין פינטשעוו. צי וועל איך האָבען גענוג געלד אויף אַ בילעט צו קויפען.

זיין גאַנצער קאַפּיטאַל איז איצט בעשטאַנען פון 52 קאָפּ. מיט אַ קליינעם גראָשען.

—גאָט מיינער, ווי וויים איך, צי דאָס געלד וואָס איך פערמאָג, וועט מיר גענוג זיין אויף אַ בילעט פאַר די פאָר סטאַ־ציעס. אַנישט בין איך דאָך אומגליקליך,—האָט בעריל געבראָכען די הענד.

אפילו אין וואַגאָן נישט בעשערט צו רוהען.

און בעריל האָט זיך געלאָזען איבער די לענג פון גאַנצען צוג, פון וואַגאָן צו וואַגאָן אויסצוזוכען ווידעראַמאָל אַ פאַרשוין,

וואָס האָט אַנ׳אײַזענבאַהן-וועגווײַזער, בכדי אַרויסצובעקומען די בויטיגע ידיעות.

נאָר פּאָלג מיר אַ גאַנג, געה זוך אויף אַ יודען, אַ גע-וועהנליכען יודען אין אַזאַ צוג. אַז מיט אַזאַ צוג פאָהרען דורכ-אויס פּריצים און אפילו די יודען זענען דאָ אויך גאַנצע פּריצים. געה רעד זיך מיט זיי אויס און פרעג ביי זיי עצות.

קוים מיט צרות אויפגעזוכט אַ יודען מיט אַ „וועגווייזער", פון וועלכען ער געפינט אויס, אַז אַ בילעט פון בעדריטש קיין פינטשעוו קאָסט פונקט 50 קאָפּ. טאַקי אַ נס מן השמים. גאַנצע צוויי קאָפּיקעס מיט אַ האַלב בלייבט איהם נאָך איבער.

מיט אַ לייכטען געמיט האָט זיך בעריל ווידער צוגעטו-ליעט צו אַ ווינקעל פון וואַגאָן, איבערגעגעבען זיך זיינע רעיונות, וועלכע האָבען איהם געמאָלט בילדער פון גאָהנטען אָוועגד...

נאָר באַלד איז איהם בעפאַלען אַ שרעקליכער הונגער. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך היינט גאָרנישט געהאַט אין זיין מויל. כאָטש אַ טרונק קאַלטע וואַסער ווען ער קריגט איצט עפּיס נעהמען אויף דער נשמה. נאָר וואו? אַז פאַר דער גאַנצער צייט האָט זיך דער צוג נישט אָבגעשטעלט אויף קיין איין סטאַ-ציע. ס׳איז דאָך עפּיס אַ קוריערצוג. און פליהט ער, ווי שדים וואָלטען איהם טראָגען. און דאָס האַרץ ציהט איהם, חלש׳ט; דער מאָגען, פיהלט ער, ווי ער וואָלט ווערען איינגעשרומפּען און אין מויל איז אַזוי פאַסקודנע... און ווי אויף צופלאַצעניש טראָגט אַ שייגעצל אַדורך שטאַרקע בלאַנקענדע גלעזער טיי, לימאָנאַד, מילך און בולקעלעך, פּוטערבראָדען און שטרודעל... נאָר געה מאַך עפּיס, אַז אין קעשענע איז בסך הכל צוויי קאָפּיקעס מיט אַ גראָשען.

אָט האָסטו דיר! אַ תענית אין אַ מיטען מיטוואָך.

— נישקשה, איך וועל אַ ביסעל צו-הונגערן, צו-ליידען. דערפאַר וועט מיר גאָט אָבגעבען אין אָוועגד בכפל כפלים,— מאַכט בעריל קוראַזש.

און בכדי נישט צו טראַכטען וועגען עסען, נעהמט בעריל אַרויס זיינע כתבים און נעהמט איינשטודירען זיין פּאַרלעזוגג.

נאָר ווי אויף צו להכעיס דערטראָגט זיך צו זיינע אויערן פון הינטער דער באַנק אַ שמועס:

—געוויס—זאָגט אַ דיקע שטימע,—מיט דעם דאָזיגען צוג געהט אויך מיט אַ וואַגאָן-רעסטאָראַן.

—געפינט מען טאַקי דאָרט וואָס צו עסען?

—אָ, נאָך וואָס פאַר אַ מין עסען! קאָנסט דאָ פּראָווען די אמת'ע סעודת שלמה בשעתו: מיט פיש, מיט פלייש, מיט געבראָטענס, מיט דעם גוטען קאָמפּאָט, אפילו ליאָדעס! נו, און אַ אַ ביסעלע וויין קאָנט איהר דאָ קריגען טאַקי פון דעם אמת'ן גוטען סאָרט.

—און איך זאָג אייך, אַז דער היימישער עסען איז אַ סך טייערער. אַז דאָס ווייב דערלאַנגט טאַקי די גוטע שטיקעל געפעפערטע פיש מיט דער גוטער ביסעל כריין...

—הערסטו, דאָס איז דאָך מיין טענה. אַ טעלערעל פערברוינטע מעהרען-צימעס איז געוויס אַ מאכל מלכים.

—און אַז דו שלעפּסט נאָך אַרויס די גוטע שטיקעל פעטע ברוסט, איז דאָך ממש די פינגער צו לעקען.

—אָדער אַ היהנערשער קאָטלעטעל מיט געפּרעגעלטע יונגע קאַרטאָפעלעך איז אודאי טעם גן-עדן.

—און אַ פעטע יאַיכיל מיט געפילטע קנישעס?

—טפו, צו אַלדע רוחות!—איז בעריל אויפגעשפּרונגען און אויסגעשפּייט.—קיין אַנדער טעמאַ האָבען זיי נישט געפונען וועגען וואָס צו רעדען.

און איז אַרויסגעלאָפען אין אַנ'אַנדער וואַגאָן.

בעריל האָט געכאַפּט אַ קוק אין פענסטער. דער צוג איז געפלויגען ווי פייל אויסען בויגען. בוימלעך, בודקעס, שלאַבאַנגען און טעלעגראַף-סלופּעס האָבען איינס נאָכ'ן אַנדערען געשמיגעלט פאַר זיינע אויגען מיט אַ מאָדנע גיכקייט.

—דער צוג פליהט,—האָט בעריל געטראַכט,—דאָס איז גוט. וועל איך גיכער קומען צו מיין ציל. נאָר דאָך וואָלט נישט געשאַדט, ווען דער צוג שטעלט זיך אָב אויף אַ רגע ערגעץ אויף אַ סטאַנציע, כאָטש אַ טרונק וואַסער טון.

פלוצלונג—סטאָפּ! דער צוג איז געבליבען שטעהן, בעריל קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטען—נישטאָ קיין סימן פון קיין סטאַנציע. פון ביידע זייטען בלויזע נאַקענע פעלזען און פעלדער.

די פּאַסאַזשירען לאָזען זיך אַלע אַרויס. בעריל לאָזט זיך אויך געהן.

וואָס קען דאָס זיין?—אַ סבה. דער לאָקאָמאָטיוו איז קאַליע געוואָרען און וויל זיך נישט ריהרען פון אָרט.

—אויף מיין מזל!—טראַכט בעריל. קיינמאָל, זינט ער פאָהרט, האָט זיך נאָך אַזאַ זאַך נישט פּערלאָפען. אַ צוג זאָל גאָר בלייבען שטעהן אין מיטען וועג.

—וואָס-זשע וועט זיין?—פרעגט ער אַ פאַרבייגעהענדיגען קאָנדוקטאָר.

—וואָס זאָל זיין? מען האָט טעלעגראַפירט נאָך אַ לאָקאָמאָטיוו פון דער נאָהענטסטער סטאַנציע, וועט אָנקומען דער לאָקאָמאָטיוו, וועלען מיר איהם צוטשעפּען און פאָהרען ווייטער.

—ווי לאַנג דען קאָן דאָס דויערן אַזאַ געשיכטע?

—אַרום אַ שעה צייט.

—אַ שעה צייט!—האָט זיך מיט אַ וועה-געשריי פון זיין האַרץ אַרויסגעריסען. ס'הייסט, אַז ווען איך וועל קומען קיין בעדריטש, וועט שוין דער צוג, וואָס געהט צוריק קיין פיבטשעוו, האָבען פערשפּעטיגט. און איך וועל מוזען בלייבען אין בעדריטש ערגעץ אַ הונגעריגער, אַ פערמאַטערטער, אָהן אַ גראָשען געלד, אויף דעם אָ ו ע נ ד נישט זיין.

און ער פיהלט, אַז די בלוט קיהלט איהם אין די אָדערן, פינסטער ווערט איהם אין די אויגען, ער וואָלט זיכער גע'חלש'ט, ווען ער האָט נאָר די טבע צו חלש'ן. דערשלאָגען און פערשטיינערט איז ער געבליבען שטעהן, געקוקט צום ווייטען וועלדעל אויפ'ן האָריזאָנט, נאָר דער וועלדעל האָט איהם נישט געקאָנט העלפען. זיינע בלאַסע פערשמאַכטע ליפּען האָבען געמורמעלט שטילערהייט:

—גאָטעניו, פאַרוואָס קומט עס מיר? פאַרוואָס?

אין אַ שעה אַרום האָט זיך דער צוג געריהרט.

בעריל איז געזעסען אין וואַגאָן בלאַס און שטאַרק נידער־געשלאָגען, מיט שטאַרע שטומע אויגען געקוקט אין דער וועלט אַריין, ווי דאָס גאַנצע לעבען וואָלט פאַר איהם שוין קיין שום ווערט נישט געהאַט. בלויז איין ביטער און פערצווייפעלט וואָרט האָט זיך פאַר זיינע אויגען געטראָגען:

—אויס אָוועגד!

שווערע זיפצען האָבען זיך פון צייט צו צייט געריסען פון זיין געדריקטער ברוסט.

—וואָס איז אייך, יונגערמאַן?—האָט איהם אַ פרעג געטון אַ יודעל, וואָס איז געזעסען געגענאיבער אויף אַ צווייטער באַנק.

בעריל האָט זיך דערפרעהט, וואָס עס האָט זיך געפונען איינער, פאַר וועמען ער קאָן זיין ביטער אָנגעווועהטאָגט האַרץ אויסגיסען און ער האָט דעם יודעל אויסדערצעהלט די גאַנצע לאַגע זיינע מהחל ועד כלה.

—נו, איז וואָס איז דאָ אַזוי דער אומגליק?—מאַכט דער יודעל.—איהר וועט אָנקומען אין בעדריטש מיט אַ שעה שפעטער? און איהר וועט שוין קיין צוג אויף צוריקפאָהרען קיין פינטשעוו נישט האָבען? איז מה בכך? ס'איז נאָך נישט אַלץ פערלוירען. ס'איז דאָ עפעס פוהרען אויף דער וועלט. שטעלט אייך פאָר, אַז איהר וועט קומען קיין בעדריטש אום אַכט אַ זייגער אין אָוועגד, קאָנט איהר דאָך גלייך נעהמען אַ פוהר, און פאַר אַנדערטהאַלבען שעה קומט איהר אין אייער פינטשעוו גלייך צום קאָנצערט. וועט אייך קאָסטען נאָך אַ פאָר רובל, מילא. עס האָט אייך געקאָסט אַזויפיל, וועט אייך קאָסטען נאָך אַ ביסעל.

—קוילעט מיך פאַר אַ גראָשען,—האָט בעריל קוים אַרויס־געגרעדט מיט אַ מידען קול.

—דאַרפט איהר דען צאָהלען פאָראויס? איהר וועט קומען אויפ'ן אָרט וועט מען שוין פון אייערטוועגען אָבצאָהלען. ס'איז דאָך דאָרטען עפיס אַ קאָנצערט און איהר זענט דאָך דאָרטען, ווי איהר זאָגט, איינער פון די קנאַקערס. זיי וועלען זיך נאָך פרעהען, וואָס איהר זענט געקומען.

ווען בּעריל וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט ער אַרומגעכאַפּט דעם יודען און אויסגעקושט איהם אַלע גלידער, אָדער ער וואָלט געגאַנגען טאַנצען אין מיטען וואַגאָן. אין איין רגע איז די גאַנצע מרה-שחורה אַוועק ווי אַ רויך, ער האָט זיך שוין פערגעסען, אַז ער האָט נאָך היינט גאָרנישט געגעסען, נישט געטרונקען. און ווידעראַמאָל האָבען זיך פרעהליכע געדאַנקען גענומען וועבען אין זיין מח און די פאַנטאַזיע האָט איהם ווידער גענומען מאָהלען בּילדער און סצענעס, איינע הערליכער פון דער אַנדערער, וואָס וועלען זיכֿער פּאַסירען בּאַלד, בּאַלד אין עטליכע שעה אַרום אין פּינטשעוו.

„דער זאַל איז בּעפּוצט יום-טוב'דיג. דער עולם שיט זיך פון אַלע זייטען. בּילעטען כאַפּט מען ווי מצה-וואַסער. מען דאַרף שוין בּאַלד עפענען דעם אָווענד און איך בּין נישטאָ. עס לויפען טעלעגראַמעס אַהין, אַהער און איך בּין נאָך אַלץ נישטאָ. דראָזשקעס פליהען צום וואָקזאַל הין און צוריק און איך בּין ווי אין וואַסער אַריין. דער עולם איז אויסער זיך, די אָנפיהרער פון אָווענד לויפען אַרום ווי פער'סמ'טע—נישמאָ, נישטאָ די קראַפּט און פאַרטיג. און פלוצלינג, אין מיטען רעכֿטען בּרען, ווען דאָס גאַנצע שטעדטעל געהט כאָדאָראָם און די גרינדער פון דעם אָווענד האָבען מורא, אַז מען זאָל בּיי זיי בּאַלד נישט אָנהויבּען בּעטען דאָס געלד צוריק און מען זאָל זיי נישט פערפאָהרען טאַקי די אמת'ע קלעפּ אויף—קום איך אָן. איך בּין דאָ. אַ שמחה, אַ גדולה... דער עולם בּעגעגענט מיך מיט אָוואַציעס... איך נויג מיך רעכֿטס און לינקס... און שמייכעל מיט אַ זיס שמייכעלע... און געה מיר מלכות'דיג צו דער בּיהנע צו. דאָס פּובּליקום מאַכֿט מיר אַ וואַרע... לאָזט אַדורך! לאָזט אַדורך!...״

און נאָך אַזעלכע פרעהליכע רעיונות האָבען זיך געוועבט און געפלאָנטערט אין זיין מח, און אַ בּרייטער צופרידענער שמייכעל האָט געשפּילט אויף זיינע ליפּען.

נאָר בּאַלד איז דער שטראָם פון די פרעהליכע רעיונות איבּערגעריסען געוואָרען דורך אַ געשפּרעך, וואָס האָט זיך געטראָגען פון יענער זייט בּאַנק.

—איז וואָס זאָגסטו, געה׳רג׳עט?—פרעגט אַ גראָבע שטימע.
—יאָ, יאָ, געה׳רג׳עט אויף טויט,—ענטפערט אַ צווייטע שטימע.
—אָוואַ! און די איבעריגע צוויי?
—בערויבט אויף 2000 רובל.
—אַ שרעקליכע זאַך. און ווער? באַנדיטען טאַקי?
—נו, געוויס באַנדיטען. דער גאַנצער וועג איז פול מיט באַנדיטען, רויבער און גזלנים.
—אויף וועלכען וועג איז עס געשעהען?
—אַט אויף דעם וועג טאַקי, נישט ווייט פון דאַנען, צווישען פינטשעוו און בעדריטש.
בערלען איז איינגעפאַלען די דמים, און אַ ווילדער פחד האָט איהם אַרומגעכאַפּט.
דער צוג איז פאַרבייגעלאָפען פאַרביי דער סטאַציע פינטשעוו.
אַך, ווען איך קאָן אַרונטערשפּרינגען!—האָט בעריל געטראַכט. נאָר דער צוג פליהט ווייטער. באַלד איז שוין בעדריטש. אַ דיקער קאָנדוקטאָר נעהמט ביי איהם צו דעם בילעט, דער צוג געהט שוין לאַנגזאַמער און בלייבט שטעהן.
—סטאַציאַ בעדריטש.
נאָר דאָ הויבט זיך ערשט אָן פאַר בערלען דער אמת׳ער חבוט הקבר. צוויי געפיהלען קעמפּען אין זיין האַרצען: דער געפיהל פון פחד פאַר גזלנים און דער געפיהל פון גליק און גדולה אויף דעם באַלדיגען אָוועגד אין פינטשעוו.
בלייבען דאָ, הונגערן, וואַלגערן זיך, ביז וואַנען מען וועט מיר געלד צושיקען און דאַן פאָהרען צוריק קיין וואַרשא מיט גאָרנישט? אָדער שטעלען דאָס לעבען אין קאָן און לאָזען זיך פאָהרען קיין פינטשעוו אויף דעם סכנה׳דיגען וועג און וואָס גאָט וועט געבען, דאָס וועט זיין.
דאָס צווייטע געפיהל האָט גובר געווען. ער האָט געדונגען אַ יודישע פוהר מיט אַ יודישען פוהרמאַן (און אַ יוד איז דאָך זיכער נישט קיין גזלן) און געלאָזען זיך אין וועג אריין.

קיין שונא טאָר מען נישט ווינשען, וואָס בעריל האָט אי־בערגעלעבט אין די אַנדערטהאַלבען שעה אונטערוועגנס. פון יעדען שאָרך, פון יעדען שאָטען פון אַ ווייטען בוימעל פלעגט איהם דאָס האַרץ פערקיהלט ווערען און אַ קאַלטער שווייס פלעגט איהם בעדעקען פון קאָפּ ביז די פיס. ווי אַנ'אייביגקייט האָט זיך ביי איהם דער וועג געצויגען, אַנ'אייביגקייט פון שרעק, פיין און יסורים. ביז, ענדליך, גאָט האָט געהאָלפען, קליינע ביירלעך האָבען אָנגעהויבען פון ווייטען צו פינקלען—פינטשעוו.

—וואוהין פערפיהרען אייך?—פרעגט דער פוהרמאַן.

—איך ווייס? פיהרט אויפ'ן מאַרק.

אין אַ ווײַלע אַרום איז די פוהר געשטאַנען אין מיטען אַ פינסטערען, פוסטען מאַרק.

אַ יוד איז פאַרבייגעגאַנגען.

—ר' יוד, ר' יוד,—האָט איהם בעריל אָבגעשטעלט.—ווייסט איהר נישט, וואו איז דאָ אַנ'אָווענד?

—אַנ'אָווענד?—האָט דער יוד איבערגעפרעגט—וואָס הייסט אַנ'אָווענד? אודאי איז איצטער אָווענד, וואָס דען איז איצט, טאָג?

—איך מיין אַנ'אָווענד, וואָס יונגעלייט מאַכען.

—ביי אייך מאַכען שוין גאָר יונגעלייט אַנ'אָווענד און בישט גאָט? וואָס נאָך מאַכען זיי, די יונגעלייט? טאָג? נאַכט? אפשר מאַכען זיי נאָך עפּעס?

—איך מיין אַנ'אָווענד, וואו מען לייענט.

—מען לייענט? אַ—אַ, איהר מיינט אודאי, וואו די בחורים גיבען ביכלעך צו לייענען?

—נישט דאָס. איך מיין, אַנ'אָווענד, וואו מען לעזט-פאָר און מען זינגט און מען שפּילט.

—אַ—אַ! איהר מיינט טרעיאַטער, אַזוי זאָגט-זשע. שוין דאַכט זיך אַוועקגעפאָהרען. מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק האָט מען דאָ טאַקי געשפּילט טרעיאַטער. געווען דאָ קאָמענדיאַנטשיקעס. איהר זענט אויך אַ קאָמענדיאַנטשיק?

—וואו האָבען זיי געשפּילט?

—וואָס הייסט, וואו? מסתמא אין חיים שטאָק׳ס חתונה-זאַל. דאָרטען קומען פאָר די אַלע זאַכען מיט די טרעיאַטערס, מיט די טאַנץ-קלאַסען.

—איז וואו-זשע איז דאָס?

—אָן, דאָרטען. איהר זעהט, וואו עס לייכט זיך,—האָט דער יוד אָנגעוויזען אויף אַ ווייטע הויז, וואָס האָט אין דער פינסטערער נאַכט אריין געלויכטען אויף אַלע פענסטער.

—פאָהרט גיכער,—בעפעהלט בעריל דעם פוהרמאַן און דאָס האַרץ זיינס שפּרינגט פון נחת.

דער לאַנגער קאָרידאָר, ווי אויך די פאָדערהויז, איז גע-ווען לעער פון מענשען. „דאָס פובליקום איז שוין זיכער אין זאַל אויף די ערטער און ווארט"—האָט בעריל געטראַכט.

דער ערשטער פּערשוין, אויף וועמען ער האָט זיך אָנגע-שטויסען, איז געווען זיין חבר יששכר קלאַפּשטאָק. יששכר קלאַפּ-שטאָק, אַלס איינער פון די אָרדנער פון דעם אָוועגד, איז שוין געווען אין „פאַלנע פּאָרמע", אויסגעפּוצט אין עסיג און אין האָ-ניג, מיט די אַלע „צייכענס" פון זיין אַמט און די איבעריגע סמנים, וואָס זענען אָנגענומען אויף אַזאַ אָוועגד: אויף איין קלאַ-פּע אַ בלויער שלייפעל, אויף דער צווייטער—אַ פּירקאַנטיג קאַר-טעל מיט אַ נומער, משמעות פאַר די „פּראָנצויזישע פּאָסט", אַ רויטע בלימעל אין קנעפּעל-לעכעל, עטליכע קליינע קיילעכדיגע פּאַפּירעלעך פון פערשידענע קאָלירען צעוואָרפען אויף די אַקסלען, אין די האָר, אויערן און וואָנסען; אַ שטאַרקער ריח פון ביליגען פּאַרפום האָט זיך געטראָגען אויף אַ לאַנגע שטרעקע אַרום.

ה

—וואָס הערט זיך?—פרעגט בעריל.

—וואָס זאָל זיך הערען, נישטאָ קיין פובליקום.

—נישטאָ קיין פובליקום? וואָס איז די מעשה?

—איך וויים?

—מען דאַרף בעצאָהלען דעם פוהרמאַן, יששכר, אַ רובל

מיט פופציג קאָפּיקעס, מושה געוואָרען.

—אַ רובל מיט פופציג קאָפּיקעס?! אַז אין קאַסע איז דאָ קוים פאַרהאַן אַ קאַרב.

—וואָס זשע וועט זיין?

—וואָס זאָל זיין? דעם פוהרמאַן וועט מען ווי עס איז אָבצאָהלען און דעם אָוונד וועלען מיר אָבלעגען.

—און מיט וואָס וועל איך פאָהרען צוריק?

—מען וועט זיך אַן׳עצה געבען. מיר האָבען דערלעגט אַזוי פיל, וועלען מיר דערלעגען נאָך אַ פּאָר רובל.

אַ צווייטער בחור איז צו איהם צוגעגאַנגען, דערלאַנגט די האַנד און זיך פאַרגעשטעלט:

—פנחס הר-הזהב. איך האָב אייך געוואָלט פרעגען אַ מאָ-ראַלישע פראַגע. איז שופּענהויער געווען אַ פּעסימיסט אָדער אַן׳אָפּטימיסט?

—אַ פּעסימיסט.—ענטפערט בעריל.

—און ניטשע?

—וואָס האָסטו זיך פערנומען מיט דיינע מאָראַלען.—האָט איהם איבערגעשלאָגען אַ דריטער בחור.—איהר ווייסט, פאַני בע-ריל, שלימזל, אַז דער אָוונד קען נישט שטאַטפינדען, ווייל מחמת דער אָבוועזענהייט פון דאָס פאָלק, דערווייל גיבען מיר אייך צוויי זעכציג אויף אַ בילעט.

—ווען געהט צוריק אַ צוג?

—באַלד, אין אַ האַלבע שעה אַרום, אום האַלב צוועלף.

—קאָן מען בעקומען אַ גלאָז ביר פון בופעט?—פרעגט בע-ריל,—איהר האָט דאָך געווים איינגעריכטעט אַ בופעט אויך.

—ליידער, אָהן שאַרפע געטרענקע.

—נו, און אַ גלאָז טיי?

—קיין הייסע געטרענקע אויך נישט.

—טאָ גיט, זייט מוחל, אַ גלאָז וואַסער.

—וואַסער, וואַסער!—האָבען אַלע דריי בחורים זיך צושריען אויפ׳ן קול.—דערלאַנגט דעם גאַסט אַ גלאָז קאַלט וואַסער. פנחס ברענג אַ גלאָז וואַסער! ישׂשכר, גיב אַ לויף און ברענג אַ ריינע

גלאָז וואַסער. וואָס שטעהסטו?! אַ גלאָז וואַסער, אָבער קאַלטע וואַסער!

אויסטרינקענדיג די גלאָז וואַסער, איז מען אַוועק צום וואָקזאַל.

דער צוג אָבער, מיט וועלכען בעריל איז אָבגעפאָהרען, איז ליידער נישט געגאַנגען דירעקט קיין וואַרשא, נאָר ביז קאָ-ליושקאַ. אין קאָליושקאַ האָט בעריל געמוזט אַרויסשטייגען און וואַרטען ביז אַ צווייטען צוג, וואָס וועט געהן דירעקט קיין וואַרשאָ. און וואַרטען איז איהם אויסגעקומען נישט פּיל. סך-הכל פינף שעה—פון איינס נאָך האַלבע נאַכט, ביז זעקס בעגינען.

פינף שעה וואַרטען דורכ׳ן נאַכט אויף אַ פּערוואָרפענער סטאַציע ערגעץ אַ הונגעריגער און אַ דורשטיגער און אָהן אַ קי-שען אונטער׳ן קאָפּ—איז אפילו אַ קלענערער פערגעניגען, ווי זי-צען אין אָפּערע און הערען קאַרוזאָ׳ן. נאָר אַ ברירה האָט ער געהאַט. ער וואָלט שוין כאָטש צוגעשפּאַרט זיך אויף אַ האַרטער באַנק ערגעץ. זענען זיי אָבער פערכאַפּט פון אַנדערע פּאַרשוי-נען, וואָס ליגען אויסגעצויגען, שנאָרכען און האָבען גאַרנישט בדעה אויפצושטעהן.

ער שפּאַרט זיך צו צו אַ ווינקעל און דער קאָפּ איז אַזוי שווער, הענגט אַרונטער און דער נאָז פּיקט, פּיקט די לופט. נישט קיין דרימעל איז עס און נישט קיין חלומות זעהט ער, נאָר אַ שווערער קאָשמאַר העגנט איבער איהם, און יעדע מינוט גיט ער זיך אַ כאַפּ אויף מיט אַ ציטער, עפענט אויף די אויגען און דערזעהט פרעמדע גרויע ווענט, אַ לאַנגער טיש מיט פּלע-שער, פערדאַרטע בלימלעך, האַרטע אויפגעשטעלטע סאַלפעטקעס, אַ פלאַש געלב־ברודיג וואַסער און אַ פערשלאָפענע בופעט-גוי׳ע, און איהם דוכט זיך, אַז ער זעהט עס שוין אַנ׳אייביגקייט און אייביג, אייביג וועט ער דאָס זעהן, אָהן אַ סוף און אָהן אַ תכלית...

—אפשר איז דאָס אַ חלום,—טראַכט ער,—דער גאַנצער מעת-לעת אָבקומעניש און יסורים איז דאָס בלויז אַ שווערער חלום. ער וועט זיך באַלד אויפכאַפּען ביי זיך אין בעט און דער

אָוועגד-באַל דאַרף ערשט זיין, און ער דאַרף נאָך ערשט פּאָה-רען, און דער כבוד מיט דער גדולה שטעהט איהם פאַר פּאַראויס, פּאַראויס...

—עס וואָלט געווען אַ שׂכל,—טראַכט ער און אויף זיין פערשמאַכטען וואַקס-געלבען פּנים בעווייזט זיך אַ זויער שמיי-כעלע.

די שוואַרצע שויבען פון די פענסטער הויבען זיך אָן ביסלעכווייז פאַרבען בלוי. אַ בליאַסק אויף טאָג. און באַלד איז שוין איינגאַנצען ליכטיג. דער ערשטער צוג, וואָס געהט נאָך וואַרשא, איז שוין דאָ. געבענשטער לאַנג-ערוואַרטעטער צוג! ווי אַ פערלוירען קינד אין דער שויס פון מוטער וואַרפט זיך בעריל אין צוג אַריין, ענדליך, ענדליך!

דער צוג פליהט און די קאָנדוקטאָרען פרעגען בילעטען.

נאָר דאָ קומען מיר צום רעכטען פינאַל, אַ פינאַל, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ קאַצעניאָמערדיגען מעת-לעת, וואָס ס'האָט זיך אָבגעשפּילט מיט אונזער בערלען.

—אייער בילעט איז פאַר אַ געוועהנליכען פּאַסאַזשיר-צוג,— זאָגט צו בערלען דער קאָנדוקטאָר, בעטראַכטענדיג זיין בילעט פון אַלע זייטען.—דער צוג אָבער, מיט וועלכען איהר פאָהרט איצט, איז אַ קוריער-צוג און דעריבער וועט איהר אויף דער נאָהנטסטער סטאַציע זיין אַזוי גוט און דערצאָהלען אַ רובל מיט פופצעהן קאָפּ. פאַר דאָס שנעלקייט, 75 קאָפּ. פאַר אַ פּלאַץ-קאַר-טע, ס'הייסט אַ רובל מיט נײַנציג קאָפּיקעס און נאָכאַמאָל אַזוי-פיל שטראָף. צוזאַמען: דריי רובל מיט אַכציג קאָפּ.

אויף דער נאָהנטסטער סטאַציע האָט איהם אַ קאָנדוקטאָר געפיהרט צום נאַטשאַלניק סטאַציע.

בעריל איז געגאַנגען, ווי אַ פעראורטיילטער צום עשאַפאָט. מילא, זאָל שוין זיין, וואָס עס וועט זיין...

—נישטאָ ביי אייך קיין געלד!—דונערט דער נאַטשאַלניק-סטאַציע אויף בערלען—וועלען מיר מאַכען אַ פּראָטאָקאָל. די דאָ-קומענטען!

לאָזט זיך אויס, אַז בעריל האָט פערגעסען זיין פּאַספּאָרט

אין זיין וואָכעדיגען אָנצוג אין ז׳ערהיים.

— — — — — — — — — — — —

וואָס איז געוואָרען מיט אונזער העלד בעריל שלימזל?— וויל דער לעזער וויסען.—וואָס זאָל זיין? אין צוויי וואָכען אַרום האָט מען איהם געבראַכט קיין ווארשא מיט׳ן עטאַפּ, און ווי ער האָט אויסגעזעהען—אויף די שונאי ציון געזאָגט געוואָרען.

ניטא קיין טעמא.

געווען איז עס העט ווייט פאַר פורים. בעריל שלימזל דער ליטעראַט, האָט באַקומען פון רעדאַקטאָר פון „טעגליכע פלאָקענשיסער" אַ בעשטעלונג אויף — אַ פסח'דיגע ערצעלונג.

אַזאַ חזקה האָט שוין בעריל שלימזל: אויף יעדען יום-טוב צו שאפען אַ יום-טוב'דיגע ערצעלונג, וואו עס זאָל זיך האַנדלען יועגען דעם באַטרעפענדען יום-טוב

און אַזוי ווי בעריל איז ניט פון דעם סאָרט שרייבער, וואָס שרייבען זייערע זאַכען אָט, אַבי-ווי, פון דער האַנד אַרויס, נור פון דעם מין קינסטלער, וואָס האָרעווען לאַנג איבער אַ כתב-יד, וואָס האָבען ליב, אַז יעטוועדער שורה זאָל זיין געשליפען און געטאָקט, ווי א בריליאַנט, יעדעס וואָרט און יעדעס אות אויפ'ן ריכטיגען פלאַץ, וואָס האָבען ליב איבערצושרייבען און ווידער נאָך אַמאָל איבערצושרייבען, אַזוי לאַנג. ביז עס ווערט געשאַפען דאָס עכטע קינסלערישע ווערק, — האָט ער ממילא געמוזט זיין יום-טוב'דיגע ערצעלונג אָנהויבען שרייבען לכל הפחות אַ צוויי-דריי חדשים פאַר יום-טוב.

בעריל שלימזל פּרואווט אין מיטן יאָר אויך זיינע ליטעראַרישע פֿעהיקייטען. פּרואווט שרייבען מעשות, לידער, הומאָרעסקען, נור קיימאָל דערלעבען זיי ניט צו זעהן די ליכטיגע שיין, און ווערען פֿערשוואונדען אין די טיפֿענישען פֿון די רעדאַקציאָנסקערב.

דערפֿאַר אָבער אויף אַ יום־טוב ווערט זיין סחורה אויסגעכאַפּט און אויפֿגענומען אופ'ן שענסטען אויפֿן. רעדאַקטאָרען שיקען צו אים מיט באַשטעלונגען, גאַרען נאָך זיין שאַפֿונג. אַ וועלט מיט מענשען לעזען אים און קוויקען זיך אום יום־טוב און אַ לאַנגע צייט נאָך יום־טוב . . .

און אַזוי אַרום האָט בעריל שלימזל זיך אַנאָמען געמאַכט אַלס יום־טוב'דיגער שרייבער, אַלס סעזאָן דכטער פֿון דער ליטעראַרישער בראַנזשע. עלעהיי, אַ מצה־בעקער און אַן אתרוגים־הענדלער, אַ בעל־תפלה, אַ בעל־תקיעה וכדומה.

זעלבסטפֿערשטענדליך, אַז, אַלס יום־טוב'דיגער דיכטער פֿילהט זיך בעריל פֿאַר יום־טוב זעהר גליקלאַך פֿערגרייסט דעם קאָפּ און ווערט ביי זיך גדלות'דיג.

און ווען עמיצער שטעלט אים אָפּ און פּרעגט אים, וואָס ער מאַכט, ענטפֿערט ער ניט גאָר אָהן גאווה:

— וואָס הייסט וואָס איך מאַך? איך שאַף!

און איר זעט בעשיינפּערליך, אַז ער איז יעצט דער גליקליכסטער און דער נוצליכסטער מענש אויף גאצער דער ערד.

ניט דאָס אָבער איז געווען דעם היינטיגער ערב־פּסח, אָדער ריכטיגער געזאָגט היינטיגען ערב־פּורים. וואָרום ווי געזאָגט: אַ חודש פֿאַר פּורים איז שוין ביי בערלען געווען ערב־פּסח.

אַנ'ערב־יום־טוב אַ ביסעל! זאָל זיך שוין אַזאַ ניט אומקערען!

פֿערשוואַרצט און פֿערחשכט איז ער געוואָרען אויף זיינע יאָרען און טעג און אַלץ איבער אַ קלייניקייט:

אַ טהעמאַ האָט אים געפֿעלט צו זיין יום־טוב־דיגער ערצעהלונג.

אויס! אויסגעפֿרוירען אַלע טהעמאַס! ווי אין דער ערד אַריין: כאָטש נעם, שונאי ציון, צי זיך אויס און שטאַרב!

וואָס האָט ער שוין ניט איבערגעטראַכט, איבערגעקערט און איבערגערעכענט? איבערגעמישט אין קאָפּ אַלע זיינע זכרונות:

און פאַסירונגען פון די קינדער־יאָרען און בחור'שע יאָרען און גאָרנישט, אַלץ אויסגענוצט, אויסגעריבען און אויסגעזויגט; וויסט און - פוסט, ווי אין אַנ'אַלטען שאַרבען. אייגענטליך וואָלט ער איבערגעשריבען, אָדער, לכל הפחות איבערגעניצעוועט אַנ'אַלטע ערצעהלונג, אַבי אָנהאַלטען דעם פרעסטיזש פון זיין בערוף, — פערלאַנגט אָבער ז״ן רעדאַקטאָר דורכאויס נייעס, אָריגינעלעס.

ער האָט איבערגערעכענט אַלע מיני אַטריבוטען, מכשירים און זאַכען, וואָס האָבען אַ שייכות צו פסח., אַלע מיני מאַכלים, אַלע דינים און מנהגים, אָנהויבענדיג פון בדיקת־המץ ביז'ן אפי־קומן, צוזהונדערטען מאָל איבערגעקוקט און דורכגעשטודירט די הגדה, דעם פסח'דיגען פיוט, טאָמער וועט איינס פון די אַלע זאַכען אים אַרויפברענגען אויף אַ רעיון. אויף אַ טהעמאַ, אַ סוזשעט פאַר דער פסח'דיגער ערצעהלונג. נור צרות! קיין שפור און קיין אָנרעגונג פון קיין טהעמאַ; עפעס אָבגעטון זיך פון אים דער רוח הקודש און פאַרטיג.

בעריל נעמט אָן אַנדערע מיטלען. און מיטלען ווייס ער פערשידענע:

פושקין, למשל, האָט זיין רוח הקודש געשעפט, שטעהענדיג אויפ'ן ברעג ים. טאָלסטאָי האָט די מייסטע פון זיינע ווערק אַרומגע־טראַכט רייטענדיג אויף אַ פערד. זאָלאַ האָט ביים שרייבען געהאַלטען די פיס אין וואַרימע וואַסער. פלאָבער האָט זיינע בעסטע ווערק געשאַפען אין די רייכע קאַפע־הייזער. שפינאָזאַ האָט זיין פילאָזאָפישע שיטה געבויט אומשפרייזענדיג איבערן צימער. אַנדערע ווידער האָבען זיך באַנוצט מיט בראַנפען, קאַפע, שטאַרקען טיי וכדומה מילאָ, פון א ים איז דאָך ניטאָ וואָס צו רעדען. וואו וועט ער נעמען א ים אין וואַרשאַ? אין אַ דוחק קען מען אַפילו אויסקומען מיט דער ווייסעל. פונקט ווי צום תשליך להבדיל, קען מען יוצא זיין מיט אַ ברונען אָנשטאָט אַ טייך, נור ווי געהט מען יעצט זיך איינשטעלען דאָס לעבען און שטעלען זיך ביי א ברעג טייך, ווען דער טייך האַלט אין לאָזען און די קריהעס געהען. מען קען דאָך, בעהיט גאָט, האַפען די אמת'ע קדחות. און וועגען רייטען אויף אַ פערד, איז דאָך אויך אָפגערעדט. וואו וועט ער נעמען אַ פערד? און אַז ער וועט שוין יאָ קריגען אַ פערד.

דאַרף מען דאָך קענען רייטען? ווייטער, געהן אין אַשענעם קאַפּע־הויז. דאַרף קאָסטען געלט, פון בראַנפען פערדרעהט זיך ביי אי[illegible] דער קאָפּ. בלייבט אַלזאָ איבער די איבעריגע דריי מיטלען: שטאַרקער טהיי, האַלטען די פיס און וואַרימע וואַסער און אומשפּרייזען איבערן צימער.

און די אַלע דריי זאַכען זענען גראַדע אויספירבאַר.

צוערשט, שטארקער טהיי ווירקט זעהר גוט צו געפינען נייע טעמאַס, מחמת שטאַרקער טהיי ווירקט זעהר אויפ׳ן כח הדם. דער כח הדם נעהט איבער אין כח הדמיון, דער כח הדמיון, צעשפּילט זיך, ווי אַ שפּילקאַסטען, און געדאַנקען הויבען אָן שפּריצען ממש, ווי פון אַ פייערלעשערישע קישקע.

היינטיגס מאָל אָבער האָט עס אויך ניט געהאָלפען. בעריל שלימזל האָט שוין אויסגעטרונקען אפשר 10 גלאָז שטאַרקען טהיי, שטאַרק ממש, ווי ביר, און קיין רעיון איז נאָך אַלץ ניטאָ.

דאָס צווייטע מיטעל: האַלטען די פיס אין וואַרימע וואַסער האָט אויך ניט געהאָלפען. אַצינד בלייבט דאָס דריטע מיטעל: אַרומשפּאַצירען איבער׳ן צימער הין און צוריק. און דוקאָ אין דער נאַכט, ווען „אַרום איז שטיל אין די גאַנצע נאַטור איז פערזונקען אין שיפען דרימעל".

און ער נעמט אַרומשפּאַנען איבערן צימער הין און צוריק און טראַכטען. די נאַכט איז שטיל, אַלע אין הויז שלאָפען. און ווירקליך אין זיין מוח הויבען זיך שוין אָן צו וועבען און פלאָנטערן פעדימלאַך פון אונזיכטבאַרע באַהאַלטענע טהעמאַס, קוים־קוים באַמערקבאַרע געדאַנקען, זכרונות... אָט־אָט. ער און כאַפּט אָן פאַר איינע פון די דאָזיקע פעדימלאַך, און ער שלעפּט אַרויס אַ גאַנצען קלומעק פרישצאַפּעלדיגע סיוזשעטלאַך, גלענצענדע טהעמאַס פאַר זיין פסח׳דיגע ערצעהלונג.

דאַס אַלעס וואָלט זיכער געשעהן, ווען ניט — אַך, ווען ניט. דער בעל־הבית זאָל זיך געוועזען אַראָפּכאַפּען אין מיטען דרינען פון בעט, ניט־טויט, ניט־לעבעדיג, מיט אַ ירגזון, מיט אַ כעס: אַז אויב ער וועט ניט אויפהערען אַזוי אַרומצושלענרען איבערן, צימער, זאָל ער זיך מאָרגען זוכען אַנ׳אַנדער וואוינונג.

— אַ שטוב מיט מענשען קען ניט שלאָפען! — שרייט דער בעל־הבית.

בעריל בלייבט שטעהן, ווי צוטומעלט. זיין בעל־הבית האט אים אינגאנצען מבלבל געמאכט זיינע רעיונות,

נור באלד פאלט ער אויף אנ׳אנדער פלאן. ער וועט אויסטון די שטיוועל און אומשפאצירען אין זאקען, ער מוז דאך טראכטען

ער ווארפט אראפ זיינע שטיוועל און נעמט שפאנען אין זאקען, נור וועה וועה. אלס ארויסגעפלויגען פון מוח, אלס אויסגעוועבט און פערשוואונדען, אויף אייביג פערשוואונדען ...

א שווערע נאכט האט בעריל איבערגעלעבט; נור נאך ערגער זענען ביי אים געווען די קומענדיגע טעג און נעכט פון די קומענדיגע וואכען.

און יעדעס מאל, ווען איר וועט זיך אונטער׳גנב׳ענען צו זיין טיר, וועט איר הערען בלויז איין פערצווייפעלטען קרעכצען:

— שוין פורים אויף דער נאז און קיין טהעמא אויף פסח האב איך אלץ ניט!

בעריל ווערט אונרוהיגער. די געפאר וואקסט. ער קען נאך, חלילה, בלייבען אהן אנ׳ערצעהלונג אויף הייגטיגען פסח און זיין גאנצע רענאמע איז פערלוירען.

יעדען טאג געהט בעריל צו צום אבריס־קאלענדאר, בויגט אפ די בלעטלאך ביז פסח, לעגט זיי צונויף צווישען די פינגער, טאפט, פרואווט די דיקקייט און קומט צום טרויעריגען בעשלוס!

— „ווייניג בלעטלאך. פארבליבען. שוין באלד, באלד!”

איין טאג איז אים בעזונדער שווער געווען: געהענדיג אין גאס, האט ער פלוצלונג דערהערט דאס גראגערען פון א גראגער. בערלען איז איינגעפאלען די דמים. א פלוצלינגע שסיערײ פון הארמאטען, אנ׳אויפרייס פון טויזענד באמבעס, וואלטען אים ניט אזוי פיל איבערגעשראקען, ווי דער קליינער גראגער.

— וועה, וועה! מען פערקויפט שוין גראגערס! שוין טאקי באלד פורים! — האט ער יאושדיג אפאזויפצט.

דער איד מיט די גראגערס האט אלץ געגראגערט ניט חושד׳זייענדיג, אז מיט זיין גראגערן פערשאפט ער איינעם אזא גרויסען עגמת־נפש.

— זאל אים קלאפען אין קאפ און אין מוח! — האט

בעריל אַרויסגעשיפּעט מיט דעם זעלבען טאָן, פון אַ מעלאָדראַמאַטישער, אַקטיאָר אין דער ראָליע פון אַ פערפאָלגטען ווען ער שיקט זיין פלוך צו זיינע בעטריגער,

באַלד האָבען זיך באַוויזען אַנדערע סימנים פון באַלדיגען פורים: טישלאַך מיט אַלערליי שלח-מנות-נאַשערייען, אָט טראָגט שוין אַ איד שלח-מנות, אָט גערען פורים-שפּילער. און ביי יעדער זאַך ווערט ביי בערלען אַ לאָך אין האַרצען.

שוין נאָך פורים. אינגאַנצען פיר וואָכען צו פסח. און בעריל נעמט ווידער טראַכטען. טראַכט שטאַרק, מיט מסירת-נפש. מיט אַזוי-פיעל ענערגיע אַז ווען ער וואָלט האָטש אַ העלפט פון דעם פערברויכט אויף אויסצוטראַכטען אַן'עראָפּלאַן, וואָלט ער זיכער אויסגעטראַכט דעם בעסטען אַעראָפּלאַן אין דער וועלט, און וואָלט זיכער פערשטעקט די גרעכטע ערפינדער פאַר'ן גאַרטעל.

נור וואָס מער ער טראַכט, אַלץ ווייניגער טראַכט ער אויס. און בעריל באַשליסט פּרופען ניט צו טראַכטען. אז ער וועט ניט טראַכטען, וועט די טהעמאַ אַליין קומען, ווארום אַ טהעמאַ איז דאָך אַזאַ זאַך, וואָס קומט אַליין, פון זיך, אַלע איינפאַלען קומען דאָך פלוצלונג.

מילא, אַז ער טראַכט ניט,—קומט זי אויך ניט.

יעין וואָס אַ טאָג, אַלס שווערער, אַלס ערגער.

אָט האָבען אין די צייטונגען זיך באַוויזען די ערשטע פסח'דיגע אַנאָנסען, אין מאַנכע געוועלבען האָבען זיך באַוויזען מצה, ביי די צייטונגס-פאַרקויפער — פסח'דיגע ליטעראַטור מיט פסח'דיגע נעמען — די ערשטע שוואַלבען, וואָס זאָגען אָן דעם קומענדיגען יום-טוב. פון פערכמורעטען הימעל האָבען אָנהויבען אַרויסצוקוקען גרויסע שטיקער לויטערע בלאָקייט; אין די שטאָט-פאַרקען — פלעקען גרינקייט, די זון איז אויך געוואָרען אַן'אָפּטער גאַסט אויף גאָטס וועלט. —אַלץ אַזעלכע זאַכען, וואָס רופען ביי יעדען ארויס פרעהליכע געפיהלען פון יום-טוב און פרילינג, האָט עס ביי בערלין געוועקט פערדרוס און האַרץ-קלאַפעניש.

אָט טראָגט אַ איד אויפ'ן פלייצע אַ קאָרב מצה. וואָס פאַר

אַ שונא בעריל איז אָט דאָזיגען דעם אידען. ער וואָלט אים, דאַכט זיך, דערטרונקען אין אַ לעפעל וואַסער. פונקט ווי דער איד מיט די מצה וואָלט, אים אויף צו להכעיס, געהאָלפען דערנעהענטערען דעם פסח.

און אָט איז שוין דער אמת'ער ערב-פסח מיט זיין גאַנצען קנאַק! מיט זיין געדרענג אויף די גאַסען, מיט די וועגעלאַך כלים, מיט דעם ליאַרעם, מיט דעם האַנדעל. און אין דעם גאַנצען טומעל הערט בעריל בלויז איין געשריי: — ניטאָ קיין טהעמאַ! ניטאָ קיין טהעמאַ!

צוויי שוואַרצע פערדרייכערטע אידען טראָגען שוין אַ קעסעל אויף כשר'ן כלים. אידען טראָגען וויין אויף פסח... די לאַגע ווערט פערצווייפעלט. היינט ביי נאַכט איז שוין בדיקת חמץ. מאָרגען פריה ערשיינט שוין דער פסח-נומער פון „טעגליכע פלאָקענשיסער” אָהן זיינס אַנ'ערצעלונג, און ער וועט בלייבען אָהן געלד, אָהן כבוד, און וואָס ערגער איז — אָהנאָ נאָמען.

ביטער!

דער לעצטער אומגליקליכער אָוועגד.

בעריל האָט זיך יאושדג אַ וואָרף געטון אויף זיין נידעריג אייזערנע בעטעל. אויפגעבענדיג דאָס לעצטע האָפענונג אויף אַ טהעמאַ.

— אויס! פאַרפאַלען! אומגליקליכער מענש, וואָס איך בין!

ער איז געלעגען און געקוקט אויף דער טונקעלער סטעליע. אויף די שוואַרצע גוואַלד-ריסען פון די ביליגע טאַפּעטען. אויף דעם אַלטען אַנצוג, מיט די אפגעטראָגענע הויזען, וואָס האָבען זיך געשוואַרצט אויפ'ן וואַנט! געקוקט טעמפּ, גלייכגילטיג אין דער וועלט אַריין, אָהן איין מחשבה אין קאָפּ. בלויז דאָס האַ־ץ האָט אים גענאָגט, געצויגען און געקלעמט, ווי ביי איינעם, וואָס האָט נור-וואָס פערשפּילט אַ פערמעגען אין קאָרטען. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך אַ בעוועג-טון, נעמען קראַצען אונגעדולדיג אין דער גריוועהאָר, און פון זיין מויל פלעגט זיך אַרויסרייסען בלויז איין קלאַנג — האַלב בייזער, האַלב קרעכץ: אַה!... אַה!..

פּלוצלונג — און אַ ליכטיגער שטראַל האָט בעלויכטען זיין

אויסגעמאַטערטען מוח.

— שטעה, אפשר מיינע אייגענע צרות און יסורים פון דער טהעמאַזוכעניש זאָל איך נעמען אַלס טהעמאַ פאַר מיין יום-טוב׳דיגע ערצעלונג?! אָט טאַקי באַשרייבען, ווי אַ שריפטשטעלער זוכט אַ טהעמאַ אויף יום-טוב, געפינט ניט! און ווערט אויסגעריסען אויף זיינע יאָרען און טעג? האַ? ניט גלענצענד? ניט געניאַל?!

ער האָט געגעבען אַ שפרונג אויף פון בעטעל, גלייך עמיצער וואָלט אים דערלאַנגט מיט ריזען-פינגער אַ שנעל פון אונטען אָדער אַ ריזיגע פרוזשינע וואָלט דאָרטען געפלאַצט. ער איז אַרויסגעלאָפען אויפ׳ן גאַס און זיך געלאָזען אין דער ריכטונג פון דער רעדאַקציע פון „טעגליכען פלאָקענשיסער".

—נאָך היינט ביינאַכט מאַך איך פאַרטיג מיין ערצעהלונג. איך וועל דאָרטען גופא אין רעדאַקציע שרייבען. בלעטלאַך-ווייס וועל איך געבען זעצען, אָבער מיין ערצעהלונג מוז זיין.

ער איז געלאָפען און זיין מוח האָט שוין געאַרבייט איבער דער פאָרם. צוזאַמענגעשטעלט דעם פּלאַן פון דער ערצעלונג. גאַנצע שורות זענען געפלויגען אין זיין פאַנטאַזיע. בילדער אייגע נאָך דער אַנדערער האָבען זיך שוין געוועבט און געשאַפען...

נור וועה-וועה! דער פסח-נומער פון „טעגליכען פלאָקענשיסער איז שוין געווען פאַרטיג!

לשונות.

(פֿון אַ בריף.)

ליבער פֿריינד.

קענסט מיר שוין אָפּגעבען מזל טוב. איך לערן זיך שוין אַ נייעם לשון. איך לערן זיך פּויליש. אַזוי איז מיר באַשערט אויף דער זינדיגער וועלט: אויביג צו לערנען זיך פֿערשיעדענע לשונות, מיט שפּראַכען פֿון כלערליי פֿעלקער, לענדער און שבטים.

איצט וואוין איך אין פּוילען. און פּוילען איז, כּידוע, געוואָרען אַ גרויסע מלוכה, איז דאָך מער, ווי אַ יושר צו לערנען די שפּראַך פֿון דער דאָזיגער מדינה.

האָסטו דען אַ בעגריף, וואָס פֿאַר אַ שפּראַכענקענער איך בין געוואָרען! אויף וויפֿיל לשונות איך האָב גערעדט און אויף וויפֿיל שפּראַכען איך רעד! אויב מיינע אָרימע ציין זענען נאָך ביז איצט ניט צובראָכען געוואָרען און מיין שוואַכע צונג איז נאָך ניט אויסגעלונקען געוואָרען — בין איך שטאַרקער פֿון אייזען.

געדענקסטו, ברודער, ווי מיר האָבען זיך דאָס אין דער יוגענד צוגעכאַפּט צום רוסיש? צו קרילאָווס באַסניעס און בלאָ-

שטיינס גראַמאַטיקע, געדענקסט, ווי מיר פלעגען דאָס ווי אַ וואַסער אָפּזאָגען די אַלע „פרעדלאָגען" וואָס „טרעבעווען" דעם „ראָדיטעלנעם פּאַדעזש": „בעז, או, אָט, דאָ, דליאַ, ראַדי, איז, איז־זאַ, איז־פּאָד, בליז, וודאָל, וואָזליע, פּאָדליע, אָקרעסט, וואָקרוג, וונע, וונוטר, מימאָ, קראָמע, אָפּריטש סקאַלקאַ, סטאָלקאָ" און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער... שוין כמעט געווען איינגעחזרט אַ האַלבען פון שטיינבערגס סלאָוואַר און די גאַנצע אַריפמעטיקע פון מאַליניז און בורעניז.

אַך, ווי ליעב מיר האָבען געהאַט דעם דאָזיגען לשון! ווי מיר האָבען דאָס געשלונגען די רוסישע ביכלאַך, געקוויקט זיך מיט די רוסישע שרייבער, ביז, — ביז עס איז געקומען אַ קעשעניאָוו, מיט אַ האָמעל, מיט אַ שעדלעץ, מיט אַ פּליעווען, מיט אַ סטאָליפּינען, מיט אַ קרושעוואַנען, אוז מיר האָבען דערהערט גאָר אַ נייעם לשון. מיט אַנ'אַנדער נוסח מיט נייע ווערטער אַזעלכע, פון וועלכע איך האָב זיך געמוזט בעצייטענס אָפּטראָגען קיין אויסלאַנד און אויפכאַפּען זיך אין בערלין.

און אין דייטשלאַנד, כידוע, וואוינען דייטשען. און דייטשען, ווי בעוואוסט, רעדען דייטש. אַזוי איז שוין די טבע פון דער וועלט: דייטשען רעדען דייטש, פראַנצויזען רעדען פראַנצויזיש, ענגלענדער רעדען ענגליש און נאָר פאַר אידען איז דער כלל דוקא ניט גילטיג.

מילא, דאַרף מען זיך לערנען דייטש. און דייטש — לאָזט מיך! דייטש בין איך אינדערהיים. עפּעס בין איך דאָך אַנ'אַלטער בעוכער פון יודישען טעאַטער... הכלל גאָר אין אַ קורצער צייט בין איך געוואָרען אַ פאָלנער דייטש; אָנגעטהון אַ קאַפּאָטע פון גאָלע שפּאַלטען, גערעדט אויפן פתח. שוין געקענט איבערלייענען אַ שילד, געוואוסט, ווי אַ גאַס הייסט, געוואוסט, ווי אַ טיר עפענט זיך.

הויבט זיך אָן אַ פורעניות מיט „אויסווייזען" און עס קומט דער גרויסער גירוש פון די רוסישע אידען, באשר מיר זענען „לעסטיגע אויסלענדער" און מען נעמט און מען דערלאַנגט מיר אַנ'אויסווייז, און מען הייסט מיר נעמען דעם וועג, און אָפּטראָגען

זיך מיט גוטען:

מילא, אַז דער דייטש הייסט, קען מען קיין חזיר ניט זיין. בפרט נאָך, אַז דער דייטש איז דעמאָלט געווען נאָך אַ גאַנצער יאַ טעבע דאַם. איז וואוהין זשע מיינסטו פאָהר איך? — קיין אַמעריקע.

און אַמעריקע איז, כּידוע, אַיך אַ לאַנד, וואָס פערגינט זיך צו האָבען איר אייגענעם לשון און דוקא אַ מאָדנעם לשון אַזאַ, וואָס אַ פרישער מענש הויבט גאָרניט אָן צו פערשטעהן, וואָס מען רעדט. אין דעם פּרט, זעסטו, האַלט איך מיט אונזער שמש, יונה נתן. ער זאָגט, אַז די בעסטע שפּראַך איז אידיש: מען פערשטעהט, וואָס מען רעדט.

איז אָבער אַ צרה, וואָס מיט אידיש אַליין קען מען אין אַמעריקע ניט אויסקומען. באשר מען מוז מאַכען אַ לעבען, און אַז מען וויל מאַכען אַ לעבען, מוז מען זיך לערנען ענגליש. הויבט זיך אָן אַ סדרה ענגליש.

לערן איך ענגליש. געה אין נייט=סקול, אין דיי-סקול און און אין אַנדערע סקולען. לערן זיך ביי טיטשערס און טיטשערינס און סתם מענשען. און מאַטער זיך אויף היינערשע פעדערן; וואָרום ענגליש איז ניט אַזאַ שפּראַך, וואָס מען נעמט און מען רעדט. נאָר ביים אויסרעדען אַ וואָרט, מוז מען זיך גוט אונטערגאַרטלען, אַרבייטען מיט דעם צונג, מיט'ן גומען, מיט די ליפּען, מיט די פאָדערשטע ציין, מיט די באַק=ציינער, שלינגען הייסע קאַרטאָפעל אַזוי, אַז עס זאָל שפּריצען ווי פון אַ פאָנטאַן און די גאַנצע געמבע זאָל געהן, ווי אויף רעדלאַך.

היינט די בזיונות און די הרפּות און די בעליידיגונגען, וואָס מען האָט אויסצושטעהן, ווען מען לערנט אַ נייע שפּראַך. איז דאָך ניט שייך! יעדער לא יוצלח, יעדער טויגעניכטס מאַכט פון דיר חוזק. מעגסט זיך זיין אַ לאַנד-חכם אַ פּקח, אַ שלמה המלך, אָהן אַ שפּראַך, ביזטו אַ לעקיש, אַ שוטה בן פּיקהאָלץ און אַ גרינהאָרן.

איינגעביסען אויך דעם דאָזיגען לשון. אַביסעל מיט מיין אייגענע מיה און אַ ביסעל אַ דאַנק די אַמעריקאַנער פּיעסען, וועלכע, מען שפּילט ביי אונז אין טעאַטער. געוואָרען אַ

גאַנצער יענקי! איך לייען שוין אַ פּייפּער, מאַך אַ לעבען, הער אַ ספּיטש, מיט איין וואָרט, עס איז מיר שוין אַלרייט.

פּלוצלונג אַ נייע מהומה: אַ קריזיס אין לאַנד און עס הייבען זיך אָן פערמאַכען די פאַבריקען מיט די בענק און עס פּלאַצען די בערזעס. און עס ווערט אַ חורבן, מיט אַ הונגער, מיט סלעק, מיט אַרבייטלאָזיגקייט, אַז גאָט זאָל רחמנות האָבען. און עס העלפט מיר ניט מיין ענגליש מיט מיין שפּראַך-קענטעניש, און איך כאַפּ די הענד מיט די פיס אויף די פּלייצעס, און צוזאַמען מיט אַ גאַנצע האָפטע עמיגראַנטען פליה איך צוריק קיין יוראָפּ און בלייב שטעקען — אין ווארשע

אין וואַרשע האָב איך זיך אַ נעם געטהון צו פּויליש. כמעט שוין געווען אַריינגעפאָרען אין דער שפּראַך אַריין, ערשט פּלוצלונג — נא דיר אַ זועלט-מלחמה! דער דייטש געהט אויף וואַרשע און מען שיסט פון האַרמאַטען און מען וואַרפט באָמבעס פון צעפּעלינען. און אז מען שיסט פון האַרמאַטען און מען וואַרפט באָמבעס פון צעפּעלינען, איז מען דאָך ניט זיכער מיט׳ן לעבען, בין איך שוין ניט קיין היגער. שטעל איך פיס און ווער אַ היימלאָזער — אין אָדעס.

קיין אָדעס בין איך אָנגעקומען מיט אַ היבשען פּעקעל לשונות, מיט אַ גאַנצען פּאַק ענציקלאפּעדיעס אין קאָפּ און ווערטער-ביכער אין זכרון. גאָר די אַלע לשונות העלפען מיר דאָ ווי אַ טויטען באַנקעס, מחמת אָדעס האָט איר אייגענעם לשון:— אַ ד ע ס ע ר ל ש ו ן... דאָס דאַרף מען אויך שטודירען אין און, לערנען און געדענקען. אַניט, וועסטו דאָ זיין אַ פרעמדער און מען וועט דיך ניט אנהויבען צו פאַרשטעהן.

חוץ דעם איז אָדעס די איינציגע שטאָט, וואָס איז גורם. אַז מען זאָל דאָ לערנען לשון-קודש. דאַכט זיך אַ פאַרגרעבטע שטאָדט, פונדעסטוועגען איז דאָ העבּרעאיש כמעט אַ מוזזאַך. וואָרום אָדעס, דאָרפסטו וויסען זיין, איז די רעזידענץ פון מנחם-מענדעל אוסישקין, דער איינציגער מאָנאַרך, וועלכער זיצט נאָך אויף זיין טראָן. אויסער דעם, וואוינט דאָ דר׳ קלויזנער און לעבען דאַרף מען, און פרנסה דאַרף אַ איד, טאָ גיה מאַך אַ לעבען

אין וואוין אין אַ שטאָט, וואו אוסישקין און קלויזנער וואוינען, אָהן העברעאיש...

קורץ, איך האָב זיך גענומען צו לשון-קודש. גערעדט ווי אַ וואַסער, מיט הברה ספרדית און הברה אשכנזית. איך האָב דערזעהן פאַר זיך אַ גליקליכע צוקונפט, ווייטע האָריזאָנטען. נאָך אַביסעל וואָלט איך אפשר געוואָרען אַ העברעאישער לערער.

ברעכט אויס די רוסישע רעוואָלוציע און נאָך דער רעוואָלוציע נאָך איינע, און אַ דריטע, און אַ פערטע, און אין דער מהומה קויקעל איך זיך פון איין שטאָט אין דער צווייטער, ביז איך ווער מגולגל אין קיעוו

אין קיעוו איז, ווי דיר איז בעוואוסט, געוואָרען די הויפטשטאָט פון אַ נייע מדינה—אוקראַאינע. מיט אַ נייער אומה—אוקראַאינצעס. און מיט אַ נייעם לשון — אוקראַאיניש

לערן איך זיך אַ נייעם לשון — אוקראַאיניש

לערן איך, און מאַך טאַקי די גרויסע ערפאָלגען נאָך אַ ביסעל, און איך בין שוין אַ פולשטענדיגער הייַדאַמאַק. גיי אין מאַלאָרוסישען טעאַטער, וואו עס שפילען די עכטע היידאַמאַקען פון פינסק אין סלאָנים; טאַנץ שוין אַ האָפאַק, זינג: „עך מאָאי הריטשאַניקי" איך האָב זיך שוין אַפילו אָנגעהויבען זיך אינטערצושרייבען „טונקעלענקאָ"... מיט איין וואָרט, כאַיי זשיווע אוקראַאינאַ!

פלוצלינג פערלויפט אַ קלייניגקייט: מען הויבט אָן אויסצוקוילעגען גאַנצע שטעט מיט יודען, וואַרפען פון די פאַראָכאָ־ען, שיסען און ברענען. האָב איך פיינט, אַז מען קוילעט מיך. נעם איך און מאַך פליטה און קום ווידעראַמאָל צו לויפען קיין וואַרשע.

לערן איך מיר ווידער פויליש. און ווידער אַ מאָל מיט גרויס ערפאָלג. ערשט נאַ דיר אַ נייע צרה: „רעגיסטראַציע" באשר איך בין אַ פ ר ע מ ד ע ר. „זאַבעצעקראַיאָוועץ", הייסט עס. זאָל איך זיך, הייסט עס, זוכען אַנ׳אַנדער מקום-מנוחה און פאָרען וואוהין די אויגען טראָגען.

מילא פאָרען איז פאָרען. איך בין שוין געוואוינט צו אַזעלכע זאַכען. מיך וועט מען דערמיט ניט אָפשרעקען. ניטשטער, איך וואָלט

וועלען זיין אַ בעלן וויסען, וואוהין, אַשטייגער, וועט מען מיך משלח זיין. אין וועלכען מקום איך וועל מגולגל ווערען, און וועלכען נאָמען איך וועל מיך אויפסניי אָנהויבען לערנען.

אפשר ווייסטו.

זיי זשע מיר געזונד און האָב קיין פאַראיבעל ניט, וואָס איך האָב דיר אַבּיסעל געדרעהט אַ סמאָדיק

דיין פריינד

ישראליק בעל-לשון.

צווייטער טייל

פֿאַראָד'ען און שאַרזשען

דער טונקעלער.

זיין לעבען, שאפען און ווירקען אויף דער
בערבערישער און אסטיאקישער ליטעראטור.

די טיף-פאעטישע פערזענליכקייט פון טונקעלען, ווי אויך זיין לעבען און שאפען וועט נאך זיבער הונדערטער יאהרען דינען אלס מאטעריאל פאר די היסטאריקער פון ליטעראטור און קריטיקער פון אלע צייטען און פעלקער, וואס אינטערעסירען זיך מיט די פראגען פון באהן-קאמוניקאציע און גלאז-שלייפעריי.

דאס ערשטע, וואס אונז פאלט איין בעזונדערס ביים לייענען דעם טונקעלענס ווערק, איז, אז זיין קונסט איז אנ'אריגינעלע קונסט אהן פלאגיאט, אהן גנבה און אהן קיין שום יניקה פון אנדערע קינסטלער.

מעגליך, אז אויב מיר וועלען שטארק זוכען, וועלען מיר ביי איהם געפינען א שטיקעל השפעה פון שעקספיר און סטופניצקי.

און דאך בלייבט ער אריגינעל, אינדיווידועל און העל, און דער עיקר, ביי זיין אייגענעם „איך".

„וואָרום דער „איך" פון טונקעלען, זאגט דער בערימהמטער קריטיקער ש. ניגער, איז נישט קיין „איך" פון אנ'אנדערן, פונקט

ווי יענער „איך״ איז נישט דער „איך״ פון טונקעלען. נאָר דאָס איז דער אייגענער, ריכטיגער, איכישער „איך״, וואָס איז נישט „דו״, נישט „ער״ און נישט „זי״ און בכלל גאָרנישט-נישט״...

„איך בין קיין לעקיש נישט, געוויס!
„איך בין געבענשט פון גאָט מיט פיס!

דעם דיכטערס „איך״ איז קיין לעקיש נישט. זיין „איך״ פערמאָגט פיס!

אין מאַנכע ליטעראַרישע קרייזען הערט מען אָפט זאָגען:

„היינע און דער טונקעלער״. נאָר דאָס איז אַ טעות. היינע טאָר מען בשום אופן נישט פערגלייכען מיט דעם טונקעלען, וואָרום היינע איז בעצם אַ טאַלאַנטלאָזיגקייט, אָבער צו פאַרמאַסקירען זיין טאַלאַנטלאָזיגקייט, האָט ער געשאַפען אַזעלכע הויך-פּאָעטישע גייסטרייכע ווערק, כדי מיר זאָלען מיינען, אַז ער איז גייסטרייך און געניאַל.

דער טונקעלער מאַסקירט זיך נישט. דאָס וואָס ער האָט— האָט ער.

פערקעהרט, דער טונקעלער האָט געשריבען אַ סך שוואַכע זאַכען, אום צו פערמאַסקירען זיין געניאַליטעט.

Sancta simplicitas.

בלעטערט-דורך אַ וועלכען-נישט-איז בוך פון זיינע בראָשו-רען און יום טוב-בלעטער, און עס וועט אייך אַרומכאַפּען אַ וואונדערליך געפיהל פון אַלע זייטען. אָבגרונדען פון אימפּרע-סיעס, ברויזענדע שטורמען פון געפיהלען, אומבעגרענצטע מעלאָ-דישע כוואַליעס...

מען קאָן זאָגען אָהן אַ גוזמא, אַז נאָך וואָלטער און באָ-מאַרשע איז טונקעלער דער דריטער, וואָס האָט, ווי זיי, דורכ-געמאַכט און בייגעוואוינט גרויסע רעוואָלוציעס.

וואָלטער און באָמאַרשע האָבען געמאַכט לאַכען פּאַריז אַ טאָג פאַר דער איבערקעהרעניש. דער טונקעלער האָט אויך גע-מאַכט לאַכען די וועלט פאַר דער איבערקעהרעניש, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען לויט די נביאות פון אַמעריקאַנער אַסטראָנאָם.

נאָר וואָס איז ער שולדיג, אַז די וועלט האָט זיך נישט איבערגעקעהרט.

בראַנדעס האָט צווישען זיינע פּאָרטרעטען-שילדערונגען פון שעקספּיר, רוסאָ און געטהע, דעם טונקעלענס פּאָרטרעט נישט געגעבען. און דאָס איז דערפאַר, ווייל ער האָט איהם נישט געלייענט. וואָלט ער אָבער איהם געלייענט, וואָלט ער זיכער וועגען איהם געשריבען פאָלגענדעס:

„דער טונקעלער,—וואָלט בראַנדעס געשריבען אין זיין גייסט-רייכער אָבהאַנדלונג,—איז מורא׳דיג גרויס אין זיין סטיל, ברייט און רייך אין זיינע פאַרבען, גלענצענד און אונפערגלייכליך אין זיינע בילדער און אונגעהויער, ממש אונענדליך אין זיינע אידעען. „חיים-יאַנקעל דער האָניג-קוועטשער״, אַ שטייגער, איז נישט איין פאָלק און נישט צוויי אָדער דריי פעלקער, נאָר די גאַנצע מענשהייט אין איהר ליידען און פריידען, אין איהר קאַמף און שלום, אין איהר שטייגען און פאַלען. חיים-יאַנקעל דער האָניג-קוועטשער איז, אויב איהר ווילט, די גאַנצע וועלט צוזאַמען.״

„די גרויסע לירישע ברידער פון טונקעלען—שרייבט איפּאָליט טען און נחמן מייזעל, זענען פרידריך ניטשע, לאָרד בייראָן, אחשורוש, באָדלער, עדגאַר עלען פאָ, פּשיבישעווסקי, שלמה המלך, קלאַראַ יאָנג, דאַנטע, דרייפוס, כדלאמר, קיפּניס און זעליגפעלד, פּאָטר דער גרויסער, פּייזול און בלק—גרויסע ברידער פון הויכען ליריזם. דער ליריזם פון טונקעלען דערגרייכט אָבער צו דער העכסטער הויכקייט פון לעבען, פּאָעזיע, גבואה, קונסט, ליעבע, גליק, שענהייט, מוזיק און האַרמאָניע און סוביעקטיווען אימאַנענץ...״

„דער טונקעלער—דאָס איז דער גאון, וואָס פעראייניגט אין זיך אַלע וועלט-גאונים צוזאַמענגענומען: שרייבט מיט טינט-און-פעדער, ווי פּרץ, איז דיכטער ווי ד״ר גאָטליעב, דענקער ווי טאַראַס בולבאַ, רויכערט ציגאַרען ווי פּראָפ. עהרליך, טראָגט ברילען ווי בערנאַרד שאָו, איז געראַזירט ווי נאַפּאָלעאָן, און שפּילט שאָך ווי לי-כונג-טשאַנג.״

און דאָך איז אַט דער דאָזיגער וועלט-גאון אונזערער אַז איז געבליבן אונזערער. נישט די ענגלענדער, נישט די פראַנצויזן און נישט די דייטשן האָבן איהם ביי אונז אַוועקגענומען.

אַ שאָד, כ׳לעבען, אַ גרויסער שאָד.

ניגער, ווידער, שרייבט וועגען די אונשטערבליכע לידער פון טונקעלען בזה הלשון:

„דאָס זענען לידער, וואָס דערמאָהנען אייך וועגען עפּיס אַנדערע ליכטיגע וועלטען פון יענער זייט לעבען, וועגען מיסטישען זיסען ציטער און נשמה-עקסטאַז.

...און אין אַ זומערדיגער נאַכט
האָט מיך געוועקט אַ זאַנפטער זשומען-קלאַנג,
וואָס האָט געהודזשעט, ווי אַ כשוף-גלאָק—
דאָס האָט מען ערגעץ אין אַ טאַז
געמעלקט אַ באָק...— — —

דאָס איז אַלץ קלאָר, דייטליך, רעאַל, פּלאַסטיש, צוזאַמען מיט רעטראָספּעקטיווען אומעט און בענקעניש, חלומות און האָפנונגסלאָזע שטרעבונגען.

דאָס איז רעאַלע קאָנקרעטעווודיגע אָנטאַפּעניש און די פאַנטאַסטישע טרוימערייען פון זיסע נשמה-קוועטשעניש. ווי רוהיג־אידיליש עס קלינגט זיין דאַטשע-ליד:

אַ וואַלד, אַ גוי און זויער-מילך,
אַ חזיר און אַ קליאַטשע,
אַ שטעהלכיל און מיט פליגען פול—
איך פּראַווע, הייסט עס, דאַטשע.

דאָס דאָזיגע ליד, וואָס איז אַ פּעריל אין דער וועלט-ליטעראַטור, בעווייזט אויף וויפיל דעם דיכטערס נשמה איז בעהעפט מיט דער געטליכער נאַטור, זיין עמפינדליכקייט און ליידענשאַפט פאַר די האַרמאָנישע נאַטור-ערשיינונגען.

און אַלץ איז שטיל און לאַנגווייליג,
קיין פליאָטקעס און קיין בייסען;
ס׳איז הייס, איך שוויץ, ווי אין אַ באָד
און די קאָמאַרעס בייסען...

„יאָ, די קאַמאַראַס ביי סען...—שרייבט בעל-מחשבות וועגען דעם דאָזיגען ליד.—אַ פּראַכטפולער עלעגישער אַקאָרד, וואָס שילדערט אַזוי ווייך דעם דראַמאַטישען מאָמענט. יאָ, די קאַמאַראַס ביי סען. און דאָס שטערט דעם דיכטערס גייסטיגע גלייכגעוויכט און עס וועקט האָפנונגסלאָזע שטרעבונגען, איינזאַמקייט און מעלאַנכאָליע, „קהלת״ און „בייראָניזם״—דאָס ווערט דער לייט-מאָטיוו פון זיין פּעסימיסטישען אָפּטימיזם.

סאַרקאַסטיש און איראָניש ביז רופט ער אויס:
דער מענש איז געגליכען צו אַ פּענכער—
ער בלאָזט זיך און האַלט זיך גרויס.

און ענדיגט:
צום סוף גיט מען איהם אַ שטאָך מיט אַ נאָדעל,
און דער וואָזדוך געהט אַרויס...

ער דערזעהט די אונפערמיידליכע עלענדקייט פון מענשליכען דאַזיין, זיין נישטיגקייט און קליינקייט. עס בעהערשט איהם דער שווערער וועלט-שמערץ און די פאַנטאַסטישע בענקשאַפט.״

יאָ, דער מענש איז געגליכען צו אַ פּענכער.

נאָר לאָמיר פריהער דערצעהלען די ביאָגראַפיע פון׳ם אונפערשטערבליכען שעפער פון „חיים-יאַנקעל דעם האָניג-קוועטשער״.

— — — — — — — — — — — —

דער טונקעלער איז געבוירען געוואָרען אין ענדע פון ניינצעהנטען יאָהרהונדערטס ביי אַ פּאָר־פּאָלק, נישט קיין גוט-בעזיצער.

נישט קוקענדיג אויף זיין קינסטלערישען בערוף, זענען דאָך זיינע עלטערן געווען גאַנץ אָנשטענדיגע מענשען. פון פאָטער-מוטער האָט ער גע׳ירשה׳נט זייערע אייגענשאַפטען. פון דער מוטער האָט ער גע׳ירשה׳נט די אויבערשטע העלפט און פון אונטען ביז אַראָב—דעם גאַנצען פאָטער.

ווען ער איז געבוירען געוואָרען, איז ער נאָך נישט געווען קיין דריי יאָהר אַלט. אַליין, אָהן קיינעמס הילף, איז ער געוואַקסען ביז זעקס יאָהר. אין אַ יאָהר אַרום נאָך דעם זעקסטען יאָהר, איז איהם געוואָרען פונקט זיבען יאָהר. דעמאָלט

האָט מען איהם אָבגעגעבען אין חדר, צו לוי-יצחק עשרה-דבריאָ.

זיין רבי האָט געהאַט דאָס צווייטע ווייב; זי האָט געהייסען סאָסיע.

אין חדר האָט ער געלערנט גוט, מיט חשק און מיט התמדה, אַזוי, אַז די אַרומיגע האָבען אָנגעקוואָלען. „דאָס וואַקסט אַ טאַלאַנטלאָזיגקייט און אַ בעגרענצטע בעשעפעניש", האָבען זיי געזאָגט. ערשט שפעטער, ווען דאָס יונגעל האָט אויפגעהערט זיך צו לערנען, אָנגעהויבען צו שטיפען—אַרומלויפען פוסט און פּאַס, יאָגען זיך נאָך הינט און חזירים, און מען האָט איהם אַרויסגעטריבען פון חדר, האָבען זיך אַלע אָנגעהויבען צו בעאונרוהיגען, צי וואַקסט נישט אַמאָל אַ גרויסע טאַלענטירטע פערזענליכקייט. זיין פאָטער האָט איהם געהאַלטען אין איין מוסר'ן: „וואָס וועט פון דיר זיין? דו וועסט נאָך, חלילה, אויסוואַקסען אַ קינסטלער!"

זיין פאָטערס נבואה איז מקוים געוואָרען—ער איז געוואָרען אַ שרייבער.

דאָ איז כדאי צו בעמערקען זיין מערקווירדיגע שנאה צו דער פרויען-וועלט. אין דעם פרט איז ער כמעט עהנליך צו די גרויסע פרויען-פיינד סטרינדבערג, ניטשע, וויינינגער. פּונקט ווי זיי האָט ער געהאַסט די פרוי מיט אַלע זיינע רמ"ח אברים ושס"ה גדים.

אין יאָהר 1905 איז אויסגעבראָכען געוואָרען די רוסישע רעוואָלוציע, אין וועלכער דער יונגער דיכטער איז אַבסאָלוט אונשולדיג. און דאָך האָט ער זיך מיט לייב און לעבען געוואָרפען אין ברענענדיגען קאַמף אַריין.

אין יענער צייט ערשיינט זיין בעריהמט קאַמפּס-ליעד:

הערט איהר זינגען מיך פון פרייהייט,
פון געשטרייט און העלדענמוט,
פון געפעכט און באַריקאַדען,
פון דער פאָהן בעשפריצט מיט בלוט—
זאָלט איהר וויסען, אַז איך ליעג שוין
גוט בעהאַלטען אונטער בעט,

און עס וואַרפט מיך אין קדחת,
דען איך בין אַ קאַמפּס-פּאָעט.

און אַזוי מיט דעם ליעד אויף די ליפּען און מיט ברע-נענדיגען מוט אין האַרצען וואַרפט ער זיך אין העלישען קאַמף און מיט גרויס העלדישקייט אַנטלויפט ער קיין אַמעריקאַ, מסתמא צו שטיצען דאָרט די רוסישע רעוואָלוציע...

אַמעריקאַ האָט ענטדעקט דעם טונקעלען און אַמעריקאַ האָט געפונען אַ געלעגענהייט אָבצודאַנקען דער מענשהייט, פאַרוואָס די מענשהייט האָט איהר ענטדעקט.

אַמעריקאַ—דאָס לאַנד פון טיעפער קונסט, פון ריינעם שאַ-פען און עהרליכער פּרעסע, האָט איהם גלייך אָנערקענט אַלס זשעני און תיכף ומיד אַריינגענומען איהם אינ׳ם געזינדעל פון איהרע זשעניען.

אייראָפּא איז אָבער געבליבען פער׳יתומ׳ט. רוסלאַנד האָט די רעוואָלוציע פערשפּילט. ער האָט געפעהלט דער דיכטער, וועלכען אייראָפּא האָט בעדאַרפט, און אויף וועלכען אייראָפּא האָט געוואַרט. פאַר יענער צייט איז נויטיג געווען אַ פּאָעט, וואָס זאָל זיין אויף אַזוי פיעל אינדיווידועל, אויף וויפיעל ער איז קאָסמיש, אויף אַזוי פיעל שאַרף סאַטיריש, אויף וויפיעל האַרמאָ-ניש-גראַציעז, אויף אַזוי פיעל דענקעריש, אויף וויפיעל קאַמפּס-פעהיג, כדי איבערצווועדען דאָס פּאָליטישע און רעליגיעזע בע-וואוסטזיין פון אייראָפּא, אויפצוועקען די שלאָפענדיגע און שטיר-צען די טריאומפירענדיגע אין אָבגרונד פון געלעכטער און סאַר-קאַזם און אַרויסשמייסען די איצטיגע וועלט-איבערקעהרעניש.

אין יאָהר 1910 קומט ער צוריק קיין אייראָפּא און עס הויבט זיך אָן די גרויסע וועלט-רעוואָלוציע, אין וועלכער דער יונגער דיכטער איז אַבסאָלוט נישט שולדיג.

אין יאָהר 1911 ערשיינט זיין ערשט ווערק דער „קרומער שפּיגעל״—זיין יחוס-בריעף פון אונשטערבליכקייט. דאָס דאָזיגע ווערק, וואָס איז פול מיט פּאָעטישען געלעכטער, אונפערגלייכלי-כען סאַרקאַזם און וואונדערבאַרען הומאָר, איז שוין לאַנג גע-וואָרען דאָס אייגענטום פון דער גאַנצער מענשהייט, ווי אויך פון

זיין פערלעגער ב. שימין.

אין יענעם יאָהר בעקענט ער זיך מיט דעם בעריהמטען קריטיקער קאָווע.

מיט אַ יאָהר שפּעטער ערשיינט זיין צווייט בוך, דער „גרינער פּאַפּוגיי", וואָס האָט דערפיהרט צו דער העכסטער שטו-פע פון ענטציקונג די גאַנצע וועלט, נישט קוקענדיג, וואָס די קריטיקער האָבען עס אַזוי שטאַרק געלויבט.

צו יענער צייט ווערט ער מיט זיין פריינד דעם דענקער ב. קאַרלינסקי אויף „דו" (נאָוועמבער דעם 17-טען 1912).

דאָס יאָהר 1913 האָט מיט זיך געבראַכט נאָך צוויי אונ-שטערבליכע ווערק, וואָס האָבען איבערגעשטייגט די ערשטע מיט זייער פערנעהם און געניאַליטעט. דאָס זענען: „די פלעדערמייז" און בעזונדערס „חיים יאַנקעל דער האָניג-קוועטשער", אַ ראָמאַן, וואָס נאָך „קריעג און פריעדען" פון טאָלסטאָי און „קוואָ וואַדיס" פון סענקעוויטש פערנעמט ער דעם ריכטיגען פּלאַץ.

דאָ דערגרייכט ער צו אַזאַ הויכער מדרגה פון רוהם און פּאָפּולאַריטעט, אַז דער דיכטער אַלטער קאַציזנע הויבט שוין אָן צו דענקען וועגען חבר'ן זיך מיט איהם.

ווי רוהיג און אָביעקטיוו און קינסטלעריש דער ראָמאַן זאָל נישט זיין געשריבען, פיהלען מיר דאָך אין איהם אַ שטיק פון אויטאָרס לעבען, אַ שטיק פון זיין אייגענער פּסיכאָלאָגיע, אַז חיים יאַנקעל דער האָניג-קוועטשער איז בלויז אַ דורכזיכטיגער פּסעוודאָנים פון טונקעלען און אַז אין דער נשמה פון חיים יאַנקעל דעם האָניג-קוועטשער שפּיגעלט זיך אָב אַ שטיק נשמה פון אויטאָר, פּונקט ווי ט אָ ל ס ט אָ י אין לעווינע'ן פון „אַננאַ קאַרענינאַ", ווי פּ ו ש ק י ן אין לענסקי'ן פון „יעווגעני אָנעגין", ווי ר ו ס אָ אין זיין „עמיל" און ווי ג ע ט ה ע אין „ווערטער'ן". אין דעם דאָזיגען העלד פון חיים יאַנקעל דעם האָניג-קוועטשער דריקט ער אויס זיינע ליידען און זיפצען, זיין בעגייסטערטען שוואונג און געלעכטער דורך טרעהרען. דאָס אַלץ בליצט אויף דאָ און דאָרט אין גלענצענדיגען האַלב-מעלאַנכאָלישען לייכטזין. דאָס דאָזיגע ווערק, וואָס איז געשריבען מיט שוואַרצען טינט

אויף ווייסען פּאַפּיר, איז געוויס אַ גרויסער לאָרבער-קראַנץ אויף דעם קאָפּ פון אונזער גרויסען דיכטער.

און נישט געקוקט דערויף, וואָס דער אויטאָר שפּיגעלט זיך אָב אין זיין אונשטערבליכען האָניג-קוועטשער, איז דערדאָזיגער האָניג-קוועטשער גלייכצייטיג אויך אַ שפּיגעל פון אַלע פעלקער פון דער גאַנצער וועלט און פון אַלע דורות, ווי בעלינסקי וואָלט זיך זיכער געהאַט אויסגעדריקט, ווען ער וואָלט נאָר געלייענט דאָס דאָזיגע ווערק, ווי ער האָט געלייענט געטהע און שעקספּיר און רוסאָ.

אין יענעם יאָהר בעקומט די נאָבעל-פּרעמיע דער אינדיאַנער דיכטער ראַבין-דראַנאַט טאַגאָראַ.

אָט אַזוי שאַפט דער טונקעלער ביסלעכווייז דעם פּרעכטיגען רעגענבויגען פון קונסט און האַרמאָניע, פון געלעכטער און אומעט, פון קאַמף און גלויבען.

און די ערד דרעהט זיך פאָרט!

דער טונקעלער.

דער משוגענער מלמד.

... כּי, כּי, כּי!..

איך, חיים־שלום דרדקי־מלמד פון באַרביִרעשאָק, האָב געשלאָגען דאָס ווייב. געשלאָגען, אַוודאי האָב איך זי געשלאָגען. אָבער פאַרוואָס האָב איך זי געשלאָגען? ע—ע! דאָס ווייס קיינער נישט. איך האָב זי געמוזט שלאָגען, יאָ, יאָ. אַ נישט וואָלט איך אפשר משוגע געוואָרען... עס וואָלט זיך מיר איבערגעדעהט דער מוח... איצט בין איך קלאָר... קלאָר ווי אַנ׳עטאַזשערקע... שאַ... שש!..

(פּויזע)

איר האָב זיך פערטראַכט, פערטיפט אין טיפע געדאַנקען. זיבען שעה מיט 33 מינוט מיט 18 סעקונדען מוז איך טראַכטען מיינע געדאַנקען. אַזאַ טבע האָב איך: איך טראַכט וועגען דער מלחמה. וועגען דער מלחמה טראַכט איך. פאַרוואָס שלאָגט מען זיך דאָס?

אַ מאָדנע עובדה: מענשען שיסען איינע אויף די אַנדערע פון ביקסען און פון האַרמאַטען און דוקא וואו מענשען שטעהען. ווי שטעהט מען דאָס, וואו מענשען שטעהען? מען קען דאָך,

חלילה, אַרויסנעהמען איינער דעם אַנדערן אַנ'אויג, אויסזעצען אַ צאָהן, אויסשלאָגען אַ פענסטער...

זעהט איהר, האָט איהר געטראָפען אין מיין יאָסעלען. אַז איך וויל נישט, איהר זאָלט שיסען אין מיין יאָסעלען, איך וויל נישט! אָט אַזוי. איך וועל דיך נעהמען אויף די הענד, איינוויקלען מיט דער קאַפּאָטע און אַנטלויפען... וואָס־זשע פּערוואַרפּסטו מיט'ן קעפּעלע? יאָסעלע, זעה נאָר, האָסט פערגאָסען מיין קאַפּאָטע אין בלוט און די באָרד אין בלוט..! יאָסעלע!..

כאַ, כאַ, מען זאָגט אַז דאָס שלאָגט מען זיך צוליב ערד... איך בין אַ בעלן צו דערגעהן דער אמת. אַנו. לאָמיר זעהן. מען דאַרף אויסמעסטען (נעהמט אומשפּרייזען איבער'ן צימער מיט גרויסע טריט הין און צוריק אין דער לענג און אין דער ברייט). איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס! איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס...

„ס'איז ליגען, די ערד איז נישט גרעסער געוואָרען אויף אַ האָהר, איהר הערט יזאָס מען זאָגט אויך? פון דער גאַנצער מלחמה איז די ערד נישט גרעסער געוואָרען אויף אַ האָהר!

(פאַלט אויף די קניה).

„גאָטעניו, דער גאָט פון מלחמה! מאַך מיך קלוג, מאַך מיר ליכטיג מיין זינען. מאַך מיך קלאָר... איך האָב דערפיהלט, אַז איך האָב פערלוירען מיין פאַרשטעלונג וועגען דיר, וועגען דער וועלט, וועגען מענש, וועגען שכל און וועגען הכל בכל... איך האָב פערלוירען מיין פאַרשטעלונג וועגען נעכטען, וועגען מארגען, וועגען היינט. איך ווייס שוין נישט פון „אַמאָל” און „שפּעטער”. איך ווייס שוין נישט, וואו איך בין און ווער איך בין און פאַרוואָס איך בין... איך האָב פאַרגעסען. און האָב פאַרגעסען וועגען דעם, וואָס איך האָב פאַרגעסען...

האַ! אין מה איז מיר ליכטיג געוואָרען. עמיצער האָט אין מיין שאַרבען אויסגעהאַקט אַ טהיר צום גאַס, עמיצער איז מיט אַ לאַמטערן אַהין אריינגעדרונגען און מיין זינען בעלויכטען... און האָב עס! איך האָב געפונען דעם תכלית, דעם מהות, דעם

עצם פון דער מלחמה.

דאָס שלאָגט מען זיך פאַר אַ בעסער לעבען, פאַר אַ רייכער לעבען, פאַר אַ גליקליך לעבען.

הי, הי, הי! חכמים. זיי האָבען ביי מיר די שטריקעל צוגענומען. איך וואָלט זיך אויפגעהאַנגען. און ווייסט איהר צוליב וואָס? איר וועל אייך אויסזאָגען. שש... נאָר עס זאָל זיין בסוד: איך בין פערסטראַבּירט אין לעבענס-פערזיכערונג-געזעלשאַפט. און אַז איך וויל מיך הענגען, וועל איך אָבנעמען די פרעמיע. כאַ! כאַ! כאַ!..

היינט האָב איך משנה השם געווען. אומגעביטען מיין נאָמען. אויס! פון היינט אָן הייס איך שוין נישט מעהר חיים-שלום, נאָר קאָפּעל-קיווע. עס קלינגט שענער, שטאַרקער, העלדישער. עס קלינגט כמעט אַזוי העלדיש ווי נאַפּאָלעאָן, אַלעקסאַנדר מוקדן. קאָפּעל—קי—ווע!

איהר הערט! און מיין פאַמיליע-נאָמען איז שוין נישט מעהר „איש הורוויץ”, נאָר „איש מלחמה”. קאָפּעל-קיווע איש מלחמה, אָדער קאָפּעל-קיווע דער מיליטאַריסט! און די גאַס, וואָס מען וועט נאָך מיר אַ נאָמען געבען, וועט אויך שענער קלינגען. „קאָפּעל-קיוועס-גאַס”. אַ שטייגער, ווי: „גיטקע-טויבעס זאַוואולעק”. גיטקע-טויבע איז אויך מסתמא געווען אַ מיליטאַריסטקע...

אָ, איך האָב געוואוסט, אַז די גאַנצע וועלט וואַרט אויף מיר, איך זאָל ווערען אַ מיליטאַריסט, כדי עס זאָל מקוים ווערען ישעיהו הנביא׳ס נביאה: כי מלאה כל הארץ דעה — די גאַנצע וועלט איז פול מיט קלעפּ. געוויס, ישעיהו הנביא איז אויך געווען אַ מיליטאַריסט, נאָר אַ ביטרער איז ער געווען, אַ דיפּלאָמאַט. כדי צו פערמאַסקירען זיין מיליטאַריזם, האָט ער געפּרעדיגט שלום, וואָרום ער האָט גוט געוואוסט, אַז פון שלום וועט קיין גוטס נישט אַרויס...

די גאַנצע וועלט איז פול מיט געשלעג. אַלע בעשעפענישען שלאָגען זיך, אין דער הויך שלאָגט מען זיך, אין וואַסער שלאָגט

מען זיך, אויף דער יבשה שלאָגט מען זיך. אין שטאָדט שלאָגט מען זיך, אין דאָרף שלאָגט מען זיך, אויף די פעלדער, אין די וועלדער. עס גערהט אַ געשלעג אויף טויט און אויף לעבען. עס גערהט „אַ דראַקע", אַ וועלט־דראַקע! און איך? איך, ווילט איהר, זאָל הייסען שלום דער מלמד און לעבען בשלום? אַ וועלט מיט מענשען בויקערן אײנער דעם אַנדערן די ביינער, און איך—גאָרנישט? גאָר אָהן מיר? און וואו, פרעג איך אײך, בין איך? וואָס איז עפּיס מיין נשמה פון קלאָטשע? איך דאַרף דאָך אויך עמיצען שלאָגען? וואָס, נישט?

בין איך אַרויס אויף דער גאַס צו פיהרען מלחמה, האָב איך געטראָפען מיין פריינד דעם בן־עיר, אויך אַ היימלאָזער, שלום פרידמאַן הייסט ער, און האָב איהם אַזוי געזאָגט: ר' שלום, אייער נאָמען געפעלט מיר נישט. וואָס פאַר אַ פרידמאַן? וועלכער אַנשטענדיגער מענש טראָגט עס אַזאַ מאוס'ן נאָמען? איך האָב שוין מיין נאָמען אומגעביטען. איצט איז אייער צייט, איהר זאָלט אויך אייער נאָמען אומבייטען. וועט איהר ווערען מיין פערבינדעטער, איז גוט, ווען נישט, וועלען מיר זיך שלאָגען אין בלוט אַריין. וואָרום אַ שרעק, ווי איך בין בלוט־דאָרשטיג. איך לעב איצט נור מיט בלוט, איך אָטעם מיט בלוט און... שפּיי מיט בלוט!

האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט גרויסע קיילעכדיגע אויגען און האָט געזאָגט צו מיר: גאָט איז מיט אײך, ר' חיים־שלום? וואָס פּלוידערט איהר?

ענטפער איך איהם: ראשית, זאָג איך, הייס איך נישט חיים־שלום, נאָר קאָפּעל־קיווע איש מלחמה; והשנית, פּלוידער איך נישט. ביי מיר איז נישטאָ קיין פלוידעריי! איך בין נישט פאַציפיסט און זיץ מיט אײך נישט אויף קיין שלום־קאָנפערענץ, און איך, אַז איך רעד, רעד איך קלאָרע דבורים. און נישט איך רעד, נאָר דאָס שווערד, און אַז דאָס שווערד רעדט, האָבען מיר אַ קימא לן שווייגט דאָס מויל... און נעהם און איך קריך איהם אַריין אין באָרד אַריין. האָט ער, דער טפּוש געמאַכט געוואַלדען, געוואָרען בלייך ווי קעז און איז אַנטלאָפען פון שלאַכטפעלד.

איך האָב אָנגעשטעלט אויף איהם מיין שירעם און אויסגע־

שאָסען--פיף-פאַף! מושמעות, אַ קויל האָט איהם געטראָפען!

נאָך האַלבען טאָג האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט אין בית-המדרש. אַ מין טויטע שטילקייט דאָ הערשט--איך קאָן אַזאַ שטילקייט נישט אַריבערטראָגען; ווען נישט די צוויי פליגען, וואָס האָבען מלחמה געהאַלטען אין אַ ווינקעל שויב, וואָלט איך זיך אפשר געריהרט פון זינען. רבונו של עולם! פון וואַנען נעהמט זיך עס אַזאַ שטילקייט? אַזאַ שלום-ושלוה? עס קלאַפּט מיר אין קאָפּ פון דער שטילקייט. עס האַקט מיר אין די שלייפען. נישט אַנדערש, עס איז דאָ אַ סבה. וואו איז די סבה, האַ? אַהאַ! די סבה שטעקט אין סדור! „שים שלום" שטעהט דאָרט. אָט ווער עס איז שולדיג--דער שים שלום! מען מוז איהם אויסרייסען, אויספליקען, אויסראָטען!...

אין איין מינוט איז די גאַנצע שול פול געוואָרען מיט בלעטלעך, שמות, צופליקטע סדורים. איינער נאָך דעם אַנדערן זענען די „שים שלומ'ס" געפלויגען אין דער לופטען. און באַלד איז טאַקי אָנגעלאָפען ברוך דער שמש און עס האָט זיך טאַקי אָנגעהויבען אַנ'אמת'ע מלחמה.

אָוונדס צו בין איך ווידער אַרויס אויף דער גאַס. די לבנה האָט געשיינט. אַזאַ גרויסע לבנה, אַ ווייסע, אַ נאַקעטע, אָהן אַ שינעל און אָהן כלי-זיין.

זעה איך, עס שטעהט אַנ'עדה מיט יודען און איז מחדש די לבנה. ווער איך בייז.

--וואָס האָט איהר צו טהון מיט אַזאַ לבנה,--פרעג איך,--וואָס האָט אפילו קיין בלוטס-טראָפּען נישט אין זיך? קאָנט איהר דען נישט בעסער מחדש גיין די שקיעה? די גליה-רויטע זון, ווען זי פערגעהט, ווי אַ פייערדיגע קויל, און איז מרמז אויף מלחמה און בלוט?

און די יודען--לא די, וואָס זיי הערען מיך נישט, זאָגען זיי נאָך איינער דעם אַנדערן: „שלום עליכם" און די אַנדערע ענטפערן: „עליכם שלום"... וואָס פאַר אַ שלום אויף זייערע קעפּ?! חולה זייט איהר צו זאָגען: „מלחמה עליכם", „עליכם מלחמה"... וואָס רייצט איהר זיך מיט מיר? זעהט איהר נישט, אַז אויף דער

לבנה האָט זיך בעוויזען שוין אַ בלוטס-טראָפּען?! אַ בלוטס-טראָפּען אויף דער לבנה! איך בין געוואָרען בלוט-דאָרשטיג און געוואָרפען זיך אין דער גאַנצער עדה אויף אַנ׳אַטאַקע—אַ הורראַ!...
און באַלד איז דאָס גאַנצע געסעל פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ מלחמה-פּלאַץ.

איצט ליג איך צושלאָגען און געבונדען. אָבער דאָס געסעל וועט זיכער הייסען אויף מיין נאָמען: „דאָס געסעל פון קאָפּעל-קיווע דעם מיליטאַריסט״.

הי, הי, הי, מען פרעגט מיך: פון וואַנען האָט זיך דאָס צו מיר גענומען פלוצלינג אַזאַ תשוקה צו שלאָגען זיך? זיי קאָנען מיך פאַר אַ שטילען און רוהיגען מענשען, וואָס האָט קיינמאָל נישט געטשעפּעט קיין פליג אויפ׳ן וואַנד. פראַים! זיי ווייסען גאָרנישט, אַז דער אמת׳ער שלעגער בין איך און אַז דאָס געפיהל צו שלאָגען זיך ליעגט ביי מיר אין די בלוטען. אַז זיי ווייסען גאָרנישט, אַז אין דער צייט, ווען די גאַנצע וועלט איז נאָך געווען פערזונקען אין באַרבאַריזם און געלעבט בשלום, געווען פינסטער און ווילד און נישט געוואוסט פון קיין ליכטיגע וועלט-מלחמות,—בין איך שוין געווען דער גרעסטער קעמפער און שלעגער.

דערמאָהנט זיך נאָר, וויפיל איך האָב אין מיין לעבען זיך געשלאָגען: איך האָב געשלאָגען כפרות, געשלאָגען המנ׳ען, געשלאָגען הושענות, געשלאָגען על-חטא, געשלאָגען מלקות, אָבגעשלאָגען די שוועלען ביי מיינע בעלי-בתים און נאָך עד-היום שלאָג איך זיך מיט דער דעה, און מענשען זאָגען נאָך, אַז איך בין חסר-דעה. טפּשים! ווען איך וואָלט געווען חסר-דעה, מיט וועלכער דעה וואָלט איך זיך געשלאָגען?

טש... שאַ! מאַכט אייערע אויערען צו אַ טרייבעל און פערנעמט צו מיינע רייד! איך, קאָפּעל מיליטאַריסט, וועל אייך זאָגען נביאות.

והיה באחרית הימים—און עס וועט זיין מיט דער צייט, והיה הר ד׳—וועט זיין גאָטס באַרג דער העכסטער, אַזוי אַז מען וועט קאָנען אויף איהם אַוועקשטעלען דעם גרעסטען האַרמאַט.

והלכו עמים רבים—און עס וועלן גייען אַלע פעלקער, וגו׳—און זיי וועלן זאָגן: לכו ונעלה—לאָמיר גייען מאַכן אַ מאָבילי-זאַציע.

וכתתו חרבותם לאתים—און זיי וועלן צושטויסן זייערע ריב-אייזענס צו שווערדן וחנותיהם, און זייערע וואַלגער-העל-צער—למזמרת—צו פיסטוילען, און די חנוכה-דריידלעך וועט מען איבערשמעלצן אויף טאַנקעס און פון אַלע טאַבאַק-פּושקעס וועלן ווערן באָמבעס און גראַנאַטן און מענטשן וועלן מער נישט שמעקן קיין שמעק-טאַבאַק, נאָר פּולווער און גאַזן.

און אין יעדער מקוה וועט שווימען אַ פלאָט מיט אונטער-וואַסער-שיפן און אַלע ערוב׳ן וועלן זיין פון שטעכעדיקן דראָט, ושעשע יונק על חור—און קינדער וועלן זיך שפּילן אין אָקאָפּעס. ולא ילמדו—און מען וועט שוין מער נישט לער-נען קיין אלף-בית, נאָר סטראַטעגיע און תכסיסי מלחמה...

און יעדער איינער וועט שטודירן מאַפּעס מיט לאַנד-קאַרטן מיט אַטלאַסן, נאָר דאָס אַלעס וועט נישט זיין גענוג, וועלן מענטשן שטודירן דעם גלאָבוס: יעדער איינער וועט זיך אַרומטראָגן מיט אַ גאַנצן גלאָבוס, ווי אין פסוק שטייט: כי מלאה כל הארץ—די גאַנצע וועלט איז פול מיט מלחמה, נישט קשה, די וועלט איז גרויס און קאָן זיך פערגינען עטליכע מלחמות מיט אַמאָל.

דער קריגס-מיניסטער וועט שוין נישט מער זיך שלאָגן איינמאָל אין אַ שמטה, נאָר שטענדיק, אייביק וועט ער פירן מלחמה. און נאָך נייע מיניסטעריומס וועל איך איינפירן: מי-ניסטעריום פון אויסערליכע מלחמות, מיניסטעריום פון אינערליכע מלחמות, מיניסטעריום פון היימלאָזע, מיניסטעריום פון פער-שפּרייטן שנאה און קנאה, מיניסטער פון הונגער, טיפוס, כאָ-לערע און שרפות, וואָרום ווי זאָגט מיין חבר נאַפּאָלעאָן: מלחמות אָהן שריפות איז פונקט ווי קאָלבאַס נישט צוגעפּרע-געלט...

און איך, קאַפּל-קיווע, וועל זיין דער גרעסטער מיליטאַריסט

אויף דער וועלט און וועל בעקומען די נאָבעל-פּרעמיע.

אייביגע מלחמה אויף דער וועלט! די וועלט האָט שוין לאַנג אַ חזקה אויף מלחמות. וואָרום מלחמה—דאָס איז דער עיקר. דער מענש—דאָס איז בלויז אַ טפל, אַ צוגאָב צו דער מלחמה. און נישט איין מלחמה, נאָר עטליכע. נישט קשה, די וועלט איז גרויס און קאָן זיך פערגינען עטליכע מלחמות מיט אַמאָל!...

און קיין שלום וועט שוין קיינמאָל נישט אויסברעכען.

אַזוי זאָג איך—קאָפּעל-קיווע דער מיליטאַריסט.

אוף!... אַ הייסער טאָג היינט... אַ הייסער תּמוז... אַז עס זאָל אַזוי אָנהאַלטען ביז סוף זומער, וועלען מיר קאָנען דרייסט זאָגען, אַז מיר האָבען געהאַט אַ הייסען זומער... אין אַזעלכע טעג שיסען די ביקסען פון זיך אַליין. באָמבעס רייסען זיך אויף פון זיך אַליין. הייזער צינדען זיך אָן פון זיך אַליין. און כּדי די קוילען מיט די באָמבעס זאָלען נישט געהן לאבוד און מען זאָל נישט עובר זיין אויף בל-תשחית, שטעלט מען אויס אַקעגען די ביסקען מענשען... אַ שכל, ווי איך בין אַ יוד! איהר פערשטעהט? די וועלט האָט ליב אַ תּכלית...

דעמאָלט איז אויך געווען אַ הייסער שבת-טאָג... און דאָס שטעדטעל האָט זיך אָנגעצונדען, און דער הימעל איז געווען רויט און מיין קאָפּאָטע איז געווען רויט...

דעמאָלט בין איך נאָך געווען חיים-שלום דער דרדקי-מלמד און בין געלאָפען. קוילען האָבען זיך געטראָגען אין דער לופט, געהודזשעט און געפייפט אַרום מיר, גראַנאַטען האָבען זיך געריסען און מיך נישט געטראָפען. געגאַנגען אין ניוועץ. אַ ברכה לבטלה...

בלויז איין קויל איז אין ניוועץ נישט געגאַנגען—זי האָט מיין יאָסעלען געטראָפען.

איצט בין איך שוין קאָפּעל-קיווע דער מיליטאַריסט! היינט זוך איך שוין אַליין מלחמה!

אַנומעלט שפּעט ביינאַכט ליג איך זיך אַזוי אין בעט און עס נעהמט מיך קיין שלאָף נישט. אין די שלייפען האַמערט מיר,

ווי אין אַ קוזשניע. דער קאָפּ ברענט מיר און איך טראַכט מיר מלחמה-געדאַנקען. פלוצלונג—נאַפּאָלעאָן. „קאָפּעל-קיווע!—זאָגט ער צו מיר—דו ליגסט גאָר אין בעט, און טהוסט גאָרנישט לטובת דעם רעיון פון מלחמה—היתכן? שעמען מעגסטו זיך!" האָט עס מיר געגעבען אַ הויב פון בעט. איך האָב געכאַפּט מיין שטעקען און אַרויסגעלאָפען אויף דער גאַס. די גאַנצע שטאָט האָט געשלאָפען. איך האָב גענומען פויקען אין די שילדען, קלאַפען אין די לרדען טאַך, טאַך, טאַך-טאַ-ראַ-ראַך! טאַך, טאַך, טאַך-טאַ-ראַ-ראַך! שטעהט אויף יודעלעך, לעבודת המלחמה! שטעהט אויף יו—דע—לעך לע—בו—דת ה—מל—ח—מה!...

אויף מיין סיגנאַל זענען אָנגעלאָפען מענשען—משוגעים, פראים: אַנשטאָט צו פיהרען מלחמה, האָבען זיי מיך געכאַפּט און געבראַכט אַהיים צו מיין ווייב.

מיין ווייב איז געזעסען טויט, פערווייינט, די אויגען רויט, דאָס פנים כאַקי-קאָליר. עס האָט מיר פערקוועטשט פאַר'ן האַרצען און—איך האָב איהר אָנגעשלאָגען...

האָבען מיך די מענשען געבונדען... חכמים! ווי קאָן דען אַ געבונדענער פיהרען מלחמה!... אַזאַ זאַך איז דאָך נישט געהערט געוואָרען זינט די וועלט שטעהט אין דרויסען.

כאַ, כאַ, כאַ! איז איך, ווען איינגעפאַלען, אַז דער „למד-
איז פונקט דער פופצעהנטער אות אין אלף-בית?

פּאַראָדיעס.

ווי ס'וועלען לידער פּערפאַסט...

אַ דיכטער-רעצעפּט.

(נאָך יהואָש).

מיך האָט אַ לאַמדניק אַ שנײדער געפרעגט
דעם שכל פון ליד-מאַכערײ? —
ווי מען עס און קלעבט זיך,
ווי וועבט זיך און שטעפּט זיך,
און ס'שפּאַרט זיך צוזאַמען
די ווערטער, די גראַמען?
און יעדער קופּלעט
ווערט קונציג געטאַטשעט
אין סטריגעס, אין נעט,
געמערעט און געמאַנשעט,
געפּרעסט און געגלעט —
ביז אַלסדינג אינאײנעם געשאַפן
אַ דיכטערשע שטיקעל מלאכה?...

איך ווייס נישט—האָב איך איהם ערקלערט—
דעם קונץ וואָס עס שטעקט דאָ דערין
ביי דעם, וועמען גאָט האָט בעשערט
מיט שכל, געפיהל און זין...
איך ווייס נאָר, ווען דו ביזט קיין נעבאַך,
ווערסטו די מלאכה שוין קענען,
און כאַפּען דעם שניטעל דעם רעכטען,
ווי ווערטער אין גראַמען צו פלעכטען,
ווי נאָטע צו גראַמען מיט ליאַטע,
קאַפּאָטען — מיט מאָטע און בלאָטע;
און שרייבען און מעקען און קלעקען,
ביז ס'הייבט אָן צו הודושען און שרעקען,
און קלאַפּען, ווי אַרבעס אין בעקען, —
ביז יענער, וואָס לייענט, וועט מיינען,
אַז דו ביזט פון גאָט אַ פּאָעט.
דו קאָנסט זיך אויך דבקה'ן און גלאָצען די אויגען —
אַ גרויסער פּאָעט מוז זיך קנייטשען און בויגען.
און זיין מעוברת
מיט סודות, אַ מורא
און בעקען און ווינקען
פערבאָרגענע תורה,
און פינטעלעך שיטען מיט זונען —
דאָס הייסט: דו ביזט טיף, ווי אַ ברונען,
און הויך איז דיין דיכטערשער פליה;
און ווי אומגעלומפערט דער איז,
דאָך מיינען די לייט, אַז ביי דיר איז
די אמת'ע קונסט־פּאָעזיע.

אָט לאָזט אָהן גראַמען אויף פעלדער און וועלדער זיך ציהען די שורות

און צימבעלטט פון „תפלות“, פון היץ און פון קעלט און
„פערצאַפּעלטע לענדער“,
פראַגמענטן, נאָקטיורען, פּאָעמען און ציקלען צושמירט
אויף טאַבּלאַטורעס,
לעגענדען פון „שווינדזוכט“, פון אַרבּעס און באָב און
צוקניטשטען צילינדער,
פון רויזען פון שוואַרצע, געשפּענסטער אין בלאָהען פער-
כשופ׳טען געניץ,
חלומות, פּזמונות פון נעכטיגע טעג אָהן אַ סוף, אָהן אַ גרעניץ.

אַט לאָזטו גאָר פלוצלינג אַרויס אַ געוויטער,
כּדומה, אַ נביא, אַ קעמפער, אַ ריטער,
און הורזשעסט, און פּודזשעסט, אַז ס׳נעמט אָן
אַ ציטער
און בלאָזט ווי אַ מזיק, און פויקסט אין אַ טאַויק,
און שיסט פון אַ בעזים מיט טערקישע פּילען,
ח׳אָס האַקען און קנאַקען מיט ליאַרם און פּילען
דעם אַויר מיט רדיף און מיט פּראַצען אַ סך,
מיט תוהו ובהו און טאַך-טאַ-ראַ-ראַך...
טעמעס האָסטו אָהן אַ שיעור,
רייבסט און מאַכסט פון אַלץ אַ שיר:
פון כּפּרות, הליאַק און דזשיק,
רמב״ם, וואַשינגטאָן און קאָטער,
גלות, נאַכטיגאַל און זאַשיק,
טאַראַקאַן און פיפּערנאָטער,
פון פּרוכת ווערט אַ הייבעל,
פון אַ מאַנטבּיל ווערט אַ ווייבעל,
ווערסט בעגייסטערט פון דער תורה,
ווייגאַכט, צלם און מנורה,
רעגענבויגען און מצורה,
יודענטום איז אויך אַ סחורה...

אתרוג, צרבייסער און זשקען,
לילקע־ציבעק, קלויסטער־גלעקן...
נעהמסט פון אלץ א טיפען משל—
טארבע־פלעקער, יידן און ראסעלן;
רב און בעדער, יון, טערק—
מאכסט פון אלץ א ווערק...

אפטמאל פלעכסטו דיינע גראמען
פלומרשט פון די ליבע־פלאמען;
פון די שולטער ווי די לינדען,
בריסט ווי איילבירטען און אינדען.
פון א לילית ווילדען כאר;
ווייכען שויס און רונדע לענדען,
פיס און בוזעם צום פערבלענדען.
שלאנגען־צעפ און פאכווע־האר,
קושן, שלינגען, ארעמס־רינגען...
כטרין, למאי די גויים זינגען
אויך לכבוד גאט אמאר...

קאנסט זינגען פון טיפען און וויזען,
פון בלימעל און בלאט
און פרעג דיך בחרם „פון דיזען
דעם פשט.

דו הערסט: די ווארענע זאגט מודים,
די קראפיווע בליהט,
עס טרילערט די זשאבע אין טידאס
איהר ליד.

די סירענע מוז זיצן צודאַי
און האַנדעלט מיט פיש,
אַ טוקערין איז די נאַיאַדע
געוויס.

די רויז איז אַ מין קוקורוזע,
די לילִיע—אַ קראָפּ,
פּעגאַזוס — ער רײַט אויף אַ מוזע
געלאָפּ.
און נימפען, ציטראָנען און צעדער
און פאַן און זעפיר,—
וואָס איז דאָס? אַ דאגה, ווער פרעגט דע
ביי דיר?

ס'איז אויך נישט נויטיג אויפצופאַסען
שטענדיג אייגענס צו פּערפאַסען;
ס'שאַדט ניט אויך פון פרעמדענס נאַשען,
פרעמדע שורות צו פּער'קנס'ען,
קלעפען זיי ביינאַנד.
קלעפען, שלעפען, לאַטען, קלייבען,
איבערניצען, איבערשרייבען
דעמ'ס אַ טענה, יענעמ'ס מענה
יענעמ'ס פסוק, דעמ'ס אַ דרשה,
יתור, הפקר, מיינע—דיינע...
גנבה, זאָגסטו? עך, נישקשה!
צווישען אייגענע וועט בלייבען,—
כ'לעבען, ס'איז קיין שאַנד...
און קאָנסטו די שטעך נאָך מאַכען קלענער,
ביזטו גאָר אַ גרויסער קענער!
און ביזט זיכער, ס'וועט ניט יענער
כאַפּען ביי דער האַנד...

פֿערנומען האָט מיין גייסט,
וואָס איך האָב איהם גערעדט,
אַוועק אַהיים און איז —
געוואָרען אַ פּאָעט.

אַנשטאָט די שער — אַ פּען,
פּאַפּיר און טינט אַ פּלאַץ.
אַנשטאָט דעם שניידער־טיש —
האָט דעם פּעגאַז און פּאַרנאַס...

נאטור-שילדערונג ביי

פערשידענע שרייבער.

שמ"ר.

(דיטשמעריש)

עס וואר א שעהנער זומער-אבענד. די זאהנע האט זיך בעניגט צו נעהמען אבשיעד, אונד דער מאנד האט מיט זיינע גאלדענע שטראהלען בעהערשט די גאנצע נאטור.

דער נאכטיגאל, די געטליכע פויגעל, וואס די נאטור האט בעשאפען צו בעצויבערן דעם מענשענס הערץ, ווערהענד זי איז בעטריבט פאן דעם זאנדערבארען שיגזאל, — האט זיך גערופט הערען מיט דיין געטליכען שטים צווישען די פרעכטיגע אלעען, וואו עס שפאציערען די גליקליכע און עוויג-ליעבענדע קאוואליערען און דאמען געצארטט.

עס גיבט קיין פערזאן אהן איבערראשונג פאן די געהיימניסע פאן זא א פראכטפאלע לאנדשאפט.

די הימעלישע שטערען באגלייטען זייער גראסמוטער דעם מאנד אונד לייכטען פון דעם עוויג בלאהען הימעל הערונטער אויף דעם פרעכטיגען שלאס פון באראן פאן ראדעריקא, וואס איז ארומגערינגעלט מיט א געהיימניספאלען שלאס-גארטען, טייכען און פליססע, צווישען וועלכע, ליעבער לעזער און לעזערין, דיין אויג בעמערקט די העכסטע עדעלהייט, מארקיזען, פרינצען, באראנען, הערצאגען און ריטטער אלס זיי קומען מיט זייערע געליעבטע אין גאלדענע עקיפאזשען צו ערקוויקען זיך מיט דעם ווירציגען אבענד-לופט. לאקייען אנגעטהון אין גאלד און אין זילבער לויפען זיי אנקעגען און פיהרען זיי אריין אין דעם וואונדערשעהנעם פערפוצטען פאלאסט, וואו דער יונגער באראן און דער הימעלשער ענגעל, די באראנין, נעהמען זיי אויף מיט די העפליכסטע און דעליקאטע קאמפלימענטען...

מענדעלי מוכר ספרים.

(יודישלעך).

האַפּערדיג, קוממיות, ווי אַ נור וואָס אויסגעצוואָגענער חתן־בחור, בעוואַקסען מיט לאַנגע גרינע באָרד און פּאות, שטעהט דער וואַלד און ווארט אויפ׳ן חתן־קוילעטש.

פעלדער מיט ווייסע רעטשקע און הויך־געוואַקסענע קוקורוזעס, מיט געלב־גרינע קאַפּעליושען אויף די קעפּ, פערשפּרייטען מחיה׳־דיגע ריחות פון טייפעל־קרויט, געווירץ, קריטיכער, פּאַסאָליעס, פּעטרישקע און בשמים, וואָס דערגרייכען די נאָז, קיצלען ביי דער נשמה און צוגעהען אין אַלע איברים, ווי אַפּאַסטערנאַק־צימעס.

אַ ריין קריסטאַלענער געמייזאַכטס, בעוואַקסען מיט ערבות און הושענות, שפּיגעלט אויף דער זון און שפּרינקעלט מיט מיליאָנען בּליוטשקענע יאַרמילקעלעך.

אַ קאַפּעליע שפּיל־פייגעלעך, ווי קליינע יודעלעך אין ראַצעמאָרענע שפּאַנצירקלעך און טלית־קטנ׳לעך, ווישען די שנעפּעלאַך, פּאַלען תחנון, שווישטשען, בעבעטשען, צולאָזען זיך מיט אַ יקום־פורקן־נגון, הויבען פיסלעך: האָץ, האָץ, האָץ! כאַפּען אַ טענצעל און מאַכען פּליטה...

צוויי בּושלען מיט די לאַנגע פיס שטעהען פערריסען די קעפּ אין דער הויך און זענען מחדש די לבנה:

שלום עליכם ,עליכם שלום!

עפּעס אַ קונדס אַ פייגעל שטיפּט, פליהט הענדום־פענדום, מאַכט קוצעניו־מוצעניו, ווי געדעדט: קדוש, קדוש, קדוש! ווערסט מיך גישט כאַפּען, ר׳ קרוב, כאָטש שיט מיר אָן זאַלץ אויפ׳ן עק...

דער סאָלאָוויי, דער יועלט־בערימטער חזן, קנאַקט, צולאָזט זיך אויפ׳ן בייקול אַ שטייגערל, אַ וואָלעכל: אוי ווער, טאַטעניו, האַרציגער פאָטער, גאָטעניו!... זיטליכער, וואָס קען נור עפּענען אַ מויל, האַלט דעם חזן אונטער, די ביהן, די גריל, די פליג, די ציג, דער צאַפּ, דער זשוק — אַלע טערלעלייקען, הודזשען, מעקען, זאָגען קטרת... ניט דאָס בין איך אויסען...

י. ל. פרץ.

(חסידיש).

אַ הימעל, ווי אַ לאַסטיגענע קאַפּאָטע—ממש אָון אַ סוף...סוף... חסיד׳יש-גניד׳ישע וואָלקענדלעך שטראַהלען אָפּטער, ציטער׳ן פאַר הדוה, דבקה׳ן זיך און טאַנצען מיט שמחת תורה.

פערלעגען אַ האַנד אויף אַ האַנד, אַקסעל צו אַקסעל, ספּאָדיק צו כפּאָדיק, און טאַנצען, שפּרינגען—

אַ ריקודל...

הינטער, ווייטער נעהמט אַרום, ווי אַ גריגער ברייטער גאַרטעל — דער וואַלד און פּיפּקעט ... פּיפּקעט...

. . . .

און שקיעת-החמה איז עס , די זון מאַכט גלגול מחילות אין מערב-זייט — און כאַפּט שיריים...

די טבע איז פול מיט שיריים...

די שכינה פלאַטערט און בענקט נאָך שיריים... יעדע בחינה, יעדער גלגול כאַפּט שיריים...

הימעל און גלגלים, כרובים ומזלות — אַלע כאַפּען שיריים פון קודשא-בריך-הוא׳ס טעלער כביכול —

און בעקומען תקון...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַ שטערן ציטערט... ציטערט...

אַ ניצוץ...

אַ פּינטעלע —

און דאָס איז דער עיקר.

אַ פּינטעלע צו אַ פּינטעלע... יחודים... הזדווגות...

ש״י עולמת פּינטעלעך...

און די פּינטעלעך פּערצעהלען...

פון נגלה און נסתר פּערצעהלען זיי...

פון צרופים וסגופים...

פּדיונית נעמען זיי... פון רבי׳ס ציגען זינגען זיי... רבונו של עולם! מען קען צוגעהן פאַר מתיקות.

שלום־עליכם.

(אַ רעגדעל אַ וואָרט).

אַ קעגען דעם, וואָס איהר זאָגט אַ דרויסען. טע־טע־טע! איה־ זענט עפּעס אַ מבין אויף אַ דרויסען?... מיר דוכט, אַז זינט גאָט האָט בעשאַפֿען דרויסענס, האָט ער אַזאַ דרויסען נאָך ניט בעשאַפֿען... ווארום אַ דרויסען צו אַ דרויסען איז ניט גלייך. פֿאַרהאַן, הייסט דאָס, אַ דרויסען און פֿאַרהאַן אַ דרויסען, איז דאָס טאַקי שוין איין מאָל אַ דרויסען; איינער פֿון יענע שענע דרויסענס, הייסט עס, וואָס אַפֿילו אין דעם פֿינסטערען מאַזעפּעווקע, וואָס ליגט ביים טייך שטינקעליי, איז אויך די לופֿט שמעקעדיג, מחיה נפשות... וואָס זאָג איך שמעקענדיג... ס'איז פֿאַרהאַן אַלערליי שמעקאַכטסען אויף דער וועלט. פֿאַרהאַן אַ שמעקאַכטס און פֿאַרהאַן אַ שמעקאַכטס, אַ שמעקאַכטס פֿון שמעקאַכטס־לאַנד... איהר הערט בשיינפערלאַך, ווי עס שמעקט, די לופֿט שמעקט און אַ ווינטעל בלאָזט. שייך זאָגען: בלאָזט. אַלץ הייסט ביי אייך בלאָזען. בלאָזען צו בלאָזען איז ניט גלייך. בלאָזען צו בלאָזען איז אַ גרויסע נפקא מינה... פֿאַרהאַן אַ בלאָזען און פֿאַרהאַן אַ בלאָזען. איז דאָס שוין איין מאָל אַ בלאָזען... אַ בלאָזען פֿון זיין ליבען נאָמען...

און בלאָזען בלאָזט עס, ווייל ס'איז פֿאַרהאַן אַ ווינט... עס ליגט שוין אַזוי אין דער נאַטור: איז פֿאַרהאַן אַ ווינט, בלאָזט עס, איז ניטאָ קיין ווינט — בלאָזט עס ניט... דער שכל איז אַ פּראָסטער שכל: בלאָזט עס, איז אַ סימן, אַז עס איז פֿאַרהאַן אַ ווינט און אַז ס'איז פֿאַרהאַן אַ ווינט — בלאָזט עס —... אַזאַ טבע האָט עס שוין און סע בלאָזט, דאָס, יענס, לאָקשען, בוידעם, ציבעלע וכדומה...

שלום אַש.

(צאינה וראינה'ניש)

ווי אַ קעבס-ווייב האָט די גוטע מוטער ערד ענטפּלעקט איהרע פולע בריסטען און מיט חסד געטון זויגען יעדע אָפען מייל'כעלע פון יעדע שפּראַצכען און בליהעכען.

ווייט, ווייט, ווי פון אַ פרעמדען לאַנד צו אַ פרעמדען לאַנד, ווי פון אַ פרעמדע וועלט צו אַ פרעמדער וועלט, ווי פון אַ פרעמדע שטאָדט צו אַ פרעמדע שטאָדט, ווי פון אַ פרעמדע גובערניע צו אַ פרעמדע גובערניע קומען צושוועבען לייכט-שוועבענדע וואָלקענדליך, וואָלקען איין, וואָלקען אויס, אַ פלעקעל אַריין, אַ פלעקעל אַרויס, איין וואָלקען קוילערט זיך אין צווייטען, אייבער אין צווייטען, אַ צווייטער אין דריטען, א דריטער אין פערטען און אַלע בעהעפטען זיך אין איין גרויסען געדיכטען וואָלקען, וואָס פערגעפעלט דעם גאַנצען שטח און פערשלייערט די מוטער ערד, ווי אַ יונגער שרייבער זיין לעזער.

ווי פון אַנדערע וועלטען צו אַנדערע וועלטען טוט אַ ליכטיגעס וואַסער-טייכעל ציהען, פאַליע איין, פאַליע אויס, אַ פלעקעל אַריין, אַ פלעקעל אַרויס, איין פאַליע פליסט אין דער אַנדערער אַריין, איין פאַליע אין דער אַנדערער... און דונקעלער ווערט דאָס פרעמדע לאַנד און דונקעלער ווערט דאָס וואַסער און די מוטער רחל טוליעט זיך צו צו דער שוועגטאַ מאַרי און די שוועגטאַ מאַרי — צו דער מוטער רחל אוןביידע שלייכען צום וואַסער און טוען זייערע הייבלאַך אין וואַסער באָדען.

און די הימלען אין דער הויך האָבען זיך אויסגעצויגען איינס איבער דעם אַנדערן, איינס איבער דעם אַנדערן, איינס אין דעם אַנדערן אַריינגעפלאָסען, שמייכלען אַראָב צום נעבעל, דער נעבעל צום טייכעל, דאָס טייכעל צום נעבעל און אַלע טוליען זיך איין אין נאַכט-טוליעניש און געהען אַ כשר-שאַנץ...

א. רייזע.

(קבצניש).

אַ הימעל, ווי שאָסען-קעז — טריב און מוטנע.

ווי אַ ברודיגע אַלטע ספּאָדניצע, פון וועלכער עס טאָרטשען שטיקער אָבגעריסענע וואַטע-שמאַטעס, הענגט דער וואָלקען איבער דעם פּערשלומפּערטען שטעדטעל.

צייטענווייז קוקט אַרויס די זון, ווי אַ נייער אויס געשייער טער צעהנער, נאָר איהרע הונגעריגע שטראַהלען זענען ניט ביכולת אויסצוזופּען דעם גאַנצען בלאָטע-קרופּניק, אין וועלכען דאָס גאַנצע שטעדטעל, מאַרק און שול-הויף מיט די טאַנדעטניקעס, וואָס פּער-קויפען אַלטע תחתונים, תלמוד-תורה-קינדער אין היילע פּופּקעס און יודענעס ביי די מולטערס קאַרטאָפּעל, ציבעלעס און אוגערקעס כוקען און ווייקען זיך, ווי פּאַסאַליעס אין באָב-יוך...

די גאַנצע נאַטור זעהט אויס, ווי אַ גרויסער קבצן, וואָס בענקט נאָך אַנ׳עק פון אַ הערינג...

אַ פּו־לער ווינטעל בלאָזט און זינגט מיט אַ מתים-נגון: דלות, האָסטו האָלץ?... דלות, האָסטו פּערריכט דיינע שטיוועל?... דלות, האָסטו שוין אַריינגעשטעלט די פּאָדוואָינע פּענסטער? ניטאָ קיין גראָשען ביים לייב און לעבען!... ניטאָ קיין גראָשען ביים לייב און לעבעל!...

שוואַרץ, ווי ציקאָריע, שלענגעלט זיך דער רינשטאָק צווי-שען בערגלעך מיסט ביי יעדען הייזעל, פּליסט און מורמעלט: האַם, האַם, האַם... עסען, עסען, עסען... פּליסט, טראָגט, איילט, ווי אַ ישיבה-בחור אויפ׳ן טאָג...

נאָמבערג.

(מהיכא־תיתי׳דיג).

פּאַמעליך, פויל, קוים שלעפּענדיג די פיס, שלעפּט זיך די זון איבער דעם פערשלאָפענעם הימעל. משמעות, עמיצער שטופּט זי — געהט זי, רוקט זיך, וואָס אַרט דען איהר?

פּונקט ווי בעלטען, ווי אייערנעכטען, אַזוי היינט. אַלע טאָג דאָס אייגענע, אַלע טאָג דאָס אייגענע. כ׳מיין, למאי נפקא מינה?

שוין עטליכע טאָג האָט זיך קיין וואָלקען נישט געוויזען. אַ דאגה, נויטיג בעדאַרפסטו רעגען.

אַ כמאַרע רוקט זיך, אַ רעגען וועט זיין. מהיכא־תיתי וועט זיין — וועט זיין.

און אפשר וועט קיין רעגען נישט זיין. מילא, נישט — נישט.

וועט דאָך זיין דושנע, הייס. מילא, וועט מען שוויצען.

פייגעלעך פּישצען, זשאַבעס קוואַקען. מהיכא־תיתי, זאָלען זיי פּישצען, קוואַקען, וועמען געהט דאָס אָן? זיי קענען — פּישטשען זיי, קוואַקען זיי, ניט דיין באָבע׳ס עסק.

שטויביג, שלעפעריג איז אַרום, אָהן אַ שום פאַרב און אויס־דריק. אַלעס איז דורכגעדרונגען מיט אַ מהיכא־תיתי־פוילקייט. די בעדאַנקען אין קאָפּ ווערען שיטערער, צורינען. עס, מהיכא־תיתי, וועמען אינטערעסירט דאָס? לאָז שלאָפען...

משה סטאַווסקי.

(אידיש).

אין מזרח געהט אויף די זון, ווי אַ פֿייערדיגע „דזהע“ און שיקט איהרע שטראַהלען-„אָגלאָבלעס“ אויף דער ברייטער, גרויסער שטאַהל.

צוריק געהען די פֿערד פֿון „נאָטשלעג“, די היהנער קריכען פֿון „סיעדעא“, די טשערעדע קומט פֿון „ראַנקעס“, די בעלי-הבית'טעס מעלקען די בהמות, און עס הערט זיך אַ שטילער ס-ס-ס פֿון אַ מעלקען אין אַ דוינִיצע אַריין, אַ מעלה-גרה'ן פֿון בהמות און אַ פּאַטשען אין די פֿולע אייטערס...

פֿון הינטערן אוהאָל טראָגט זיך אַ קוואַקען פֿון דער ראַבער קוואָקטוכע און אַ פּיק-פּיק-מעלאָדיע פֿון אַ טוץ קליינע פּיסקלעך ציפּליאַטעס.

אַ פערבענקטער פֿערד האָט זיך אין אַ לאַנגען הירזשען צולאָזען, ביים „זשלאָב“ האָבען חזירים געכרוקעט... אַ האָהן האָט געקרעהעט... אַנ'אָקס האָט געמרוטשעט... אַ קאַץ האָט געלעקט סמעטענע... אַ ציג האָט דאָס בערדעל געטרייסעלט און אַ יונג לאָשאַק'ל האָט דעם ווידעל פֿעררייסען...

ערגעץ וואו האָט זיך אַ הונד צעוואָיעט, אין אַ יאָמערדיגען כליפּען צוגעאָסען: האַו, האַו, האַו!...

די שטאַהל האָט זיך גערידהרט... די בולאַנעס ביי די „קליאַטשעס“, די מגושמ'דיגע שפּאַן-אָקסען, די ביקלעך און קעלבער, קעלביגע און אָבגעקעלבטע בהמות — אַלע האָבען זיך אויפגעוואַכט. — טפּרדרדו! דער טאָג איז דאָ!

קאָברין־ליבין.

(אַמעריקאַניש).

וועל, די הוילאַ טשימניס פון די פעקטאָריס, הימעל־קראַצערס און טענעמענט־הייזער סמוקען מיט זייערע פייפען און הילען די סטריטען אין אַ נעבעלדיגען אָווערקאָוט.

דער עלעוועטעד רוישט אין דער לופט, לויפט, איילט און פליהט האַררי־אָפ פערביי די ווינדאָוס פון שאַפּס, סטאָרס און פעקטאָריס, ווי טשילדרען־פענטס־אַפּערייטאָרס באט'ן־האל־מייקערס אַרבייטען אווערטיים.

אַ שטיקעל לבנה, ווי אַ צובראָכענער זילבערנער דאָלאַר בעלייכט די רופסט, קוילטס, פיללאָוס אויף די פייער־עסקייפס, בעזילבערט דעם סיידאָוואָק און מיסט־באַרעלס דאון־סטרעז. שפּילעט אויף די סטענדס, פושקאַרטס און פעדלערס, וואָס שטעהען און מאַכען אַ לעבען.

באָט גיך פערשווינדט דאָס שטיקעל לבנה הינטער אַ קאַרנער פון פייק סטריט, ווי זי וואָלט מיט אונז אַ טריק געשפּילט. אַלבעשטע זי מיינט, מיר זענען גרינע, און זי מאַכט מיט אונז מאַנקי ביזנעס. אַ בלאָף — און דאָטס־אל!...

נעווער מאָנד, מיר האָבען געז־לייטס אָל־רייט...

מנחם — זילבורג.

(מאָדערניסטיש).

געווען איז עס אַ שבת׳ע׳נאַכט, וואָס פאַלט אויס פונקט נאָך דינסטאָג.

דער שבת׳ע׳נאַכט איז איינגעהילט אין דינסטאָג, דער דינ־סטאָג אין שבת׳ע׳נאַכט און ביידע שווייגען... און אין דאָס שווייגענדיגע שטילקייט פיהלט זיך דער געמאַרענירטער בין-השמשות...

און דער פאַקענטרעגער קוקט צום בין-השמשות און דער בין-השמשות קוקט צום פאַקענטרעגער און ביידע שמעקען מיט מדבר-ריח.

אַלע פאַקענטרעגער שמעקען מיט מדבר-ריח...

און דער ווינט דרודעלט, טאַפּט מיט זיינע ווינטיגע הענט די ריח׳דיגע בוימער, העצקעט זיי, ווי ער וואָלט וועלען פון זיי בלעכענע גאָמעלקעס מאַכען.

עס איז שטיל און דאָך איז עס נישט שטיל. די שטילקייט רעדט און דאָך שווייגט זי, עס שווייגט, און דאָך הערט זיך ווי— אַ גלידשוועסטערקינד וואָלט שאַטקעווען קרויט.

אַלע גלידשוועסטערקינדער האָבען ליב צו שאַטקעווען קרויט.

און דו זעהסט די טונקעלקייט אין דער פוסטקייט און די פוסטקייט אין אַ מלבוש פון ווערטער און משוגעת.

◎

משאָ־טעאַטער.

נאָך ביאַליק.

און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
שמיעד-אויס אַ האַרץ פון האָלץ און היי,
פיל-אָן דיין קאָפּ מיט מאָך און שטרוי,—
אין יודישען טעאַטער געה...
און זעץ זיך ברייט אַוועקעט דאָרט,
און דוקא אויף אַ פרעמדען אָרט...
און טאָמער זאָגט מען דיר אַ וואָרט:
דו האָסט פערנומען יענעמס פלאַץ,
טאָ הער איהם דאָרטען ווי די קאַץ...
און טאָמער ט'יענער זיך באַוועהרען
און זיך נישט לאָזען, וועלען שטערען,
טאָ האָב קיין מורא, ס'וועט נישט שאַטען;
דו מאַך איהם הויך: „אין טאַטענס טאַטען"—
אַזוי, אַז אַלע זאָלען הערען,
און זאָג: „איך האָב דיך אין דער ערד!"
און בלייב זיך זיצען אונגעשטערט.

איך האָב געפּאָלגט און בין געגאַנגען.
מיין וועג איז פול געווען מיט קופּעס
פון שאָלעכץ, מיסט און ניס-סקאָרלופּעס...
איך האָב פערנומען ווילדע קלאַנגען:
מילאָטע!... הוי... שוין צייט!... באַדאַנע!...
אַ קרענק דיר!... בראַוואָ! בים!... קורוואַסע!...
וואר ביסטוּ!... שאַ!... אוי, שלעפּעטראַנע!...
מיין פוס!... אוי, שטילער!... משה-יאָשע!...

איך האָב געשפּרייזט ווי אין אַ שלאַכט,
מיין רוקען פאַר אַ ציל געמאַכט
פאַר סעמעטשקעס, טאַראַן און ניס
און ביינדלעך פון געהאַקטע פיש,
וואָס האָבען באָמבאַרדירט זורום
און מיך געמאַכט שיער פאַר אַ מום...

און לאַנג בין איך אַרומגעקראָכן,
און האָב געטון מיט גבורה שטרייטען,
און מיינע עלענבויגענס-קנאָכען
געלאָזען פריי אין פרעמדע זייטען.—
איך האָב מיין פלאַץ שוין אין דער האַנד!
נאָר מיך בעגעגענט האָט אַ וואַנד!
אוי וועה! אַ וואַנד פון לענד און רוקען,
פון פלייצעס, הינט און אַחורים
פערשטעלט האָט מיר צו זעהן און קוקען
און פינסטער ז׳מיר ווי אין מצרים...
איך האָב געבעטען זיך מיט האַרץ:
אוי, זעצט זיך, גוואַלד, איהר מאַכט מיר שוואַרץ,
עס שטעהט פאַר מיר אַ שוואַרצע נאַכט.
נאָר מיך בעגעגענט שפּאָט און שאַנד;
מיין תפילה האָט געהערט „די וואַנד"
און מיין געבעט איז אויסגעלאַכט...

שאַ וויסט, איהר אומגליקליכע, ווייסט,
איהר ווילט נישט פאָלגען, וואָס מען הייסט,
און ווילט נור אין צו־להכעיס געהן, —
טאָ ווייסט, דער סוף וועט זיין נישט שעהן!
איך בין קיין לעקיש נישט, געוויס!
איך בין געבענשט פון גאָט מיט פיס.
ווען איהר וועט זיצען, וועל איך שטעהן!
ווען איהר וועט שטעהן, בין איך נאָך העכער!
און זענט איהר הויך, בין איך נאָך פרעכער!
און קריך אַרויף מיר אויפ'ן באַנק,
און ציה זיך, אויס, ווי איך בין לאַנג,
מיט הענד און פיס, מיט האַק און פאַק, —
איך מוז דאָך הערען דאָס געזאַנג,
און מוז דאָך זעהען דעם „ספּעקטאַקל".

איך האָב געזעהן... אַ, גאָט אין הימעל!
פאַרוואָס האָסטו מיך נישט פערבלענדט?
פאַרוואָס האָסטו דעם קינסטלער־רומעל
נישט אָבגעהאַקט די פיס און הענד?
פאַרוואָס האָט דער אַנטרעפּענער
און דער אַקטיאָר און דער פּערפאַסער
אַ, נישט געטרונקען רויע וואַסער
אין דעם פאָריגעריגען יאָהר?
פאַרוואָס איז אָט די גאַנצע ביהנע,
אַ, נישט געוועזען אין מעסינע,
נישט גאַסטראָלירט צומאָל אין כינע,
ווען די טשומאַ געווען איז דאָרט?...

און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
דו מאַך אַ האַרץ און ווייטער שטעה,
און האָב געדולד, נישט הייך, נישט שריי,
און ווער אַנשטומט, פערליר קיין וואָרט,

און שווייג און זיי אַ שטומער עדות,
און זעה דעם טעמפּעל, קונסט-סאַראַי,
וואו דיינע ברידער, שוועסטער, זיידעס
און מענער, ווייבער, זיהן און טאַטעס
פערוויילען זיך מיטווילדע שמאַטעס,
מיט שמוץ און מיסט און חזיר'יי...
דו זעהסט, וואָס שימעל—גאַנצע תהומ'ען!
דו הערסט: אַ טערק זינגט הללויה'ס
און מיט הקפות געהען גוי'עס
און מאַכען גרויס אין מיסט מיין נאָמען...
אָט איז אַ „גוטער יוד", וואָס שמד'ט זיך
אַ גראַף, אַ גענעראַל, וואָס קראַצט זיך,
אַ רב, וואָס שיסט פון אַ פּיסטאָל,
אַ טאַטער דאַוועגט מיט כּונה,
אַ ציג זינגט: אַתּה בחרתּנו,
און פּרייזט דאָס ליבע פאָלק ישראל...

קוק ווייטער, זעהסט דעם פּעקעל האָנצען,
כאָריסטען מיט די זשאַבע-שטימען,
מיט ווילדע קיקעמאָרע-גרימען,
וואָס קלעפּען אונטער אויג די וואָנצען...
מיט קלאָטשע פּאות, בערד, וואָס שטעקען
ווי אויסגעקראָכען קליאַטשע-עקען...
און פּרימאַדאָנעס ערשט פון קיך,
און טראַגיקער, וואָס געהען שיך
און זינגען נבול-פּה-קופּליעטען
מיט טענץ און קונץ-שטיק אומגעלומפּערט.
דו זעהסט, אָט דאָרט ביי אַ סוברעטין
אַ ברעג פון מייטקע איז פערכליומפּערט,
אַ הויז ביים „סטאַר" איז נישט פעררוכט...
צו וואָס פערשטעלסטו דיין געזיכט?

וואָס איז, בן-אָדם? טוסט זיך שעמען?
די שאַנד איז גרויס? עס טוט דיר קלעמען?
אָ, קוק, נישט לאָז אַראָב די ברעמען.
און קוק, אַהינצו, צום גאַליאָרקע,
דאָרט זיצט אַ טודרוס, שמערקע, שרקה,
טאָ וואָס-זשע איז מיט זיי דער יחוס?
אָ קוק: זיי שפייען אויף די פּליכעס
און העלפען שרייען, זינגען, בלאָזען,
און מאַכען ווילדע שטיק און תּנועות;
און מיט דעם בייזען טראַגיק לאָזען
זיי זיך אַריין גאָר אין אַ שמועס!
אָ, וועה צו זיי, די בעלי-עגלות,
זיי האָבען זיך צוביטען ראָליעס!...

און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
דו געה אין מאַרק און קויף אַב'איי,
און זעה די איי זאָל זיין נישט פריש,
און שמייס איהר אויף דער ביהנע, שיס,
און גיב אַ פייף און זאָג דערביי
שטאַרק הויך, אַז אַלע זאָלען הערען:
—אַזוי זאָלסטו צובראָכען ווערען!...

שניאור.

מעשי בראשית.

צילן נאַכט פּלענטשען זיך מיר
מעשיות, חלומות און נעבֿטיגע טעג —
זאָל עס פֿאַלען אויף פּוסטע
פֿעלדער און וויסטע וועלדער...

גאָט, שאַפֿונגס-געדאַנק און אַ בייזע ווערטשערט.

א.

אין אָנפֿאַנג האָט גאָט ניט געוואוסט, ווער עס האָט איהם פֿערשלייערט.

אַ גרויסער כאַאָס האָט געהערשט, אַ מיש-מאַש, אַ משוגע-דיגער קאָפּעדעראַציע, אָהן פֿאַרב, אָהן צייט, אָהן אַ גרעניץ, אָהן אַ ציל, אָהן געדאַנק, אָהן לייב און לעבען, כּדומה, ווי אַ מעשה-בראשית-פּאָעמע.

דאָס איז געווען ניט קיין פֿינסטערניש, וואָרום פֿינסטער איז ניט ליכטיג, עס איז געווען ניט קאַלט, ווייל קאַלט איז ניט וואַרעם און וואַרעם איז ניט קאַלט. משמעות עס איז געווען אַזוי — לעבּליך; עס איז געווען ניט קלאָר, ווייל קלאָר איז ניט משוגע און משוגע איז ניט קלאָר און קלאָר איז ניט שוואַרץ און שוואַרץ איז אַ שוואַרץ-מאַה'ניק און אַ שוואַרץ-מאַה'ניק איז שכּור און שכּור איז ניט ניכטער...

הכלל, עס איז געווען — זאָל איך אַזוי וויסען פון בייז, אויב איך ווייס וואָס עס איז געווען.

ב.

און גאָט האָט געשלאָפען.

ניין, ניט געשלאָפען האָט ער! אז מען שלאָפט, שנאָרכט מען, און גאָט האָט נישט געשנאָרכט.

טאָ וואָס-זשע פאָרט האָט גאָט געטון? — געאָרנישט.

און אַז עס איז ניטאָ וואָס צו טון, שרייבט מען פּאָעמעס און באָבע-מעשיות פון ששת ימי בראשית אָן...

ג.

און עס האָט זיך געשאַפט אַ שאַפעכץ.

אומגעלומפּערטע ברעקלעך, שפּיקלעך, פיצלעך משוגעת'ן און ווערטער האָבען זיך געטראָגען, געשוואומען, געפלויגען העגדום-פּעגדום —

— צו וואָ-אָס?! — האָבען די כאָאָסען געהאָלדיערט.

— מען פרעגט צו ווען?! — האָבען די אייביגקייטען געפּירכעט.

— האָפּ-טשיק-טשאַק! — האָט דער שאַפונגס-געדאַנק געהירושעט.

נאָר קיין בעדייטונג האָט קיינער ניט געוואוסט; אַפילו גאָט אַליין, וואָס קיין סוד איז איהם ניט צו שווער, האָט אויך ניט געוואוסט, וואָס אַזוינס איז בעהאַלטען אין דעם מוטנעם פערוואָלקענטנעם „האָפּ-משיק-טשאַק" אַפילו שלמה המלך, וואָס האָט געוואוסט, וואָס אַלע חיות, עופות, שרצים און דעקאַדענטען רעדען, — האָט אויך ניט פערשטאַנען מאי דקאמרי רבעצין.

ד.

און דער שאַפונגס-געדאַנק איז געלאָפען, געלאָפען איבער וויסטע פעלדער און פוסטע וועלדער, דאָרט וואו עס ענדיגען זיך אַלע ציפערען, לאָגיק, צייט, אָרט און שכל הישר...

— לאָם — שטאַ — די — ריי לאָם! — האָבען די כאַאָס-אָבגרונדען געבורטשעט ווי פון בויך אַרויס.

— קודער — מודער — פודער! — האָבען געפאָנפעט די פערבאָרגענע תהומ׳ען.

— קאַזאַ — טשינאַ — באָם! — האָבען מיליאַרדען וועלטען אָבגעקלונגען.

— דזוואַי פאַראָם! — האָט גאָט כביכל אַליין געמאַכט „אַ ויצעקו“.

ה.

און די שאַפונגס-פאַנטאַזיע איז געלאָפען. ווי אַ סקאָראָכאָד איז זי געלאָפען, ווי אַ פאָזשאַרניק אויף אַ שרפה, ווי אַ גאָראָדאָוואָי נאָך אַ גנב. און אייביגקייטען האָבען איהר ביי די פּאָלעס געכאַפט, און פוסטקייטען האָבען איהר זאַלץ אויפ׳ן עק געשאָטען, און זי איז אַלץ געלאָפען, געמאַכט קאָזעלקעס און געהירזשעט:

— איך בין!...

— דו ביזט! — האָבען וועלטען אונטערגעכאַפט.

— וואָס בין איך?

— אַ גרויסער! — האָט דער מיש-מאַש געהילכט.

— אָ, יע, איך בין גרויס, אַלמעכטיג און לשער! פון כאַאָסען מאַך איך פּאָטראַוועס; מיט גאָט בין איך אַ פּאַני-בראַט! מיט אייביגקייטען בין איך חבר-לאַפּ! איך שאַף, און טו, און מאַך, און לויף גאַלאָפּ, און קלאַפּ, און פייף. עס גערהט אַ גאַנג —

און רוף מיך קנאַק-ניסעל!

אידיליע.

(פון א הײנטמאָדישער יודישער טאָכטער.)

פריי נאָך דוד אײנהאָרן.

איך וויל, אַז מיין ליבע זאָל ווערען געשלאָסען
אויף איינעם פון יענע בעלעבטע בולוואַרען,
דאָרט, וואו אָפיצערען, סטודענטען, גוסאַרען
מיט דאַמען און פרייליינס געאַרעמט שפּאַצירען...
און זאָלען די חבר'טעס מיינע קרעפּירען,
און זאָלען זיי הערען, פערנעהמען די קלאַנגען
פון קושען, וואָס ועלען צום הימעל דערלאַנגען;
און זאָלען זיי ווערען צופוכניעט, צוקרענקטע,
און קוקען צו יענעם מיט אויגען פערבענקטע,
צו דעם, ווער סט'מיר שענקען זיין ליבע.

און ווען איך וועל געהן מיט מיין ליבסטען שפּאַצירען,
זאָל אונז נישט בעגלייטען דער מאַמעס אַ שומר, —
נאָר שטיל, אין פערבאָרגענע שאָטענס פון בוימער,
וואו שווערען אין ליבע אייביגע וועט ער,
זאָל ער מיר דאַן קיכלען מיט „טיד", „גאַלאַפּעטער",
און שעפּטשען מיר מעשה'לעך אינטערעסאַנטע
פון „פּאַרס" און „שאַנטאַן", אַנעקדאָטען פּיקאַנטע,
וואָס זאָל אין אַ חלום אַ זיסען פערוויגען,
פון אַ „פרייע" און גליקליכע ליבע...

און זאָל זיין מיין ליבסטער אַנ׳עכטער ברונעטל,
מיט וואָנסען געדרעטעלטע אַ-לאַ קאָרנעט׳ל;
אין הויזען אין בלויע, ווי אין פריהלינג דער הימעל,
און קנעפלעך, אוי קנעפלעך, וואָס בלאַנקען ווי זונען;
וואָס זינגט נאָר ראָמאַנסען פון ליבע געשפונען,
און רעדט נאָר פון צירק, אילוזיאָן און טעאַטער,
פון סאַנין, פּאָרעל, פּאָמפּאַדור, פּאַדיקאַטער
און שיט סערפענטין, קאָנפעטי און „לעטוטשקעס",
וואָס פאַלען, וואָס פאַלען פון ליבע.

און זיין, וויל איך, זאָל ער אַ זוהן, נאָר פון יענע,
וואָס לאָזען קיין יוד אויפ׳ן שוועל נישט חלילה,
וואָס זענען בעפריינדט נאָר מיט נאָבעלע, בראַווע;
די שרייבער פון פאָסט און מעשטשאַנסקע אופּראַווע,
און גריסען זיך מיט׳ן אַקציזניק אפילו.
און האָבען אַ מאַמע זאָל ער אַ גראַנד-דאַמע,
מיט ליפען, וואָס שעפּטשען פון מאָדע און דראַמע,
און הענד, וועלכע האלטען אין צערטלען און גלעטען
אַ קאַץ אויפ׳ן שויס אַ מאָכנאַטע, מורזאַטע,
מיט הייליגער, הייליגער ליבע.

און דאָרט אין אַ זאַל פון וואָיענע סאָבראַניע
זאָל זיין מיט פּאַראַד און מיט שיק די „רענטשאַניע",
מיט הערן אין פראַקען, מונדירען און ליענטעס,
און דאַמען אין „טאָק", „שאַנטעקליער" און אין „פּענטעס",
עס זאָל אונז פּאָזדראַווען אַנטאָן שכור׳יילאָ,
גאַברילאָ דער פעלדשער, איוואַן וויפּיווילאָ.
און מוטיג געאָרעמט זאָל איך מיט מיין ליבסטען
פאַר געסט זיי עמפּפאַנגען, כל-זמן עס וועט ברענען
צום טרונק זייער הייליגע ליבע.

אנכי.

רב אבא.

האַ?.. וואָס זאָגסטו?.. וואָס?.. מנאַ!.. עט.. בע... מע... איך רעד פֿון אַמאָל... פֿון אַמאָל רעד איך... פֿון אַמאָליגע יאהרען.. ניטאָ אַמאָליגע יאָהרען... שייך... מ׳ממע—ע... ב׳בב—ע... אוי, אוי, אוי... הו!..

איך רעד בכלל... בכלל— גאָרנישט... אָבער לגמרי גאָרנישט... וואָרום וואָס!.. וואָס!.. האַ?.. וואָס זאָגסטו?.. פֿרעגסט עפּעס?.. עפּעס?.. האַ?.. צו וואָס זאָג איך צוויי מאָל אַ וואָרט?.. דריי מאָל אַ וואָרט?.. פֿיר מאָל אַ וואָרט?.. פֿינף מאָל אַ וואָרט?.. צעהן מאָל אַ וואָרט?.. פֿון אַ וואָרט אַ קוואָרט?.. כ׳ווייס?.. אַ דאגה האָסטו. מ׳ממע... בע... הו...

אַמאָל... אַמאָל... הו—הו—האַ... איך געדענק.. וואָס זאָל איך דיר זאָגען?.. עס געדענקט זיך... עס געדענקט זיך... נאַרישקייטען געדענקען זיך... האַ?.. וואָס זאָגסטו?.. ניט כדאַי?.. ניט כדאַי צו בעשרייבען, זאָגסטו?.. המם... בע... מע... עך—כע—כע... וואָרום וואָס?.. הו...

אַט אַזוי איז אַלץ אַנדערש אַמאָל געווען... עך—כע—כע...

אמאָל... אמאָל... אַנדערש... נאָר אַנדערש... אַמאָליגע יורען... אַמאָליגע שרייבער... געהאַט וואָס צו זאָגען... אָנגעפילט אַ ביכעל... אַ גאַנצעס ביכעל... פון טאָוועל ביז טאָוועל... אויף די טאָוולען געשריבען... ווער געדענקט ניט זייער: „לבלי להשאיר את דביר חלק... פש-פש-פש... און דוקא „אָהן"... אַלץ איז ביי זיי אָהן... אָהן... פינטעלעך... אָהן פּאַסקעס... וואָרום וואָס?..

און איצט?.. עך-כע-כע... איך זאָג אייך — שווער... דורכויס ברעקלעך... שטיקלעך, פיצלעך... סקיצלעך... עס ווילט זיך אַ גרויסעס... אַ דיקעס... בוך אָנשרייבען... עס בייסט זיך, עס קיצעלט... אוי-אוי-אוי!.. הו—האַ!..

קלער איך... אַ מענש איז דאָך אַ מענש—קלערט ער...קלערט ער... דערקלערט ער... אַנ'עצה... אַ סגולה: לאָזט ער איבער לעדיגע בלעטלעך... בלעטלעך פון פאָרענט... בלעטלעך פון הינטען... בלעטלעך אין מיטען... פוסט און וויסט... מאַכט קראַסקאָ אַ צאַצקע... אַ צאַצקע פון פאָרענט... אַ צאַצקע פון הינטען... אַ צאַצקע... צַג'המצאָה!.. אוי-אוי-אוי...

דער נסתר.

„קוקעריקו...“

געווען איז עס היינט אָדער נעכטען אָדער אייערנעכטען אָדער אייער־אייער־נעכטען אָדער אין אַ טאָג, וואָס איז ניט היינט און ניט נעכטען און ניט אייערנעכטען און ניט אייער־אייערנעכטען, האָט ווייט הינטער די האָריזאָנטען, וואו עס שפּראָצט מיט פלוידעריי און זויער־מילך, מזרח־חופּה און פּאָדעשווע־טשוועקלעך, זונען־שפּראָץ און טוואָרעק־קעז, הימעל־בלוי און תּרגום־לשון — דאָרטען האָט ער זיך געוויזען און ווידער אַמאָל זיך געוויזען — דער האָהן!...

דער האָהן האָט זיך געוויזען.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווי אַ הייליגער זקן־דראָנג, איז ער אויפגעגאַנגען, לעכצענד־בלאָה געטובל'ט, גרין און רויט פונאַנדערגעכאַנדריטשעט, — האָט ער געקוקט אַהין — צום לאָמפּ!

הויך און העכער האָט ער געקוקט, ווייט און ווייטער האָט ער געקוקט, טיף און טיפער האָט ער געקוקט. ענדליך האָט ער אַ לאַנגען אויסגעצויגענעם קרעה געטון:

— קו־קע־רי־קו! !...

און ניט קיין קוקעריקו איז עס געווען, נאָר אַ הייליגעס תּפילה־ליעד!

מיין גאָט! און איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז אַ פּשוט'ע קוקעריקו!

וועה מיר! וועה מיר! איך האָב מיין וועלט פערשפּילט!...

און אַ ליד ווערט פון דעם „קוקעריקו!" בעשאַפען. פון תהו-ובהו קומט דאָס ליד, פון פינגער-זויג און טראָפּען-שווייס וועבט זיך דאָס ליד, פון פראַצע און קעסעל-פּויק ערהויבט זיך דאָס ליד: הילך, פּראַל, פּראַטש, אוי, ווידער-קול! הילך, פּראַל פּראַטש אוי, ווידער-קול!

הימעל און ערד און סטרוטשע-באָב!...

— — — — — — — — — — — — — — — —

און די תפילה ציהט און בעט זיך פאַר גאָט. אין ווייטקייט בעט זי זיך מיט רחמים-קלאַנג און צעפּציכע בעט עס זיך, מיט פּאָווידלע און בעט-געוואַנט בעט עס זיך:

גוואַלד, הער אויף!

דער געדרודעלטער קויש.

פון אַ שאַלקהאַפטיגען מאַנכפאַרשוין.

אַ שטיקעל ראָמאַן אין ר׳ מרדכי׳לעס איבערזעצונג.

די סוסים האָבען צרויסגעלאָזען אַ בגלופנדיגען הירזשען,
אַ מין געדריידעלטער תקועה-גדולה מיט אַ מרחה-טפחה צוזאַמען,
פערשנאָשקעט מיט אַ שלשלת און געבליבען שטעהן ביי דער
אכסניה אָץ-קוצץ.

באַלד איז פון קאָליאַס-וואָגען אַרויסגעגאַנגען אַ יונגער
זכר, אַ שׂררה, אַ גרויסער לייט פון דער עסטרייכישער פּשׁ־פּשׁ־
פּשׁ, אודאי אַ יענעראַל, אַ גראַף אָדער אַ פעלדשער.

ער גיט איבער דעם משרת זיינע זאַכענישען און נעמט
מיט שטרויכלענדען אימפּעט אַרומשלענדרעווען איבער די רחבות׳-
דיגע חדרים פון אָץ-קוצץ אכסניה, צו פאַנגען אַ רויב אין אַ
פרויען-געשטאַלט. ער שלענדרעוועט, שלענדרעוועט און אויף צו-
פּיקעניש געפינט ער נישט זיינע מענערישע „חפציות”...

דאַן ווערט ער גערייצט פון אָנגעדראָלענע רוגזה, קגורט-
וואָכטשעט, לויערט לעפּיש-נאַריש אַרום און אַרום און הינדערט
מיט אַ הינדערנישו זיינע קנאָכען טראָמפּלען, זיינע לעפּצען שמו-
צערען און זיינע נאָזלעכער פּאָכען מיט גרויס גרימצאָרן, ווי אַ

קליאַטשע פון זלידנע פליגען געביסען.

ער קומט אַריין אין אַ אכל-צימער און פאַר זיינע קוקערס ענטפלעקען זיך צוויי פאַרשוינען: אַ נקבה-געשטאַלט און אַ יאַטל, אַ בן-זכר. ביידע בעשיינפערלאַך עלעגאַנט, היבש קערענדיג און דיק און אָפּענבאַר תאווה׳דיג. איהרע שענע מלבושים אויף די לענדען זענען פול מיט וואָילגלוסטיגקייט און אינוועניגסטע אייטעלקייט; איהר שלום-ושלוה-קוק אין די בליצעלדיגע אויגען, וואָס לוגען אַראָב ווי פון אַ האָכבעריגען באַרג,—האָבען אונזער מאַנספאַרשוין געפּלעפּט מיט אַ געפּלעפּטע דבקות און מיט לייטזעליגע לייטזעליגקייט.

—אַך, ווען זי זאָל נישט געווען זיין אַזוי אגב-אורחה׳דיג, האַרטנעקיג און סטרעקאַטע!—האָט ער געשטאָלפּערט אין זיינע געדערים, פערוואָרפען דעם קאָפּ באַלכסן, ווי אַ פּיפּערנאָטער און זיין איינגעווייד האָט געשטרודעלט, געבורטשעט מיט אַזאַ ירגזון, ווי מען וואָלט דאָרט קליפּערן מיט קלאָפּערגעציי.

לירִיק.

(נאָך מאָריס ראָזענפעלד און מאָריס ווינטשעווסקי)

דער בלייכער אָפּרייטער אין שאַפּ נאָר ער זיצט
און נייט אויף דער זינגער-מאַשינע און שוויצט.
און וואָס ער פערדינט—איז ח"י פייף סערעבראָם:
אַ זיבען דאָלאַרעס מיט סענטעס אַ וואָך...
היינט געה ווייס אַ פריהער, צי צאָהלען אין קראַנק,
צי צאָהלען דערפון פאַר אַ דירה—אַ לאָן.

איצט רעכענט-זשע ווייטער: בעהייצונג און גאַז—
געשוואָלען זאָל ווערען דער באָס, ווי אַ פאַס.
אַוועק זאָל דער לומפּיגער געלד-זאַק מיט רויך!
ווי ער טוט דאָס דעם אַרבייטער שטענדיג אין בייך:
עס זאָל זיך אַ מכה איהם זעצען אין בויך,
אוי, רייסען זאָל ער זיך, הלואי, אויף די צייהן!

היינט שיך אין צוריסענע קאָן מען דען געהן?
אַ קוואָרטער*) אַ לאַסקע! נו, זאָגט-זשע פליין.

---

*) 25 סענט.

אַ יקרות!—כאָטש דינג זיך אַ טאָג מיט אַ נאַכט.
אַ ניקעל*) אַ הערינג און דאָס אויך נישט פריש;
און ברויט אַלט-געבאַקען, וואָס ליגט אַ טאָג אַכט,
און ווער רעדט נאָך פוטער אַ שטיקעל—פּש, פּש!...

אַ לעבען אויף טראַסצעס! קיין סענט נישט אין טייסטער;
אַ חדוש! אַז בעריל פאַרכוטש איז דיין מייסטער!
בעריל פאַרכוטש! ווי ער קייט דאָס אַריין!
און דו דאַרפסט נאָר גריזשען פון אַ הערינג אַ צ'עק;
ער עסט זיך פּיראָזשנעס, פערטרינקט זיך מיט ווייך
און דיר בלייבט נאָר איבער אַ לעק און אַ שמעק.

דאַרום אָ, דו אַרבייטער, זיי נישט קיין פּעטאַך!
נישט ליג ווי אַ וואָרעם בעגראָבען אין רעטאַך!
ערוואַך פון דיין דרימעל און זיי נישט קיין באָק!
און לאָז זיך נישט פיהרען אין בעדיל אַריין!
דו הער זיי, די קאַפּיטאַליסטען, אין טראָק—
אַ סוף צו דער קנעכטשאַפט! אַ סוף זאָל עס זיין!!!

*) 5 [illegible]

דראַמען.

פּרץ הירשבײן.

אײנזאַמע װערטער.

פֿון דעם ציקעל סימבאָליש-אימפּרעסיאָניש-בודנע-אַרבעט-צונג

הײנטיגע פּיעסען.

פּערזאָנען:

יאָשע (געהט אויף אײן פֿוס).
מאָשע (פּײפֿט מיט די נאָז).
נאָשע (שפּײט אין סטעליע).
שאָשע (קריכט אויף די גלײכע װענט).
דװאָש (כאַפּט פֿליגען).,

די ביהנע שטעלט פֿאָר: אַנ'אײנזאַם הײזעריג הײזעל, אַ טונקעל-גראָהען באַק-אויװען; אַ טרויטענד-דופֿטיגע דיװשען; אַ געהײמניספֿולען לאָקשען-ברעט און אַ פֿערגליװערט בענקענדען ריב-אײזען. די אַלע זאַכען װעט מען ערשט מאָרגען קויפֿען).

ערשטעס בילד.

ס אָ ש ע (פערצווייפעלט): און די אַרבעל זענען צוריסען; פון די עלעבויגענס הענגען שטיקער. און עסען ווילט זיך.

י אָ ש ע: און א זשילעטקע דאַרף איך, מיט ברוסטינענע קנעפלעך, מיט אַ ספראָנזשקע פון הינטען...

נ אָ ש ע: און איך האָב אַזוי האָלט ליגזען...

(דריקענדע שטילקייט).

מ אָ ש ע: (פערטראַכט) טיק-טאַק, טיק-טאַק... איינס, צוויי דריי... איינס, צוויי, דריי, פינטעלאַך, פאַסקעלאַך... פינטע-לאַך, פאַסקעלאַך... איהר, מיינט עס איז אַזוי זיך סתם? ניין, איהר האָט אַ טעות... דאָס ועט זיין אַ דראַמע..

י אָ ש ע: הייי...

מ אָ ש ע: שטרוי...

נ אָ ש ע: מעקענע...

ס אָ ש ע: האָסט אַ באָזטיכעל? — וויש אָפּ די נאָז.

ד וו אָ ש ע: גוט-שבת, געלע! רעטאַך טראָג א ך!..

נ אָ ש ע: און איך האָב האָלט ליגזען...

(עס פיהלט זיך אַריח פון געקאָכטע ליגזען. פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם).

צווייטעס בילד.

י אָ ש ע: (שנייצט די נאָז) איך ווייס ... אַוודאי... אין גאַליציען טראָגען יודען לאַנגע בערד; אין אַמעריקע געהט מען גאַר אָהן וואָנסען; אין רוסלאַנד טריגקט מען וויסאָצקיס טיי...

מ אָ ש ע: גראַם, שטראַם, מאַך מיר אַ לעטניק...

נ אָ ש ע: אַ פאַטש אין גוט-שבת!

ס אָ ש ע: הו-הו-הו... הו-הו-הו...

ד וו אָ ש ע: און איך האָב האָלט ליגזען... — —

(לאַנגע שווערע פויזע).

מ אָ ש ע: טיק-טאַק! — טיק-טאַק... טיק-טאַק.. איינס, צוויי. דריי... איינס, צוויי, דריי... איך שרייב דראַמעס, מיינע טעמעס האָבן אַ זעלטענע מעלה. אַ זעלטענע מעלה...

נ אָ ש ע: דהיינו?

מ אָ ש ע: מען קען זיי לייענען (מיט אַ געניץ).

ס אָ ש ע: פון אויבן אַראָפּ.

ד וו אָ ש ע: פון אונטן אַרויף.

י אָ ש ע: פון רעכטס אויף לינקס.

ס אָ ש ע: פון לינקס אויף רעכטס (לאַנגווייליג).

י אָ ש ע: דערזעלבער זין.

נ אָ ש ע: דערזעלבער קלאַנג.

נ אָ ש ע: דיזעלבע לייריק.

ד וו אָ ש ע און געדאַנק...

(לאַנגווייליג. עס ווילט זיך שלאָפן, פאַרהאַנג).

א. ווײַטער.

איפ'ן פייער.

סימוואָליזעלע אין 3 שטיקלעך.

פערזאָנען:

דער דיכטער.
העניאָך דער שוסטער.

ערשטער שטיקעל.

ד ע ר ד י כ ט ע ר (פערלאַנדריטשעט): אַ זאַפּטער געדאַנק קאַראַטשקעט זיך ערגעץ... אַ פערבלאָנדזשעטעס בורטשען... אַ פער'חלומ'טעס פירכען... ער קומט... ער געהט...

ה ע נ אַ ך ד ע ר ש ו ס ט ע ר: גוט ג'אָוועגד!

ד ע ר ד י כ ט ע ר: אין דעמערונג שלייכט ער... לעבער־גרוי ערשייגט ער...

ה ע נ אַ ך: גוט ג'אָוועגד!

ד ע ר ד י כ ט ע ר: ווי אַ וואַסערמויד גערישען אויף אַ קוטשערע שוועבט ער...

ה ע נ אַ ך: גוט ג'אָוועגד...

ד ע ר ד י כ ט ע ר: איז עס אַ וואַנדער־גייסט, געשפּענס־טער, אָדער חנה־סאָשע די בייגעל־בעקערין?

ה ע נ אַ ך: דאָס בין איך! איך, העניאָך!

ד ע ר ד י כ ט ע ר: וועלכער העניאָך!

ה ע נ אַ ך: העניאַך דער שוסטער!

צווייטער שטיקעל.

ד ע ר ד י כ ט ע ר: איך טרינק דעם גלאַנץ פון דיין פער־רויכערטען דאַשעק! איך זעה דיין געלע הערבסט־שטים!... אָ, העניאַך!

ה ע נ אַ ך: איך טראָג צַייערע שטיוועל.

ד ע ר ד י כ ט ע ר: דיינע תחתונים מיט בלאַסע לבנה־לאַטעס געשטריקט, בלאַנקען גרוי־וואָלקענדיג, אָ, העניאַך!

ה ע נ אַ ך: איך האָב אייך געבראַכט אַייערע שטיוועל!

ד ע ר ד י כ ט ע ר: אָ, מיינע שטיוועל! מיינע מעלאַנכאָ־לישע שטיוועל, וואָס האָבען מיט איינִיגע שטונדען צוריק אויפ־געעפענט ווי צאַרטע בלומען אין פריהלינג זייערע מייליכליך און ענטפלעקט די טיפע סודות, וואָס די נאַטור האָט דאָרט פערבאָרגען: פינגער און היגעראויגען!

דריטער שטיקעל.

ד ע ר ד י כ ט ע ר (מיט שטיוועל־פאַטאָס רעדט ער ווי פון היץ): צווישען שטראַהלען־געוועב און נאַכט־פעדעם זעה איך מיינע פערריכטע שטיוועל.

ה ע נ אַ ך: אַלץ הייסט שטיוועל?

ד ע ר ד י כ ט ע ר: ווי בלומען־שטויב לייכטען די פאָדעש־ווע־טשוועקעלעך. אָ, העניאַך!

ה ע נ אַ ך: שוין איינמאָל טשוועקעלעך!

ד ע ר ד י כ ט ע ר: ווי אונשולדיגע חלומות פון בופלאַקס־אָקסען גלאַנצען די פאָדעשוועס, אָ, העניאַך!

ה ע נ אַ ך: שוין איינמאָל פאָדעשוועס.

ד ע ר ד י כ ט ע ר: וואָס פאַר אַ הימלישען גליק זאָל איך דיר שענקען? אָ, העניאַך!

ה ע נ אַ ך: מיר קומט צוויי גילדען מיט אַ צעהנער!

דער דיכטער: נישט קיין גילדענס און נישט קיין צעהנערס וועל איך דיר געבען, נאָר שטימונגען... שטיקלעך וואָלקען וועל איך דיר צעהלען... מיט דעמערונג וועל איך דיר בעצאָהלען!... שטראַהלען, חלומות... האַרף־קלאַפּעניש, נשמה־קוועטשעניש... ציהעניש, בענקעניש און ווינקעניש... אַ הענאַך!

העגאַך: מיר קומט צוויי גילדען מיט אַ צעהנער!

דער דיכטער: אוי ווער, וואו נעהמט מען עס?

(דער שוסטער כאַפּט די שטיוועל און פערשווינט אין דעמערונג.)

(פאָרהאַנג.)

סקאָרפּעטקעס.

אַ דראַמע אין לויטער שטימונגען

נאָך יצחק קאַצענעלסאָן.

פּערזאָנען:

ער.

זי.

אויף אַ פרעמד בעטיל אויף פיר סימבאָליש־דעקאַרענטישע פיסלעך ליגט ער און טרוימט אַ טרוימאַכץ, פּלוצלינג, ווי פון אַ כשוף־שפּרוך, ווי אַ גייסט אין אַ קאָלדרע, שפּילט זי ארויס. צווישען די פערשמאַכטע פינגער האַלט זי אַ נאָדעל־באַוועל, אַ קנעפּעל, און אַ קאַמזויל. דעמערונג. אין פענסטער קוקט אַריין אַ פירקאַנטיגע לבנה.

זי: אָ, לאָז מיך, איך וועל אין דיין קאַמזויל אַ קנעפּעל איינגעהען...

ער: נעה.

זי: אָ, אַ בלעכערנעם קנעפּעל...

ער: יאָ... אַ קנעפּעל... אַ בלעכערנעם קנעפּעל... קנעפּ־

פעל... טעפעל... קעפעל... קעפעל, טעפעל, קנעפעל. וער חור'ט עס אַזוי לאַנג, ביז עס קומט די געווינשטע שטימונג. פויזע. זי זעצט זיך בײַ דער זייט און קוקט אויף איהם מיט אַ קוועקזילבערנעם געלעכטערל).

ע ר: אָ, לאָז מיך, איך וועל דיין בערדעל צופּען.

ז י: אוי ווערה! איך האָב קיין בערדעל. איך בין אַ פרויענצימער!

ע ר: לאָז מיך מיינען, אַז דו האָסט אַ בערדעל.

ז י: וועלכע בערדעל?

ע ר: אַ גרינע, בלאָנדע, רויטע, ווייסע, געלבע, גרינע, ברוינע, בלויע בערדעל.

ז י: (ווי אַן עכאָ) אַ גרינע, בלאָנדע, רויטע, ווייסע, געלבע, גרינע, ברוינע, בלויהע בערדעל.

(לאַנגע פויזע, לקוי לבנה, שטאַרק פינסטער).

ע ר: שש... דו זעהסט?

ז י: איך זעה גאָרניש. ס'איז פינסטער.

ע ר: אַ דאגה האָסטו. מען דאַרף האָבען צום שטימונג.

ז י: כ'מיין, אַז מען דאַרף, זעה איך.

ע ר: וואָס זעהסטו?

ז י: וואָס דו ווילסט.

ע ר: אַ פירקאַנטיגען בייגעל?

ז י: אַ פירקאָנטיגען בייגעל.

ע ר: אַ בן פקועה?

ז י: אַ בן פקועה.

ע א: אַ בלאָווען פערד?

ז י: אַ בלאָווען פערד.

ע ר: לאַנגע פאַרפעל? קיילעכדיגע קרעפלאַך, רונדע לאָקשען?

ז י: (ווי אַן עכאָ) לאַנגע פאַר—פעל, קיילעכדיגע קרעפ—

ליד, רונדע לאָקשען...

(דריקענדע שטילקייט. זיי בעטראַכטען איינער דעם אַנדערען מיט געקרייזעלטע קלעמעניש)

ע ר: טס... דו הערסט?

ז י: איך הער גאָרנישט, ס'איז שטיל.

ע ר: נאַרעלע, מען דאַרף האָבען צום שטימונג.

ז י: כ'מיין, אַז מען דאַרף — הער איך.

ע ר: וואָס הערסטו?

ז י: זאָל מען דאָס הערען אויף טראָסצעס.

ע ר: כראַך!...

ז י: באָם!

ב יי ד ע: בים, באַם. ביה — הי— הי.—

(דאָ קומט די אמת'ע שטימונג און דער פאָרהאַנג פאַלט.)

דער כינעזישער באנדיכאו ציפּ־צע־

אָדער

רעקט פיט וואגעס: אבער די [illegible] שיטען שטעהן אין

דאס פינטעלע יוד.

א פאָלקס-שטיק אין פיר אַקטען און זיבען בילדער.

פּערזאָנען:

זרח דער מלמד, אַנ'אַלטער מאַן, אַמאָל געווען יונג

גנענדעל־יעליזאַבעטע, זיין ווייב, אַ פרויענצימער.

פרינץ פאָן פלאַסקעדרינע, זייער זוהן, געראַזירט, אַמאָל געהאַט אַ באָרד. טראָגט אַ שווערד מיט עפּאָליעטען.

תאַשע די יתומה, אַנ' אונטערגעוואָרפענע, האָדעוועט זיך ביי זי אין שטוב.

טודרס, אַ משרת ביי ר' זרח'ן.

ציפּ־צע־דריפּ, אַ כינעזישער באַנדיכאַן, טראָגט אַ קליידעל, אויפ'ן קאָפּ אַ צעפּעל.

ציפּע־טשו, זיין ווייב.

יאָשע־יודע, אַ פעלדשער אין אַ קליין שטעדטעל נישט ווייט פון ווארשא.

פאָלק, מחותנים, וואַלע־העלדען, חיל, אַ שמש, אַ מסדר־קדושין און אַ גראַמאָפאָן.

ערשטער אַקט.

די בינע שטעלט פֿאָר אַ פּאַלאַסט אויף דער שמאַטשאַ גאַס אין וואַרשע: די וואַנגנג פֿון זרח דעם מלמד. מראַמאָרנע קאָלאָנאַדעס, סטאַטועס, לדערנע ליוסטרעס, גאַרדינען און גירלאַנדאַען; אויפֿ'ן פּאָל טעפּיכע פֿון לייבען־ און טיגער־פֿעל ובכלל אַלע שענע דעקאָראַציעס, וואָס דאָס טעאַטער־פֿערמאָגט, שטעלט מען אַרויס אויף דער בינע. אַרום אַ טיש־ שעל, וואו עס ליגען אָנגעוואָרפֿען עטליכע צוריסענע סדורים און חומשים, זיצען: זרח, גנענדעל־יעליזאַבעטאַ, פּרינץ פֿון פֿלאַס־ קעדריגע, חאַשע די יתומה און טודרס. אַלע עסן וויעטשערע — געהאַקטע הערינג מיט איינגעמאַכץ. נאָך דער וועטשערע ווערט נאַכט. ווייט־ווייט אויף די פֿעלדער ערגעץ בליהט די קאַרטאָפֿעל.

פּרינץ פֿאָן פֿלאַקסעדריגע (אויפֿשטעהענדיג פֿון אָרט): פֿאַטער! טייערער פֿאַטער! יעצט, אָבעסענדיג וויעטשערע, קען איך זיך מעהר נישט איינהאַלטען... איך מוז דיר זאָגען איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל, אַז מיינע געפֿיהלע ווע־ען פֿערברענט פֿון ליבע צו איהר! (ווייזט אויף חאַשע די יתומה) אָ, פֿאַטער, גיב אונז דיין ברכה און לאָז מיר מיט איהר הייראַטען.

ט ו ד ר ס : יאָקום בעמבע.

ז ר ח דער מלמד: היתכן? קען עס געמאָלט זיין? סטייטש דו מיט חאַשע די יתומה? זאָהן מיינער, די, וועלכע איך האָב הינטער אַ שטאַהל געפונען, זאָל דיין פרוי זיין? היתכן?

ג נ ע נ ד ע ל-יעליזאַבעטע: אַ, נימאָלס, זאָהן מיינער, ניע וועט חאַשע די יתומה הייראַטען מיין זאָהן פרינץ פלאַסקעדריגע.

ט ו ד ר ס: יאָקום בעמבע.

פ ר י נ ץ פאָן פלאַסקעדריגע: אַ, פאַטער, אָ!

ה אַ ש ע די יתומה: אַ, רב זרח, רב זרח!

ג נ ע נ ד ע ל-יעליזאַבעטע: העך? וואס זאָגסטו צו זיינע יאָהרען? אַ בכּפה זאָל זיי כאַפּען, חתונ׳קע ווילט זיך זיי.

פ ר י נ ץ פון פלאַסקעדריגע: איך ציה מיינע שאַבליע פון שייד, איך וועל מיך שחט׳ן.

ח ש ע די יתומה: און איך וועל זיך סמ׳ען. דאָ אין דיזען מעדאַליאָן טראָג איך שלאַנגען-גיפט.

ז ר ח דער מלמד: געהט אין דער אַדמה.

ט ו ד ר ס: יאָקום בעמבע

ג נ ע נ ד ע ל -יעליזאַבעטע: אוי אַ שלאַק איז מיר, אַ מכּה איז מיר! זרח, די קינדער ווילען זיך אַ מעשה אָנטון!

ז ר ח דער מלמד: דער שוואַרץ-יאָהר וועט זיי ניט כאַפּען.

ג נ ע נ ד ע ל -יעליזאַבעטע: זרח, איך וועל דיר די באָרד אויסרייסען!

ז ר ח דער מלמד: מ׳נאַ, מהיכא-תיתי, איז אייך ליב איז מיר ניחא, נעהמט אייך, קינדערלעך און געהט לעזאזל.

ג נע נ ד ע ל-יעליזאַבעטע: אין אַ גוטער שעה, אין אַ מזל׳דיגער שעה.

ט ו ד ר ס: יאָקום בעמבע.

פאָזיציאָן. פרינץ פאָן פלאַסקעדריגע און חאַשע די יתומה אויף די קניען. גנענדעל-יעליזאַבעטע וואַשט דאָס געפּעס: זרח מיט טודרס׳ן טאַנצען

אַ קעק־וואַק! אַלע זינגען
עך, מאַיאַ גרעטשאַניקי!
עך, מאַיאַ גרעטשאַניקי!

פאָרהאַנג.

צווייטעס בילד.

פריה מאָרגען. דער בודוואַר פון גנענדעל־יעליזאַבעטע בעלויפּטען פון אַ חנוכּה־לעמפּעל. אַלע פריהערדיגע.

פרינץ פאָן פלאַסקעדריגע האַלט ביים אָנטון די זאָקען זינגט:

אוי, בין איך אַ בעק,
איך האָב אָנגעטאָן די זאָק
אויפ'ן לינקען זייט!

כאָרוס:

די זאָק, די זאָק אויפ'ן לינקען זייט!
פרנץ פאָן פלאַסקעדריגע:
אָ, וואָס זאָל איך טון?!
די זאָק, די זאָק אויפ'ן לינקען זייט!!

כאָרוס:

ניט פערגיסט קיין טרעהרען,
וואָס איז דאָ צו קלערען,
מען דאַרף זי אויסקערען,
אויסקערען, אויסקערען
אויף דער רעכטער זייט!...
זייט, זייט, זייט!...

זרח דער מלמד: תקיעה!... שברים תרועה... תקיעה גדולה...

טודרס: יאָקום בעמבע.

פאָרהאַנג.

צווייטער אקט.

פרינץ פאָן פלאַסקעדריגע קערט איים די זאַק אויף דער רעכטער זייט און טוט זי אָן, ציט אַרויף דעם שווערד און קלייבט זיך אין וועג אַריין.

פ ר י נ ץ פאָן פלאַסקעדריגע: צינד מיינע טייערע, מוס איך נעהמען פון אייך אַבשיד. הייטע אַבענד איז אונזערע גליקליכע האָכצייט, געה איך אויף די גאַלעוועס קויפען אַ פאַפירענע מאַנישקע.

ט ו ד ר ס: יאָקום בעמבע.

ח אַ ש ע די יתומה: אָ, פרינץ פאָן פלאַסקעדריגע! מיין טייערער חתן! מיין הערץ ווערט מיר צוריסען, דו געהסט אַוועק!

ט ו ד ר ס: יאָקום בעמבע.

ז ר ח דע״ מלמד: דו געהסט אַוועק! אָ, זאָהן מיינער! פרינץ! —

ט ו ד ר ס: יאָקום בעמבע.

(אין שטוב ברעכט אויס אַ שרעקליכער יאָמער און געוויין).

פ ר י נ ץ פון פלאַסקעדריגע (גיט זיך אַ שטעל אַוועק): איך שווער ביי גאָט, אַז נאָך הייכע צו וואַרמעס בין איך מיט מיין פאַפירענער מנישקע אַצוריק! איך שווער!

(פרינץ פאָן פליאַסקעדריגע און חאַשע די יתומה זינגען אַ דועט).

ז י: שווער!

ע ר: איך שווער!

ז י: דו שווערסט!

ב ײ ד ע: מיר שווערען!

פאַר מאַנד און שטערען!

קיינט, — זאָל אונז פערצוקען אַ זשאַבע.

ז י: אוי, אוי, צוי און ווערים

ע ר: זאָלען עסען אונזערע געדערים.

ב י י ד ע: אָ, אָ, אָ! אָ, אָ, אָ!

ראַכע, ראַכע
פאַר דער זאַכע!
ווער עס וועט ניט זיין טריי —
ריי, ריי, ריי,
ווער עס וועט ניט טריי זיין —
זיין, זיין, זיין!...
אַ רוח זאָל אין זיין טאַטען אריין!
(פרינץ פאָן פלאַסקעדריגע אָב.)

ח אַ ש ע: די יתומה (נידערגעשלאָגען) אַוועק... מיין שאַץ מיין ענגעל... אָ! איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטען... איך מוז געהן אין בעט און פאַלען אין אָהנמאַכט.

(געהט אין בעט, לעגט זיך און פאַלט אין אָהנמאַכט.

ז ר ח: איך מוס אויך פאַלען אין חלשות. (פאַלט אין אָהנמאַכט).

ג נ ע נ ד ע ל -יעלפיזאַבעטע: אין איך אויך! (פאַלט אין אָהנמאַכט).

ט ו ד ר ס: יאָקום בעמבע (פאַלט אין אָהנמאַכט).

(די גע'חלש'טע זינגען די מאַרסעליעזע אויף די העכסטע טענער).

פ אָ ר ה אַ נ ג .

צווייטעס בילד.

דער פאָרהאַנג וויל זיך נישט אויפהויבען, כאָטש גיב אים אַ קרענק מיט דער הילף פון עטליכע טעאַטער-פּאַטריאָטען ווערט דער פאָרהאַנג אַרויפגעשלעפט און עס שטעלט זיך פאָר אַ ווילדערניש אויף די גאַ-לעזוקעס. עס ציט אַ זאַמדיגער מדבר מיילען-ווייז. פרינץ פאָן פלאַסקעדריגע געהט אַהיים מיט אַ פאַפירענער מאַנישקע אין האַנד. פלוצלונג ווערט ער בעפאַלען פון אַ גאַנצער באַנדע כינעזער-באָקסערען. דער הויפט-העלד פון דער באַנדע, אַ כינעזישער באַנדיטאַן מיט'ן נאָמען ציפ-צע דריפ בעפאַלט דעם פרינץ פאָן פלאַסקעדריגע.

צ י פּ-צ ע-ד ר י פּ: אַהאַ! אַם ענדע האָב איך דיך געפּאַקט... דו, וועלכער האָסט מ'ין כלה גערויבט, מיין טייערע חאַשע די יתומה, צו וועלכע איך האָב יאָהרען-לאַנג געפלאָמט מיט אַ הייליגער ליבע!... יעצט מוז איך פון דיר ראַכע נעהמען. ראַכע! ראַכע! הוי, חברה! נעהמט איהם אין „פלען"!...

פ ר י נ ץ פאָן פלאַסקעדריגע: אָ, האַבע דאָך מיטלייד גנעדיגער קיטאַיעץ ציפּ-צע-דריפּ!

צ י פּ-צ ע-ד ר י פּ: קיין מיטלייד!... אָ, איך ווייס שוין אַלעס. מיינע געהיימע אַגענטען האַבען אַלעס ערפאַרען. הייטע אַבענד איז דיין האָכצייט, דאָס טראָגסטו אַ פּאַפּירענע מאַנישקע! יעצט מוזטו שטערבען, שטערבען...

פ ר י נ ץ פאָן פלאַסקעדריגע: מיטלייד, מיטלייד, גנעדיגער ציפּ-צע-דריפּ!

צ י פּ-צ ע-ד ר י פּ: אָ, ניין! שטערבען מוזטו, שטערבען!.. און אפשר?... צוריק גערעדט... מ'נאַ... איך שענק דיר דאָס לעבען... נאָר בתנאי, אַז דו זאָלסט מיר אָוועקגעבען דיין פּאַפּירענע מאַנישקע און געהן אין פלען.

פ ר י נ ץ פאָן פלאַסקעדריגע: אָ, מי'ט'ן גרעסטען הדרת הכבוד.

(עס לויפען צו עטליכע תלינים מען שמידט אים אין קייטען און מען פיהרט איהם אַוועק געפאַנגען. וועהרענד מען שמידט איהם, זינגט ער אַ ליעד מיט אַ מוסר-השכל):

1.

דער מענש איז געגליכען צו אַ פענכער,
ער בלאָזט זיך און האַלט זיך גרויס.
צום סוף גיט מען איהם אַ שטאָך מיט אַ נאָדעל,
געהט פון איהם דער וואָזדוך אַרויס.
רעפריין: וואָזדוך אַרויס,
וואָזדוך אַרויס.

2.

דער מענש, ער מיינט ער איז אַ גאַנצער קנאַקער,
שטענדיג טוט ער נור שטאָלצירען,
צום סוף געהט, געהט און געהט
און טהוט דעם האַלז-טיכעל פערלירען.
רעפריין: האַלז-טיכעל פערלירען.
האַלז-טיכעל פערלירען.

3.

דערום דאַרף מען נישט שטאָלצירען אַפילו מיט אַ
פאַרערגנער מאַנישקע,
און נישט זיין ביי זיך אַ גאַנצער יאַ-טעבעדאַם,
און נישט האָבען אין זינען רק די קישקע —
טאַראַ-באַם, טאַראַ-באַם, טעדי- באָם..
רעפריין: טאַראַראַם טעדיבאָם,
טאַראַראַם טעדיבאָם!...

(דער פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם).

דריטער אַקט.

(די זעלבע דעקאָראַציע, וואָס אין צווייטען אַקט. אַלע: זרח דער מלמד, זיין ווייב גנענדעל-יעליזאַבעטע, חאַשע די יתומה און טודרס דער משרת ליגען נאָך אין אָהנמאַכט. עמיץ קלאַפט אין טיר).

ח אַ ש ע די יתומה (וועקט זיך): ווער איז?

צ י פ-צ ע-ד ר י פ (פון יענער זייט טיר): איך, פרינץ פאָן פלאַסקעדריגע.

ח אַ ש ע די יתומה: אַי, אַי! פרינץ פאָן פלאַסקעדריגע! ר' זרח! רבי'צין! טודרס! שטעהט אויף גיכער! פרינץ פאָן פליאַסקעדריגע איז געקומען!

(אַלע שטעהען אויף, עס עפענט זיך די טיר און עס קומט אַריין דער

באַגריסאַן ציפּ-צע-דריפּ).

ציפּ-צע-דריפּ: וואָס קוקט איהר מיך אָן אַזוי? האָט איהר מיך ניט דערקענט? פֿאַטער! מוטער! דערקענט איהר אייער איינציגען זאָהן פּרינץ פֿאָן פלאַסקעדריגע?

טודרס: יאָקום בעמבע.

ציפּ-צע-דריפּ: און דו, מיין טייערע כלה, דערקענסט נישט דיין חתן? אַ חאַשע, חאַשע, גוואַלד חאַשע!

זרח: היתכן?

גנענדעל: ווייס איך וואָס.

חאַשע: אָ, גיעמאַלס!

טודרס: יאָקום בעמבע.

ציפּ-צע-דריפּ: אָ, דאָס בין איך אייער זאָהן, פּרינץ פֿאָן פלאַסקעדריגע, וואָס האָט אייך פערלאָזען מיט אַ האַלבע שעה צוריק און געגאַנגען אויף די גאַלעווקעס קויפען אַ פּאַפּירענע מאַנישקע צו מיין גליקליכער האָכצייט מיט אָט דער חאַשע די יתומה. אָט איז זי, די פּאַפּירענע מאַנישקע

זרח (דערזעהענדיג די מאַנישקע): אוי, טאַקי דו ביזט מיין זוהן! (קושען זיך).

גנענדעל: אָ, ס'איז וואַהר! זאָהן מיינער! זוהנעני (האַלזען זיך).

חאַשע: אָ, מיין טייערער חתן! מיין ליבער געטרייער פּרינץ פֿאָן פלאַסקעדריגע! (פֿאַלט איהם אויפ'ן האַלז).

טודרס: יאָקום בעמבע.

ציפּ-צע-דריפּ: אַצינד, מיינע טייערע, מאַכט זיך גרייט. מיר פֿאָהרען גלייך נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אַ בייזער שונא יאָגט זיך נאָך אונז מיט מיליטער. היידאַ!

אַלע זינגען:

נעמט צונויף געפּעס און גאָפּעל,
מיר פֿאָהרען נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל,
דאָרטען נעבען דער מוטער ציון וירושלים,
וועלען מיר פּראַווען אונזער חתונה און טרינקען לחיים.

לחיים, לחיים, לחיים.
אַחת ושתים...
ז ר ח: נעהמט יעדער זיין פּעקעל,
ג נ ע נ ד ע ל: יעדער זיין זעקעל,
ה אַ ש ע: יעדערער זיין שטעקעל,
ט ו ד ר ס: יעדער זיין פלעקעל,
אַ נ אַ ס אַ מ ב ל: פּעקעל, זעקעל, שטעקעל, פלעקעל,
לאָמיר לאַנג ניט שטעהן
און גיכער געהן,
געהן, געהן, געהן!... (בים).
(דער פאָרהאַנג פאַלט ראַש).

פערוואַנדלונג.

אַ טראָן-זאַל אין פּעקין. אין מיטען זאַל שטעהט די כינעזישע באָגדי-אַניכע ציפּע-טשו, אַרומגערינגעלט מיט אַ סוויטע, האַלט אַ ספר תורה, טאַנצט און זינגט).

דאָס יודעל איז דיר אַנ'אַנטיק אַ סחורה,
געגעבען האָט אים גאָט אַ תורה,
די תורה האָט איהם געשענקט דער בורא א. ז. וו.
באָרום. זאַפּ-טשיק-טשאַק! האָפּ-טשיק-טשאַק!...

ציפּעטשו (גיט אַ סיגנאַל, אָנבלאָזענדיג די באַקען און אַ זעץ-געבענדיג מיט דעם רעכטען פויסט אין דער רעכטער באַק, אַזוי, אז עס דערהערט זיך אַ משוגה-מאָדנער קלאַנג: **וואַכע, פיהרט אַריין די העלדען.** (אין טיר בעוויזען זיך די העלדען).

ציפּעטשו: (ווינקט מיט אַ פינגער צום טיר) **קומט אַריין, העלדען,** קומט אַריין, איר זענט **דאָס די העלדען, וואָס איהר האָט געפאַנגען דעם פּרינץ פאָן פלאַקסעדריגע?**

די העלדען (זינגען):

מיר זענען די העלדען, וואָס האָבען דעם
פּרינץ פלאַקסעדריגע געטון אַ נעהם.
און געבראַכט אַהער עם (איהם).
מיר האָבען אַ גרויסען שם!
מיר קענען דערלאַנגען אַ פּלעם!
טערע-בעם, טערע-בעם, טערע-בעם! (בים).

(פערלענען אַ האַנד אויף אַ האַנד אין געהען א רעדעלע).

צ י פ ע-ט ש ו: נו, איצט ברענגט אַריין דעם געפאַנגענעם

(מען פיהרט אריין דעם פּרינץ פאָן פלאַסקעדריגע געשמידט און קייטען).

פּרינץ פאָן פלאַסקעדריגע:

איך בין פּרינץ פאָן פלאַסקעדריגע!
איך קאָן געבען מיט די פיס אַ דריגע!
צוריים איך די קייטען
און איך וועל איך טויטען,
איך אַליין וועל מיך מאַכען פריי!...
ווייל דער יודישער גאָט איז מיט מיר סיי-ווי סיי.

צ י פ ע-ט ש ו: אַזוי, ביזטו גאָר אַ יוד?

פ ר י נ ץ פאָן פלאַסקעדריגע: געוויס, איך בין אַ יוד און בין שטאָלץ מיט מיין פאָלק ישראל! (צייגט זיין אַרבע כנפות).

צ י פ ע-ט ש ו: אָ, איך בין אויך אַ יודין. מיין מאַן ציפ-צע-דריפ האָט מיך נאָך אין דער יוגענד פערפירט און אַהער געבראַכט, מיט מיר חתונה געהאַט און פאַר אַ באָגדיכאַניכע געמאַכט.

פ ר י נ ץ פאָן פלאַסקעדריגע (איבערראַשט): ציפ-צע-דריפ. אָ, דער דיעב איז איין אונטריי, ער האָט דאָס מיך אין פלען גענומען און אַליין איז ער אַוועק חתונה האָבען מיט מיין טייערע כלה חאַשע די יתומה. (וויינט).

צ י פ ע-ט ש ו: וועה, איז מיר, יעצט בין איך אַ ווייסטע עגונה געבליבען! (ביידע וויינען) נאַ, דאָ האָסטו אַ מיליאָן קראָן און צווי פאָלק חיל, קום לאָמיר איט

שפּינען, דעם באַנדיט און נעהמען ראַכע!
אַלע: ראַכע! ראַכע! הורראַ!

פֿאָרהאַנג.

פֿיערטער אַקט.

אַ חתונה־זאַל אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. זרח דער מלמד און זיין ווייב גנענ־דעל־יעלי־זאַבעטע פֿירען ביי דער בעגלייטונג פֿון גראַמאָפֿאָן דעם טויזק צו דער חופּה חאַשע די יתומה. אונטער אַ ווידענער חופּה אויף פּערלמוטער־שטאַנגען שטעהט דער כינעזישער באַנדיטאַן ציפּ־צע־דריפּ און וואַרט אויף דעם מסדר־קדושין. טודרס טאַנצט און זינגט:
„יאָקום־בעמבע! יאָקום־בעמבע!"
דער עולם פּאַטשט מיט די הענד; פּלוצלינג דערהערט זיך אַ טראָמפּייט־שאַלען. די טיר פּראַלט זיך אויף און עס קומט אַן פּרינץ פּליאַס־קעדריגע, די באַנדיטאַניכע ציפּע־טשו מיט מיליטער.)

פּרינץ פֿאָן פֿלאַסקעדריגע: אָ, דאָס ביזט! דו פֿער־פֿלוכטער ציפּ־צע־דריפּ! דו האָסט מיין מאַנישקע גערויבט און מיין כלה, חאַשע'ן, אויסגענאַרט, יעצט מוזען מיר זיך אויף אַ דועל שלאָגען! נעהמט אַרויס די שווערדען און פֿעכטען זיך, עס הערט זיך אַ קלאַפּעריי פֿון שפּענער, ציפּ־צע־דריפּ פֿאַלט טויט).

גנענדעל־יעלי־זאַבעטע: אוי ווער, סאַר'אַן אימה סאַר'אַ שרעק! (פֿאַלט טויט).

טודרס: יאָקום בעמבע.

זרח דער מלמד: אָ, וואו נעמט מען יעצט יאָשע־יודע דעם פֿעלדשער! אָט איז ער!

יאָשע־יודע: גוט נ'אָבענד, מזל־טוב, מזל־טוב!

טודרס: יאָקום בעמבע,

זרח: אַ, ר' יאָשע־יודע, גאָט האָט אייך צוהער געשיקט, העלפֿט אונז.

יאָשע־יודע גיט אַ שנעל גנענדעל־יעליזאַבעטע׳ן אין דינקען גאָז־לעפֿעל און זי ווערט לעבעדיג): שוין גוט.

אַלע: אַ דאַנק אייך, יאָשע־יודע! גאָטס וואונדער, דאַרפֿט איהר גאָר אָנשפּאַרען אַוש קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

יאָשע־יודע: יאָ, מיינע פֿריינד, אָט אַזוי ווי איר זעהט, געה איך אַרום פֿון לאַנד צו לאַנד, פֿון שטאָט צו שטאָט. דאָס זוך איך מיינע צוויי טעכטער, וועלכע זענען מיר פֿערלאָרען געוואָרען אין דער יוגענד. איינע האָט ביי מיר אַ כינעזישער באָגדיכאַן גערויבט און די אַנדערע האָב איך אַליין אונטער אַ שטאָל אונטערגעוואָרפֿען.

אַלע: און ווי האָבען זיי געהייסען, אייערע צוויי טעכטער.

יאָשע־יודע: איינע האָט געהייסען ציפּע די באָגדיכאַניכע און די אַנדערע האָט געהייסען חאַשע די יתומה.

ציפּע די באָגדיכאַניכע: אָ, פֿאַטער, אָ, שוועסטער חאַשע!

טודרס: יאָקום בעמבע!

חאַשע די יתומה: אָ, פֿאַטער, אָ, שוועסטער ציפּע

טודרס: יאָקום בעמבע!

יאָשע־יודע: אָ, אָ, מיינע קינדער, ציפּע! חאַשע

טודרס: יאָקום בעמבע!

פֿאָרהאַנג.

פֿערוואַנדלונג.

(אַ פּאַלאַסט אין ניו־יאָרק).

(שמחה וששון. מען פֿיהרט דעם פּרינץ פֿאָן פֿלאַסקעדרינע מיט חאַשע׳ן צו דער חופּה. דער גראַמאָפֿאָן שפּיעלט „עוד לא אברה“. זרת

(מיט טודרס'ן טאַנצען אַ „קעק־וואָק" און דער עולם ווינגט):

גרויס איז די מאַכט פון שונד!
וואָס אַ קינסטלער קאָן בעווייזען,
איז טאַקי וואונדער,
אבער וואָס אַ פאַרטאַטש קען אויפטון
איז טאַקי אין לשער.

„קריטיקע"

דוד פרישמאן.

אויף וועלכען שריפטשטעלער איהר ווילט.

מען וויל מיך איינשמועסען, אז דאס ווערק איז א ווערק און אז דער אויטאר האט טאלאנט. יא, יא, טאלאנטפאל איז ער פונקט, ווי אלע אייערע חדר-יונגלעך-ליטעראטען, קינסטלער-בטלנים, ישיבה-בחורים, שנעקעס, בורדיוקעס און אונוויסענדע מאלא-קאסאסען.

ביי אייך איז ער בעריהמט, איהר לעקט פון איהם די פינגער, אבער ניט מיר אייראפעער ביי אונז אין אייראפא איז גאר אנ׳אנדער מין שרייבען, אנ׳אנדער לשון און אנ׳אנדער כתב.

די וועלט, די גרויסע וועלט איז גאר — קיילעכדיג. גאנץ פראנקרייך רעדט פראנצויזיש, דייטשלאנד — דייטש, איטאליען — איטאליעניש, 400 מיליאן כינעזער טראגען נאך צעפלעך, צוקצוי-קען, בוריאטען, האטענטאטען עסען געזאלצענע פיש, גאנץ יוזשנע אמעריקא האנדעלט מיט וואטע. פאנאמא-קאנאל איז שוין באלד צו ענדע. אין יעמען איז א רעוואלוציע, אין קאלאבריען טריי-סעלט זיך די ערד, און מיך ווילט איהר איינשמועסען, אז דאס

זערק איז אַ ווערק, אַ גוטע ליטעראַטור דאַרפֿען מיר, אַ ריינע פֿרעסע דאַרפֿען מיר. און אַנ׳אַנשטענדיג טעאַטער דאַרפֿען מיר. וױ, בטלנים, בטלנים!... ווי זאָגט מאָטקע חב״ד... (דאָ קומט עפּעס אַ וויץ).

גאָרנישט, ס׳איז הפקר. מען שרייבט, דער עולם לייענט, קריטיקער קריטיקירען און וואו בין איך? אין מיר האָט איהר פֿערגעסען? שוין העכֿער 25 יאָהר, אַז איך שטעה אויף דער וואַכֿע און — קרים די נאָז, אַזאַ טבע האָב איך. העכֿער 25 יאָהר, אַז איך קעמף און — זאָג קאַפּויר. אַזאַ מענש בין איך. ווּעלטען האָב איך חרוב געמאַכֿט, גאונים אַראָפּגעזועצט, ריכֿטונגען פֿערניכֿטעט, בעוועגונגען אויסגעראָטען, פֿערדאָרבען, צוהאַקט, צופּליקט, צובדק׳ענט, געמאַכֿט אַ תל פֿון אייער גאַנצער ליטעראַטור-שמור, ביכֿלאַך-שמיכֿלאַך, קונסט-שמונסט מיט אַל׳ע אייערע מחברים, משכילים, בעזגראַמאָטנע פּידזשיקעס, סמאַרקאַטע יונגלעך. מען דערצעהלט פֿון שייקע פּייפּער... (דאָ קומט עפּעס אַנ׳אַנעקדאָט).

הײַנט זעהט איהר, ווי קינסטלעריש דאָס ווערק איז? אוי, בטלנים.

בעל-מחשבות.

ראובן-לייזער דער בדחן.

דעם פּערטען אדר ווערט פונקט 4 מיט אַ האַלבען יאָהר, זינט ראובן-לייזער דער בדחן האָט אַרויסגעלאָזען זיין ערשטען באַנד „בדחניש" און צו דיעזער געלעגענהייט מוז איך וועגען איהם שרייבען אַ קריטיק. שטענדיג אָבער אין אַזעלכע פֿאַלען פֿיהל איך זיך אָבהענדיג, איך פֿיהל, אַז איך האָב ניט וואָס צו זאָגען. עס בעהערשט מיך אַ מיש-מאַש פֿון אַ כּאַאָטישען תהו ובהו. איך קען זיך אָבער נישט איינהאַלטען און מוז מסביר זיין דעם לעזער דעם הויכען ווערט פֿון אַזאַ ווערק, וועלכעס איז איינער פֿון די ליכטיגע זיילען ביי דעם פֿאָלק ישראל אין זיין פֿינסטערן גלות. . .

מיינט ניט, אַז ליטעראַטור איז אַ שטות-זאַך. אָ, ניין, ליטעראַטור איז גאָר אַ גרויסע זאַך און שרייבען ביכער דאַרף מען קענען. פֿאַרהאַן אַנדערע קענען שרייבען און אַנדערע קענען ניט. און ראובן לייזער דער בדחן קען די מלאכה. איך וועל אייך וועגען איהם גאָרנישט זאָגען, איך וועל נאָר ראָטען דעם לעזער, איהם צו לייענען, לייענען און ווידער אַמאָל לייענען, אַ שורה

נאָך אַ שורה, אַ פסוק נאָך אַ פסוק, איבערגעקעהרט אַ בלעטעל און ווידער געלייענט, ווארום לייענען איז אַ גרויסע זאַך — עס ענטוויקעלט דעם מענשענס גייסט.

„מיין ערשטע ווייבעלע שרה
איז געווען אַ שלאַק און אַ צרה".

זיין שפּראַך איז די פייער-שפּראַך פון אַ ישעיהו'ן און אַ יחזקאל. זיין ריטם איז געזונד, קרעפטיג, וואָס שפּייזט זיך מיט קאַמף, נקמה און ווילדען תוכחה-כעס. איהר זעהט בחוש, אַז ער איז זייער אַ נאָהענטער חבר. ד'ער חלוק צווישען זיי איז אָבער אַזוי גרויס, אַז עס איז אַ חטא זיי אָנצורופען בנשימה אַחת, ווייל אין דער צייט, וואָס ישעיהו און יחזקאל זענען נביאים, איז ראובן לייזער דער בדחן אַ פּאַ־טאַטש און אַ בור דאורייתא...

נ׳ גער.

זבולון דער פּראָשעניע-שרייבער.

שרעקט זיך ניט. ווען איהר וועט שטאַרק זוכען,
וועט איהר דאָ געפֿינען יודישע ווערטער אויך.

דער ברעג-פּונקט פֿון פּראָשעניע-שאַפֿונג!...

די לעבענט-דיסאָנאַנסען, קאָנטראַסטען, קאָנפֿליקטען, שטריי-טען, שטורמישער דראַמאַטיזם, די צאָהלרייכע געזעלשאַפֿטליכע שאַטירונגען, שטימען און שטימונגען,—דאָס זענען די אונמיטעל-באַרע אַטריבוטען פֿון זבולנ׳ס שאַפֿונגס-גייסט.

ניט האַרמאָניע, ניטגלייכגעוויכט, ניט ענטציקונג און גע-היימע פֿערליבטקייט פֿון די ערדישע מענשען-קינדער וואָלטען זיין געניוס אַרויסגערופֿען.

און ווי פֿערשיעדענאַרטיג איז זיין קליענטורע: אַ מעלאָדראַ-מאַטישע, פּאַטעטישע און ניט אָן פּאַטאָס צונויפֿגעקניפּעלטע אין איין טראַגיקאָמישען מאָזאַאיק.

ער פֿערמאָגט פּאַסיווע סקעפּטיקער, לעבענסלאָזע, ווילענס-לאָזע, גאָטלאָזע, געלדלאָזע, לאַנגווייליגע נשמה-גריבלער, אַנעמיש קרעכצענדע נודניקעס.—

און אין זיינע פּראָשעניעס געפֿינען זיי אַלע די העכסטע שטופֿע פֿון נירוואַנא-רוה און הין-הער-פּלעט.

„יצוואָ וויסאָקאָרדיו ג־נו פּריסטאַוואו...“

זיין טעמע איז שטענדיג דאָס געגענגעזעצטע פון ביאַליק'ס טעמעס: ער זוכט ניט דאָס רוהיגע און זיכערע, האַרמאָנישע און לעבענסלוסטיגע („פון צער און צאָרן“, דאָס לעצטע וואָרט“), נאָר דאָס שטורמישע און שוואַנקענדע, פּערמאַנענט־רעוואָלטירענדע (וואָס געפינט זיך אין מצב פון יעהרונג) און טראַגישע.

ביאַליק איז אויך אַ שרייבער. עס פעהלט אָבער ביי איהם די ראָמאַנטיק פון זבולן דעם פּראָשעניע־שרייבער, די ראָמאַנטיק פון עפּאָס, דער עפּאָס פון פּאַטאָס, דער פּאַטאָס פון לירישע, די לירישע פון אינטואיציע, די אינטואיציע פון פלאַמענדע אַסאָציאַציע, פּאַטאַלאָגישע לעגענדע, טענדענציעזע סימוואָליק, קריסטאַליזירטע אַלעגאָריע און פּאָעטישע סטיכישקייט.

פרילוצקי,— זרובבל,— ווארע.

מאשע־איצע „דער כאליגראף".

פאר אונז ליעגט זיין „אפיר".
איהר לייענט:
„פיעל פרייד און פערגעניגען זאל גרייכען אזש צו"...

און אייך בעהערשען מיסטיק־טרוימען, סודות, געשפענסטער, בעפליגעלטע שאטענס און צערטליכע רוה, ווי פון גייסטיגען אפיום, וואס נארקאטיזירט דעם רענעסאנס־געשריי, וואס פארטראגט אייך פון דער קאנקרעטער ווירקליכקייט צו דעם טעארעטישען אבסטראקטען בויבעריק.

„פיעל פרייד זאל גרייכען אזש"...

יעדעס ווארט איז א דראמאטישער כרוים, א רעזאלירטע גאלוצינאציע. דאס מוזיקאלישע בעקומט זיין פלאסטישע פערקערפערונג, דער נשמה־הימעל ווערט א קונסט־הימעל... עס גיסט זיך איין סוד אין דעם אנדערן און פון אלע סודות ווערט א מיסטיש־מוזיקאלישע שטילקייט.

מאָמענט־פֿאָטאָגראַפֿיעס.

(נאָך מ. ספּעקטאָר).

אַ כאַראַקטעריסטיק פֿון שריפֿטשטעלער.

ח. נ. ביאַליק.

פֿריהער פֿון אַלץ מוזט איהר וויסען זיין, אַז דער בעריהמטער פּאָעט ביאַליק איז אַ בלאָנדין און נישט קיין ברונעט.

ווען איהר זאָלט ביי מיר, למשל, פֿרעגען, וואָס איז ביאַליק? וואָלט איך גלייך געענטפֿערט, אַז ביאַליק איז אַ שרייבער; מען שמועסט זאָגאַר, אַז ער שרייבט העברעאיש אויך.

נאָר ס'אַ ליגען.

אַלס הייסער יוד און נאַציאָנאַליסט טרינקט ביאַליק נאָר וויסאָצקיס טיי, 25 קאָפּיקעס אַן'אַכטעל. ס'איז מעגליך, אַז נאָר דעמדאָזיגען טיי האָבען מיר צו פֿערדאַנקען, וואָס די שאַפֿונג פֿון ח. נ. ביאַליק איז דורכגעדרונגען מיט אַזאַ טיפֿען נאַציאָנאַליסטישען גייסט.

מענדעלע מוכר־ספֿרים.

צוערשט שרייבט ער אָן אַ שורה, דערנאָך נאָך אַ שורה, דערנאָך אַ דריטע שורה, אַ פֿירטע, אַ פֿינפֿטע—אַזוי כסדר, ביז עס ווערט אַ ווערק.

אַזוי איז געווען איז זיין יוגענד און אַזוי איז אויך איצט.

כדי צו ווייזען, אויף וויפיל אונזער יידע איז יודישליך, און פאָלקסטימליך אין זיין שאַפען, איז געוויס אויפמערקזאַם צו מאַכען, אַז ער שרייבט דורכאויס פון רעכטס אויף לינקס און דערמיט צייכענט ער זיך אויס פון אַלע גוי'עשע שריפט-שטעלער.

און אַזוי ווי ער שרייבט—פון רעכטס אויף לינקס, אַזוי מוזט איהר אויך זיינע ווערק לייענען—פון רעכטס אויף לינקס. אַט דאָס הייסט בעהערשען דעם לעזער, אַז דער לעזער זאָל זיין אונטערגעוואָרפען דעם ווילען פון מחבר.

אחד-העם.

אַמאָל איז ער געווען יונגער, היינט איז ער שוין עלטער.

שרייבען שרייבט ער זעהר זעלטען. דאָס איז דערפאַר, ווייל כדי עפּיס אָנצושרייבען, איז איהם ווייניג צו האָבען אַ פּען און טינט, ער מוז אויך האָבען פּאַפּיר.

אחד-העם איז זעהר ערנסט און עהרליך צו זיך און צו אַלעמען; איבערהויפּט—צו דער טראַמוויי-קאָמפּאַניע. ווען, למשל, דער קאָנדוקטאָר זאָל פערגעסען צו נעהמען בּיי איהם דעם צעה-נער, וועט ער דעם קאָנדוקטאָר אַליין דערמאָנען און דערלאַנגען איהם, וואָס איהם קומט.

כדי די כאַראַקטעריסטיק פון דעם גרויסען נאַציאָנאַלען פילאָזאָף זאָל זיין פאָלקאָם, מוז איך בעמערקען, אַז אחד-העם האָט קיינמאָל נישט געטראָגען קיין פּאַפּירענע קראַגענס.

יעקב דינעזאָהן.

יעקב דינעזאָהן איז איינער פון די שריפטשטעלער, וואָס איידער זיי גיבען-אַוועק אַ ווערק צום דרוקען, מוזען זיי דאָס ווערק פריהער אויפשרייבען.

ווען דינעזאָהן זעצט זיך שרייבען, נעהמט ער די פּען אין

האַנד, דערנאָך טונקט ער זי איין אין אַ טינטער מיט טינט, און אויב אין טינטער איז קיין טינט נישטאָ—שרייבט זיך ביי איהם נישט.

אַזאַ טבע האָט ער.

און מערקווירדיגער פון אַלץ איז דאָס, וואָס ווען ער שרייבט, מוז ער זיצען אויפ׳ן שטוהל און שרייבען אויפ׳ן טיש, און נישט פערקעהרט.

מיט דער שוויגער לעבט ער בשלום.

ווי אַזוי איך אַליין שרייב.

זעצען זיך אַ הונגעריגער שרייבען—דאָס איז ביי מיר נישט שייך... צוערשט מוז איך אָבעסען און דוקא מיט אַפּעטיט, וואָרום אַז מען האָט נישט קיין אַפּעטיט, איז מען חולה מסוכן, אַ קראַנקער מענש, אַ גוסס...

אַ מאָדנע טבע האָב איך, אַז ווען איך עס אָב, ווער איך אַזוי ווי פרעהליכער... און די שטימונג ווערט ביי מיר אַ געהויבענע און דאָס גיט שטענדיג צו מיינע ווערק דעם אמת׳ן הומאָריסטישען טאָן.

קאָווענעס האָב איך ליב פון מאַלאָראָסיע.

אין בעסאַראַביען עסט מען מאַמאַליגע, אין אַסטראַכאַן—העלאַריביצע.

אינטערוויו.

פֿון ראובן ברײנין.

בײַ איבסען׳ען.

אַרויסגעהענדיג פון וואַגאָן צווייטער קלאַס (אַז איך פֿאָהר, פֿאָהר איך נור צווייטער קלאַס), האָב איך גענומען אַ קאַרעטע און געלאָזען זיך פֿאָהרען.

די צוויי פֿערד (אַז איך פֿאָהר, פֿאָהר איך נור מיט צוויי פֿערד איינגעשפּאַנט אין אַ וועגעל אויף פֿיר קיילעכדיגע רעדער) האָבען מיך געפֿירט אין דער ריכטונג, וואו עס וואוינט דער גרויסער פילאָזאָף, שריפטשטעלער, דענקער און פּסיכאָלאָג פֿון דער לעצטער צייט.

פֿאַר מיינע אויגען האָט געשוועבט די ברייטע פּלייצע פֿון איזוואָשטשיק מיט דעם נומער 8789. אַ גרויסער נומער — האָב איך געטראַכט — איך בין געוואָרען פילאָזאָפֿיש געשטימט.

— איז עפּעס טייער האָבער? — האָב איך געפֿרעגט דעם איזוואָשטשיק.

— טייער — האָט ער געענטפֿערט.

איך האָב גלייך אַרויסגענומען מײַן לעדערנעם טאַשען־ביכעל און פֿערצייכענט דעם טיפֿזיניגען, שאַרפֿען, נאַיוועןאון אָפֿענהערציגען ענטפֿער פֿון אַן׳ אמת׳ען פֿאָלקס־קינד.

אָט זענען מיר שוין בײַם גאַניק.

איך נעם אַרויס אַ הויפֿען גאָלדענע מיטבעות און דערלאַנג איהם — זיבען קופּערנע צעהנערס.

— וואָס פֿערלאַנגט איהר? — האָט דער גרויסער דיכטער געפֿרעגט, אָבשטעלענדיג מיך אויפ׳ן שוועל פֿון צימער...

איך האָב זיך אַ נויג געטאָן און געענטפערט:

איך: דאָס יודישע פאָלק, גאַנץ רוסלאַנד, די פרעסע די גאַנצע וועלט וואַרט מיט אומגעדולד אויף מיין אינטערוויו מיט אייך. איך האָב שוין געזעהען די גרעסטע גדולים פון היינטיגער צייט. מיט ווילהעלם דעם צווייטען בין איך אין איין טעאַטער געזעסען, פאַר קאַאוטסקי'ן האָב איך די היטעל אַראָבגענומען סטרינדבערג'ן האָב איך אַמאָל אויף אַ הינער־אויג אַרויפגעטרע־טען. פילע האָבען געהאַט די עהרע פון מיר אינטער־וויואירט צו ווערען און מיט מיר אין איינעם פאָטאָגראַפירט צו זיין.

ער: שווייגט.

איך: איך בין מיר זיך שטענדיג נוהג אין אַ אינטערוויו אַרויסצוזאָגען און טיילען זיך מיט מיינע מיינונגען, איבערצייי־גונגען, עמפפינדונגען איבער ליטעראַטור קונסט, פאָעזי און שענהייט... איך האַלט, אַז שעקספיר איז געווען אַ שענער שרייבער.

ער: שווייגט.

איך: איך האַלט, אַז אַנאַטאָל פראַנס און בייראָן זיי־נען אינטעליגענטע מענשען.

ער: שווייגט.

איך: זאָגט מיר, איך בעט אייך, האָט איהר ווען גע־פלויגען אויף אַ'עראָפלאַן?

ער: שווייגט.

איך: האָט איהר ליב געפרוירענע פעטשאַ?

ער: שווייגט.

און נאָך און נאָך האָב איך גערעדט און ער האָט גע שוויגען מיט האַרץ, מיט זין, מיט טעמפעראַמענט און אַזו אינטערעסאַנט, אַזוי אינטערעסאַנט... ער האָט געוואָרפען אונרו־היגע בליקען, דאָס אויף מיר, דאָס אויף דער טיר, קענטיג, מורא־האָבענדיג, איך זאָל ניט אַוועקגעהן און איבערלאָזען איהם

אין רעכטען מיטען.

אַמענדע האָט דער גרויסער דיכטער מיך איבערגעשלאָגען און אַ פרעג געטון:

— איך פרעג אייך, וואָס דרעהט איהר מיר אַ ספּאָדעק און די טיר האָט זיך פערקלאַפּט פאַר מיין נאָז.

זיינע פאַר הארציגע ווערטער האָבען מיך געפאַנגען. איך מוז אויף איהם נאָך אַמאָל אַ קוק טון. עס מעג מיך קאָסטען מי יודע וויפיל... אַהאַ!... איך האָב שוין!... אָט אין דעם שליסעל־לאָך!...

און מיט איין אויגעל האָב איך אַריינגעקוקט.

דער שעפּפער פון „נאָרא" איז אומגעגאַנגען צוטראָגען איבער'ן צימער און האַסטיג געשפּייט. געווען קענטיג אין טיפע מחשבות פערטיפט. זיין ליכטיגער שטערען האָט זיך געקנייטשט אונטער דער לאַסט פון ריזיגע געדאַנקען. ווער ווייס וואָס פאַר אַ פּראָבלעמען עס האָבען זיך געוועבט אין אָט דעם געניאַלען מוח.

— — — — — — — — — — — — — — — —

און קיינמאָל, קיינמאָל וועל איך ניט פערגעסען די הערליכע מינוטען, וואָס איך האָב פערבראַכט מיט דעם גרויסעשריפטשטעלער און דראַמאַטורג. זיינע איינפאַכע האַרציגע ווערטער זענען ווי אַ פריהלינגס־רעגען געפאַלען אויף מיין האַרץ וואָס דורשט נאָך בלדונג, קולטור און אינטערוויו'ס.

פאַרוואָס איך בין געוואָרען אויס רעדאַקטאָר.

פאַרוואָס איך בין געוואָרען אויס רעדאַקטאָר, ווילט איהר ווי־סען, וועל איך דערצעהלען. איך וועל אייך אָבער וועגען דעם נישט לאַנג מאריך זיין, וואָרום, ווען איך זאָל אייך אויסדערצעהלען פון אלץ ביז היינט די אַלע פּלאָגענישען, צרות און אויסריישענישען, וואָס איך האָב געהאַט אויסצושטעהן פאַר דער קורצער צייט, וואָס איך בין, לא עליכם, געווען רעדאַקטער פון דער טעגליכער ליטעראַריש־פּאָליטיש־קריטיש־אינפאָרמאַציאָניש־קונסט־און־לעבען־צייטונג „די קעסעלפּויק", — וועל איך נישט זיין אימשטאַנד. און וועל אַפילו — רעדענדיג מיט דעם לשון פון „אקדמות" — דער הימעל זאָל זיין פּאַפּיר, דעם ים — טינט, אַלע וועלדער — פּענעס און אַלע יודען זאָלען זיין שרייבער און שרייבען קילאָמעטרישע אַרטיקלען, וועט אונמעגליך זיין צו אויסשרייבען אַלעס.

על כל פנים, אויב אייך גלוסט זיך פאָרט צו וויסען, פאַר־וואָס איך בין געוואָרען אויס רעדאַקטער פון „קעסעל־פּויק", וועל איך ברענגען בלויז עטליכע בריוולעך, בלויז עטליכע — אַ טראָפּען פון דעם גאַנצען ים בריף, קאָרעספּאָנדענצען, מעלדונגען, אָנצו־הערענישען, טענות און מענות, וואָס איך האָב פאַר דער צייט פון מיין רעדאַקטאָרישקייט ערהאַלטען מכל תפוצות ישראל, — און עס וועט שוין ביי אייך אַלעס רעכט־פאַרטיג ווערען.

בריוועל נומער איינס.

געעהרטער הערר רעדאַקטער.

שוין זשע איז אייך נאָך נישט קלאָר, אַז דער עיקר פון אייער געעהרטען „קעסעלפויק“ איז דער ראָמאַן „די זינדיגע צנועה“ אָדער „די פערשלעפּטע קרענק“? און אַז נישט דער דאָזיגער ראָמאַן איז אייער צייטונג נישט ווערט קיין פּירער, און איז נישט ווערט מען זאָל דאָס אין האַנד נעהמען? איז לא די, וואָס איהר קאָרמעט אונז אַלע טאָג מיט שטיקלעך פון אייער ראָמאַן, אַז די נשמה געהט אַרויס ביז מען דערוואַרט זיך אויף אַ נייעם שטיקעל; לא די, וואָס איהר גיט אונז ווי אַ חולה ר"ל אַלע שעה אַ לעפּעל און פערשאַפּט אונז אַלע טאָג עגמת נפש מיט האַרץ-קלעמעניש מיט אייער פאַרשיווע נאַטור צוועקצושטעלען דוקא ביי די רעכטע געדיכטע: „פאָרטזעצונג קומט“! אָט אייערנעכטען, למשל, ווען דער אינטריגאַנט און אויסוואורף האָט געשפּילעט די קעפּלאַך ביי דער העלדין פון ראָמאַן און עס האָט שוין געהאַלטען ביים לעצטען קנעפּעל, — נעמט איר און האַקט פּלוצלינג איבער! מען קען דאָך, שונאי ציון, חלש'ען. דוקא אין די סאַמע טשיקאַווע, וואו עס פּאַרכאַפּט פאַר'ן אָטעם — נאַדיר? סטאָפּ מאַשינאַ! עס איז דאָך ממש נישט אויסצוהאַלטען. — ביז צום סוף נעהמט איהר נעכטען און פערפעלט גאָר צו דרוקען דעם דאָזיגען ראָמאַן. דאַרום, געעהרטער רעדאַקטאָר, זאָג איך אייך אָן בפירוש מיט'ן האַרבען וואָרט, אַז טאָמער וועט, חס וחלילה, אויך מאָרגען נישט זיין דער ראָמאַן, בין איך שוין נישט מעהר אייער געעהרטער לעזער, און איהר וועט מיר מוחל זיין אָבשיקען צוריק דאָס געלד, וואָס אייער אַגענט האָט ביי מיר גענומען מיט דריי חדשים צוריק. וואָרום איך בין אַ יוד, וואָס האָב פיינט די קונצען.

פון מיר אייער געשעצטען לעזער מעדטאָרבע.

בריוועל נומער צוויי.

פיל געעהרטער רעדאַקטאָר.

מיר, די אונטערגעצייכענטע אינטעליגענטען פון ק"ק באַטשוליעווקע, דריקען אייך אויס אונזער פעראַכטונג און עקעל פאַר אייער ראָמאַן „די זינדיגע צנועה" אָדער „די פערשלעפטע קרענק" וואָס איהר דרוקט אין אייער פיל געעהרטער צייטונג. פע, חלשות! אפי מיר האָבען געמיינט, אַז איהר זענט אַנ'אַנשטענדיגער מענש און אייער צייטונג איז אַנ'אַנשטענדיגע צייטונג, אַנ'ערנסטע סעריאָזגע צייטונג אָהן שונד און אָהן שמוץ. נעהמט איהר גאָר אין מיטען דרינען און הויבט אָן צו דרוקען אַזאַ ראָמאַן, וואָס איז פול מיט פאַסקודסטוואָ, נבול פה און זנות. ווייסט איהר דען נישט אַז אַזעלכע ראָמאַנען פערדאַרבען דעם געשמאַק און די געפיהלען פון דער אונשולדיגער מאַסע? ווייסט איהר דען נישט, אַז איהר מיט אייערע שונד און זנות־ראָמאַנען פערשפרייטען אויסגעלאַסענהייט און הולטייסטוואָ צווישען דער בעפעלקערונג? פע! און נאָכאַמאָל פע! און ווידער אַמאָל פע! הערט אויף צו דרוקען די דאָזיגע פאַסקודסטוואָ, אַ נישט וועלען מיר אָנהויבען צו פראָטעסטירען עפענטליך אין אַנדערע צייטונגען; מיר וועלען אייך באַיקאָטירען און אָנפיהרען אַ קאַמף געגען אייך אויף טויט און אויף לעבען. נידער מיט דער שונד!

מיט אַכטונג (17 אונטערשריפטען).

בריוועל נומער דריי.

נידערטרעכטיגע „קעסעלפויק".

וואָס איז דאָס עפעס. האַ?! איהר מיינט, אַז איך פערשטעה נישט אייערע שטוקעס?! אַ רוח זאָל אין אייער ט... ט... אַריין אַ רעדאַקטאָר זייט איר?! אַ זשוליק זייט איר! אַ מיעסע בריע!.. איר מיינט, אַז איך פערשטיי נישט, אַז דער העלד מאַקס פשעפיורקע, דער גראָבער יונג פון אייער ראָמאַן „דער פאַרפעל־שלינגער" מיינט מען דאָס מיך?! עפעס, איר האָט אַ ביסעל פערביטען דעם נאָ-

מען, ווייל איך הייס נישט מאַקס פשעפיורקע, נאָר בעריל לאַנטוך, נאָר גאָרנישט. מיך וועט איר נישט נאַרען. מיינט נישט, אַז איר האָט אָנגעטראָפען אויף אַ יאָלד. געהערט אַ ביסעל! אזא כוצפע! בעמען אַ מענטצען און פערפאַצשקען אים פאַר דער גאַנצער וועלט! איר שרייבט, אַז איך האָב געהוליעט אַ גאַנצע נאַכט אין רענעסאַנס מיט דריי ניקייוועס, איז דאָס געווען גאָרנישט אין רענעסאַנס, נאָר אין אַקוואַריום און נישט מיט דריי ניקייוועס, נאָר מיט צוויי און נישט ביידע האָבען מיך געפאַטשט, נאָר איינע... און אַז איך בין געווען שיקער, איז דאָס אייער באָבעס דאַיגע? אין אַז איך שפיל אין קאָרטען, איז דאָס אייער אייסעק! פאַר אַזעלכע מאַיסעס וועט איר, פאַניע רעדאַקטער, כאַפען אין פיסק אַריין! איך וועל אַייך אייער טרייפענעם פאָנעם צופראַש. קען! געדענקט-זשע, מאָרגען זאָלט איהר די גאַנצע מאַייסע אָפּלייקענען. אַ ניט וועל איך אייך לעבעדיגערהייט אַריינשלאָגען אין דער ערדאָמע, אַז איר וועט קיין טכייאַס אַמייסים נישט אויפשטעהן.

פון מיר בעריל לאַנטוך.

בריוועל נומער פיר.

אַדון נכבד, רעדאַקטער מהקעסעלפויק.

סטאַטש! אַזוינס איז דאָך נישט געהערט געוואָרען! עטץ טענה'ט אַלץ, אַז ענקער בלאַט איז אַ יודיש בלאַט, וואָס שטייט פאַר כבוד התורה, צום סוף, אַ נעכטיגער טאָג. לא דוב ולא יער ווייס איך דאָרטען, עפעס אַ שנעק, אַ לאָבוס, אַ גורנישט, איז געפלויגען אויף אַ מאַשין און צובראָכען, אויף זיין בלאַבעניש, רוקען=לענד, אָדער עפעס אַנ'ערל טמא האָט אויף פאָליוואַניע גערוקען=לענד — שטעלט עטץ דאָס אויף די שוסען אַ בער צי אַ פיפערנוטער — שטעלט עטץ דאָס אויף די בלעטער. צי למשל עפעס אַ שוואַרץ יאור איז געקומען פון מאָסקווע און שפילט טרעיאַטער — צולעגט עטץ דוס אויף טעלערלעך. און אַז ער, לאלף אלפי הבדלות, האָט באַקומען אַ קוועטשעניש אונטערן לעפעלע, און אַז די גבאי'טע, זאָל לייבען, איז מיט מזל

נעלעגען געוואָרען מיט אַ מן זכר. איז דאָפּן קיין פּיפּס נישטאָ,
פּע, כ'לייבען! וואוס איז דאוס עפּעס ביי נ'עטך אַ גויעשקע ציי-
טונג אָדער דער טאַוועל וויס וואוס?! על-כל פּנים בין יאָך אייך
מתרה ומודיע, אַז אויב עטך וועט נישט אַרויפשטעלען אויף איי-
ער בלאַט צייטונג יועגען דעם פּדיון הבן ביי אונזער שוחט ר'
יחיאל תנחום, זאָל לייבען, איז אַ גוטען טוג מיט די פּאָטשעווקעס.
און עטך וועט ביי אונז זיין טריף ווי חזיר.

מנאי נתן פיינקובען.

בריוועל נומער פינף.

האָכגעסעצטער רעדאַקטאָר.

איך סרייב אייך האָכגעסעצטער נישט ווייל איך אַוואַזיאַיע
אייך, נאָר יוייל אַזוי איז פּריניאַטאַ צו טרייבען. אָבער וונוטרענע
אַוואַזאַיע איך אייך גאָרניסט מיט גאָרניסט... די פּריצינע דער-
פון איז סלעדויוסציע: אין דעם פּראָספּעקט, וואָס איהר האָט ראַס-
פּראָסטראַניאַיעט, ווען איהר האָט אַסנאָוועט אייער גאַזעטע, האָט
איהר אָבעסצייעט, אַז אייער גאַזעטע וועט זיין אַ פּראָגרעסיוונע
און אַ פּערעדאָוואַיאַ גאַזעטאַ און וואָאָבסצע אַ גאַזעטאַ מיט אַ
פּאָרגעסריטענע נאַפּראַווליענע, האָב איך, פּאַנאַטנאַ, אַלס אינטעלי-
גענטנער ציטאַטעל און אַלס אַ מענץ, וואָס האָט טוין עקסטערני-
ציִעט, געמאַכט אַ פּאָדפּיסקע. נאַקאָניעץ לאָזט זיך אויס, אַז איהר
זייט גאָר אַ רעאַקציאָנער. איך וועל דאָס אייך דאָקאַזעווען: וואָ
פּערוויך, אין נומער 23 בעסרייבט איהר די אַסיפּע פון די אָרטאָ-
דאָקסען אין קאַטאָוויץ, אַ וואָ ווטאָריך, האָט איהר יענע וואָן פּאָ-
מעסצייעט אַ בעקראָלאָג נאָך דעם סמאַרגאָנער רבי. עס איז דאָך
סרעקליך!... און נאָך דעם אַלעמען, ווילט איהר מיר אייננמועסען,
אַז איהר זייט פּראָגרעסיוונע נאַסטראָיעט... מעהר, בעט איך אייך,
אַז איהר זאָלט מיר אייער גאַזעטע ניט סיקען.

אייער פּאָדפּיסציק סגעריל זייציק.

בריוועל נומער זעקס.

געעהרטער רעדאַקטער פון „קעסעל-פויק".

נעכטען פונקט, ווען איך בין געשטאַנען און האָב בעטראַכט דעם פרעכטיגען זונען-אונטערגאַנג מיט זיינע צויבערענדע שטראַהלען, האָט מיר דער בריעף-טרעגער דערלאַנגט אַ פּאַקעט. מיין הארץ האָט מיר אָנגעהויבען צו קלאַפּען און מיי.ע פּאָעטישע געפיהלען האָבען מיר פערטראָגען וויט, וויט... ערשט פלוצלונג, אוי וועה! דאָס האָט ער מיר אָבגעבראָכט מיין העפּט מיט לידער, וואָס איך האָב אייך געשיקט. אַ שרעקליכער וואָלקען האָט זיך איבער מיר פערצויגען... אַ רעדאַקטאָר זענט איהר? אַ שוסטער זענט איהר! און איהר פערשטעהט אין פּאָעזי, נישט מעהר ווי אַ קאַץ. איהר שרייבט, אַז מיינע לידער זענען נישט דרוקבאַר. אָבער פאַרוואָס זענען זיי נישט דרוקבאַר? דאָס שרייבט איהר נישט. אמת, אויף מיין פּאָעמע „דאָס צאַפּעלדיגע געשוויילעכץ" האָט איהר אויפגעשריבען אַ בעמערקונג, אַז די ווערטער „שוועבעלאַך" און „קנעפּלאַך" גראַמען נישט. אָבער פאַרוואָס גראַמען זיי נישט, האָט איהר נישט געשריבען. טאָ פאַרוואָס האָט איהר עס מיר נישט ערקלערט? חולה זענט איהר? איהר זענט דאָך עפּעס אַ רעדאַקטער! אָ, ווי עס רייסט מיר מיין הארץ! אָ, פערפלוכט זאָל ווערען דער בריעף-טרעגער, וואָס האָט מיר סם אַריינגעגאָסען אין מיין האָפנונגס-בעכער און פערגיפטעט מיינע טרוימען. אָ, שרעקליך! שרעקליך!... נאָך שבת וועל איך אייך אַריינשיקען נייע 35 בויגען לידער, פּאָעמעס און געדיכטע. איך בין אַ בעלן צו זעהן, וואָס, אַ שטייגער, וועט איהר אויף זיי זאָגען.

מיט פּאָעטישען גרוס יאָקעל קוואַטש.

בריוועל נומער זיבען.

געעהרטער הער רעדאַקציאָן!

שוין באַלד האַכצען מאָל, אַז איך שיק אייך מיינע ווערק און איך פינדע זיי ניכט געדרוקט אין הייער געשעצטען פאָלקס-

צייטונג. שוין זשע אָט איהר ניכט קיין מענצעשע אָרץ און קיין מענצעשע בלוט אין די האָדערען? הערגערע זאַכען פון מיינע דרוקט איהר, יאָ און מיינע ניכט. איך מוז אייך הויפּמערקזאַם מאַכען, געהערטער פאָלקס-רעדאַקטאָר, אַז די זאַכע וועט זיך האַנדי-בען מיט אַ שרעקליכע טראַגעדיע, ווערענד דער טראַגיזם וועט זיין אייער שולד און ניכט קיין האַנדערענס. אָט מיטלייד אויף מיינע יונגע יאָהרען און דרוקט מיין ווערק אין הייער אָבגעשעצ-טע וואונדערליכע פאָלקס-צייטונג. זאָנסט איז מיין לעבען קיין לע-בען ניכט! געדענקט, אַז טאָמער פינדע איך ניכט מיינע ווערק מאָרגען געדרוקט אין אייער פאָלקס-צייטונג, וועל איך מיך נעהמען דאָס לעבען און בעגעהן אַ זעלבסט-מאָרד און דוקא ביי איהנען אויפ'ן שוועל פון אייער וועלט-בעריהמטע רעדאַקציע. און מיין יונגעס שוידערהאַפטעס בלוט זועט פאַלען אויף אייער קאָפּ.

הייער אומגליקליכער און פערצווייפעלטער שרייבער

ירוחם פימסענהאָלץ.

בריוועל נומער אכט.

נאָך איין קוויטעל האָב איך ערהאַלטען, אַ קורץ זון אַ קליינס, וועלכע האָט מיר איינגאַנצען דאָס לעבען דערגאַנגען און געמאַכט אַ סוף צו מיין רעדאַקטאָרישקייט. דאָס קוויטעלע לויטעט:

ג. ה.

הירמיט ווערט איהר איינגעלאַדען מאָרגען אום 9 אוהר אין אָק-רוזשנאַי-סוד אַלס בעשולדיגטער לויט די 333, 999, 777, 666, 555, אַרטיקלען פון פרעסע-שטראָף.

איצט זעהט איהר שוין, פאַרוואָס איך בין געוואָראַן אויס רעדאַקטאָר?

די למדנ׳ישע בעראַטונגען.

צדק, חנה סאָלאָוויטשיק,
לעבעלמאַן, יאַבנוק און מייטשיק,
יענקעל קאָלנער און קאַראַטיק,
בוריק, פוריק און פּיכאַסיק,
זאַק און גאָרגעלשטיין —

אַלע הייסע זשאַרגאָניסטען,
שטאַרק פערברענטע יודישיסטען,
איינס אין איינס גאָר ספּעפּע פּריכטע,
אָהן אַ סרוחה, אָהן אַ פּגימה,
כשר, פיין און ריין, —

האָבען איז אַ טאָג אַ שענעם
אויפגעזאַמעלט זיך איינאייגעם
און גענומען זיך מיט חשק,
מיט החמדה צו דעם עסק
גרינדען אַ פעראיין.

אַ פעראיין פון יודישיסטען,
אָהן די לשון-קודשיסטען,
מיט אַ שבועה—קיין העברעער
און קיין „בטלן״ זאָל אין זייער
גבול נישט טאָרען שטעהן,

נישט אַריין זאָל דער אפילו,
ווער געלערנט האָט, חלילה,
אין אַ חדר אַ מתוקן,
אָדער טוט ווען אַריינקוקען
אין אַזאַ „טאַנאַך״.

אויביג, אוביגע מלחמה!
אין פעראיין איז די נשמה,
אין פעראייניגונג איז כח,
אין פערבאַנד איז קאָפּ און מח
אחדות איז אַ זאַך!

ווי אין משל דעם בעוואוסטען
מיט דעם אַלטען, רייכען יוסטען
פויער, זיבען זיהן און גיטער,
מיט דעם בעזים, מיט די ריטער—
גאָלער שטיק מאָראַל:

אָט די זעלבע טאַקע ריטער—
זענען זיי בעזונדער, שיטער,
בעט פאַר זיי אַ הונד אַ ווייסען,
קאָנסט זיי ברעכען, קאָנסט זיי רייסען,
וואַרפען איבעראַל.

אָבער נעהמט מען זיי אינאיינעם
אין אַ בעזים אין אַ שענעם,
ענג פערבונדען, נישט צוריסען,
דאַמאָלס קאָן דער בעזעם שיסען
ווי אַ גענעראַל!

תברה אַרבייט, טוען „דיבּען״,
דיספּוטירען, קלערען, שוויצען
וועגען נייע ווערטער, פאָרמען,
וועגען אויסלעגעכץ-רעפאָרמען,
וועגען סטיל און כלל.

די גראַמאַטיק פון אַ בלאַטער
און דער פּשט פון פיפערנאַטער
אין אַ ברייטען רעפערענדום:
וועגען „הענדום״, וועגען „פענדום״
„פכע״.. און „פש״... און „עט״...

ד ע ר, צ י ד י, צ י ד אָ ס געמייזעכץ,
אַנבּעטראַכט און שאַלאַמייזעכץ,
שטאַנדפונקט, פינטעל-קוק; דער חלוק
פון די ווערטער „וואָלוועל״, „ביליג״
„דאַמאָלס״ און „העט-העט״.

ווי צו שרייבען העברעאיזמען:
אָהן איינהאָרע, צאָרע, פיזמען,
קלעזמער, באַלעבאָס און טאָנעס,
פּאַנים, סאָנים, און ראַכמאָנעס,
כאַסענע און געט.

אין אַנ׳אָווענד אין אַ שענעם
זאַמעלט מען זיך אויף איינאיינעם
און מען טראַכט מיט גרויס כּוונה,
ווי מען זאָל דאָס וואָרט „סכנה״
אויסלעגען ראַיעל.

טענה׳ט סאָלאָווייטשיק חנה:
דאַכט זיך, אַז דאָס וואָרט סכּנה
שוט פון לשון-קודש שטאַמען,
דאָך מיר אונזערע פּראָגראַמען
פעלשען נישט אַ האָר:—

מיר, אלס הייסע זשאַרגאָניסטען
וועלען אויסלעגען אומיסטען,
אויף צו־להכעיס די העברעער
און די אַלע ספּאָדיק־דרעהער
מיט אַ „סמך" נאָר.

זאָגט יאַכנוק: לויט מיין השערה
און מיין מיינונג, איז אַ סברה,
נאָר צו שרייבען ס'וואָרט „סכנה"
מיט אַ „ס". די כונה:
ס'קלינגט האַרמאָניש, העל.

דאָ שטעהט אויף ירוחם־גרונם,
גיט דערביי אַ נאָס אַ קליינעם,
ברענגט אין אָרדענונג די ברילען,
רוהיג מיט אַ קול אַ שטילען,
זאָגט ער אָט אַזוי:

„אונזער ליבער חבר חנה
איז אין ספק, צי „סכנה"
קומט אַרויס פון לשון־קודש.
איך, איך קאָן אייך זאָגען עדות
איך ווייס עס גענוי.

קלאָר, דאָס וואָרט שטאַמט פון העברעאיש;
און דאַרום, לכל הדעות,
דאַרף עס ווי אין שרש בלייבען,
על פי דקדוק דאַרף מען שרייבען
ריכטיג מיט אַ שין.

נישט אַ שין (איך וויל זיין לאָגיש)
נאָר אַ שין; אַזוי דעם דגוש
זאָל דאָס לינקע קעפּעל טראָגען,
ווי אַ „סין" זאָל מען עס זאָגען —
„שמאל" און נישט „ימין".

עולם הערט אַזעלכע תּורה —
ווערט צובושעוועט אַ מורא!
ליאַרעמט, שטורעמט, פלאַקער-פייער:
אַ העברעער גאָר אַ נייער
דאָ אויף אונזער קאָפּ!

נאַ דיר גאָר אַ גאַנצער ווייסער!
אַ בעל-דקדוק גאָר אַ גרויסער!
ווייס פון אַלע כּללים האַרבע
פול מיט תּורה און „ישוואַרבע" (עשרים וארבע)
ווי אַ פולער טאָפּ.

נידער מיט ירוחם-גרונם,
דעם אַזוינעם און אַזוינעם!...
און ירוחם דער אַזוינער
פליהט שוין מיט זיין פּעקעל ביינער
פון די טרעפּ אַראָב.

דער פּאָעט.

איך בעזינג נאַטור און געגענד,
די לבנה, שטערען, זון,
גרינע לאָנקעס, טייכען, בלומען,—
אָסור, אויב איך ווייס דערפון —
אַז איך וואוין גאָר אויף אַ בוידעם,
זעה נאָר הענגען ברודנע גרעט,
פּאַנאָראַמעס — שוואַרצע דעכער...
און איך הייס: נאַטור=פּאָעט.

איך קען זינגען אויך פון ליבע,
פון אַ מיידעל, קלאָר ווי שניי,
פייער-אויגען, גאָלדען-לאָקען,
בעקלעך — ווי די רויזען צוויי,—
און זיך האָבען אַ בעשערטע —
אַ געמעלעכץ פון אַ שד,
אַ פערזעהעניש אַ מוזע
פאַר דעם ליבענדען פּאָעט.

ווילט איהר, זינג איך פון אידעען,
פון דעם שטרעבען הויך און ריין,
פון די שענע אידעאַלען,
פון דער טוגענד... און אַליין —
אַי, רבותי, בין איך זינדיג,
ממש איינגעטונקט אין חטא;
בין אַנ'אַלטער בעל-עבירה
און פון טוגענד אַ פּאָעט...

הערט איהר זינגען מיר פון פרייהייט,
און פון קאַמף און העלדענטום,
פון געפעכט און באַריקאַדען,
פון דער פאָהן בעשפריצט מיט בלוט —
זאָלט איהר וויסען, אַז איך ליג שוין
גוט בעהאַלטען אונטער בעט,
און עס וואַרפט מיר אין קדחת,
דען איך בין אַ קאַמפּס-פּאָעט!...

כ'זינג אויך פון דעם פּראָלעטאַריער,
פון מאַזאָליעס אויף די הענד,
פון מאַשין און שווערער אַרבייט
אָהן אַ סוף און אָהן אַנ'ענד —
און אַליין דאָך מעסט די גאַסען
פון פריהמאָרגען ביז'ן שפּעט:
טו קיין האַנד אין קאַלטע וואַסער,
דען איך בין דאָך אַ פּאָעט!

איך בעזינג די קונסט און שענהייט,
און די געטליכע האַרמאָניע,
רייכע פאָרמען און עסטעטיק,
און די שענהייטס-פּאָעזיע: —
דאָך ביי מיר דער ראָק, מחילה,
איז צוטרענט אויף אַלע נעט
און די פלודערלאַך פערשליומפּערט,
ווי עס פּאַסט פאַר אַ פּאָעט.

די פרעסע און דער זשורנאַליסט.

עס לעבען אין קאַמף ביי אונז צייטונגען פיר,
צום עהרע און גליק פון דער אומה.
שרייבט איינע „די פגע", אַ בריוועל צו מיר,
און מאַכט זיך אַ מינע אַ פרומע:

„אַדון ליטעראַטאָר! איהר האָט דאָך געהערט
פון יענע הולטאַיקע, מיין שכנה,—
דאָס בלעטעל „די וואַנץ", וועלכע קאָרמעט און נעהרט אונז
מיט זנות און מיט מעשות געמיינע.

טאָ זייט אַזוי גוט, ליבער העך ליטעראַט,
און זידעלט אויס מיין קאָנקורענטין
און נעהם אויפ'ן צימבעל דאָסדאָזיגע בלאַט,—
עס זאָל שוין פערזאָגען אַ צעהנטען..."

בעקומען דאָס בריוועל,—בין איך מיר נישט פויל
און טאַקע אין יענעם טאָג גופא
בעשאַף איך אַ מאמר, וואָס נעהמט אָן אַ גרויל,
פערטייל שוין די מיאוסע חצופה!...

און וויין אויף די צניעות און ליאַרעם און קלאָג
און אַלץ מיט דעם טײַערסטען לשון
און שרייב מיר זיך אונטער: „אַ נעכטיגער טאָג",
און כאַפּ מיר דערביי אַ פּאָר גראָשען...

דאַן קומט זי, „די וואַנץ", ווי אַ הייליגער תּם,
און שרייבט מיר: „געעהרטער קאָלעגע,
איהר האָט דאָך, אַ שטייגער, געזעהן, מן הסתּם,
מיין שכנה, דאָס בלעטעל „די פּגע".

איהר לייענט איהר בייע רעקלאַמע אַדורך,
מען דאַרף דאָך אַרויס פון אַ כּלי!
טאָ זייט אַזוי גוט און דערלאַנגט איהר אַ שטורך,—
אַרויס זאָל איהר טאַקע די זיילע!

פערגיט איהר אַזוי מיט'ן אמת'ן קנאַק!
אַזוי, אַז זי זאָל זיך בעגראָבען!
מיר צאָהלען פער שורה כּמעט אַ פּיאַטאַק!
אויב גוט, וועט איהר מעהרער נאָך האָבען!...

באַלד נעהם איך שוין ווידער די פענע אין האַנד,
און טייל איין „די פּגע" מיט מכּות
און יאָמער: „די פּרעסע, אוי וועה, איז אַ שאַנד!"—
און כאַפּ מיר שוין ווידער פּיאַטאַקעס!...

באַלד שרייבט מיר „די פּגע": „דער נודניק" איז שונד!
הייבט פּרעמיעס!—נו האָט דאָס אַ צורה?

טאַ זייט אַזוי גוט און פערטיילט איהם, דעם הונד!
מיר צאָהלען אַ גילדען אַ שורה!..."

איך מיין, פאַרוואָס נישט? אַ גילדען איז מעהר!
מען ווייס מיך, אַפּנים, צו שאַצען.
אַט וועל איך צום „נודניק" זיך געבען אַ קעהר,—
ער וועט זיך שוין האָבען צו קראַצען!...

און נעהם אויפ'ן בענקעל דעם „נודניק", דעם לץ,
און קאַטעווע, בראָק איהם און האַק איהם!
און שרייב מיר זיך אונטער: „ר' שמענדריק בן גץ"—
איך האָב מיר שוין ווידער ממתקים!...

באַלד קומט מיר אַ בריוועל אַ פירטער צוגעהן
פון סאַמע רעדאַקציע „די בלאָכע":
„אונז וואונדערט, וואָס איהר, אונזער נביא און קרוין,
פערשווייגט זיי, די גאַנצע משפחה!

אוי וועה, ווי עס גריבעלט די פּרעסע מיט זינד,
מיט ליגענס און זנות און „גורלות"!
אַ מאַרק איז די פּרעסע געוואָרען אַצינד,—
מען זידעלט זיך ווי בעלי-עגלות.

טאָ זאָגט-זשע אַרויס אייער ברענענדעס וואָרט,
איהר טאָרט זיך אַצינד נישט בעהאַלטען;
מיר גיבען פאַר אייער סאַטירע אַן אָרט
אויף אונזערע בלאָכישע שפּאַלטען.

און שרייבט פאַר איין וועג, אַז דער יודישער גלאַנץ
איז דוקא די מוטיגע „בלאָכע",
און ווייטער—„די פּגע", „דער נודניק", „די וואַנץ"—
אַ וועהטאָג צו זייער מערכה!"...—

איך מאַך מיר קיין שהיות—די פענע אין האַנד,
אונ גורט-אָן די לענדען מיט גבורה!
פערשאָב מיר די גאַנצענע כּנופיה—אַ בראַנד!
און קריג מיר בעצאָהלט פון דער שורה.

— — — — — — — — — — — — —

פיר צייטונגען שטעהען ביי אונז אויף דער וואַך,
און קעמפען פאַר אמת און יושר—
און איך בין דער נביא, דער קינסטלער פון שפּראַך
און לעב מיר דערווייל ווי אַ קיסר!...

יום-טוב'דיגע ליטעראַטור.

(אַ לעקציע.)

מיינע דאַמען און הערען.

ווען מיר רעדען וועגען יום-טוב'דיגע ליטעראַטור, מיינען מיר כלל ניט די ליטעראַטור, וואָס איז „יום-טוב'דיג", וואָרום יום-טוב'דיגע ליטעראַטור קען גראַדע זיין ניט גאָר „יום-טוב'דיג", פונקט, ווי אַ לידעל וועגען אַ פויגעל קען זיין גאָר ניט „פויגעל-דיג" און ווי אַנ'אַרטיקעל וועגען געזונד גיט מאַנכעסמאָל קיין געזונד ניט צו. מיר רעדען פשוט וועגען דעם סאָרט ליטעראַטור, וואָס ווערט געשריבען לכבוד יום-טוב.

יום-טוב'דיגע ליטעראַטור, — דאָס איז אַזאַ מין סאָרט אינדוסטריע, וואָס ווערט זעהר שטאַרק פּראָדוצירט אין אַ פאַר-יום-טוב סעזאָן. און אַזוי ווי יעדער איינער איז נייגעריג צו וויסען ווי אַזוי אַזאַ מין סאָרט „סחורה" ווערט געמאַכט, געבען מיר אַלזאָ אַ גענויע אָבהאַנדלונג וועגען דאָז שאַפען, פּראָדוצירען און טעכניק פון דער דאָזיגער פאַר-יום-טוב'דיגער „סחורה". און טאָמער וועט זיך טאַקי איינער אַ שלימזל, ווען עס געהט, לא עליכם, ניט אין קיין אַנדער מלאכה, ווי מאַכען שוה-וואַקס, דייך, טינט שמאַראָווידלי און נאָך אזעלכע שמירעכצען, וועלען אַריבער-

געהן אין דער נייער בראַנזשע פֿון יום־טובֿ'דיגע ליטעראַטור־מאַכע־רײַ, זאָל ער וויסען, ווי אַזוי דאָס ווערט געמאַכט. אייגענטליך איז עס ניט גאָר נויטיג. מחמת מאַנכע פֿון די פּראָפעסיאָנעלע ליטעראַטור־מאַכערס הויבען ניט אָן צו וויסען ווי אַזוי מ'מאַכט עס און שאַפֿען סיי ווי סיי...

יום־טובֿ'דיגע ליטעראַטור, ווי ליטעראַטור אין אַלגעמיין, צו־פֿאַלט אויף 4 צווייגען:

1) פּובליציסטיק אָדער לייט־אַרטיקלען.

2) בעלעטריסטיק אָדער ערצעהלונגען.

3) פּאָעזיע אָדער לידער

די קונסט פֿון שרייבען יום־טובֿ'דיגע לייט־אַרטיקלען בעש־טעט אין דעם, וואָס איהר מוזט דעם יום־טובֿ איינזעצען און אויסטייטשען לויט דער וועלט־אַנשויאונג און פּאַרטיי־פּראָגראַם, וואָס איר רעפּרעזענטירט. דאָס איז אייגענטליך ניט גאָר שווער, מחמת אַ יודישער יום־טובֿ איז געגליכען צו אַ גומי־לאַסטיק און צו דעם מן אין מדבר. איר קאָנט איט ציהען אין וועלכע ריכטונג איר ווילט און געפֿינען דאָרט וועלכען טעם איר ווילט.

אַזוי, למשל, ווען עס קומט דער ליבער פּסח און איר זענט אַ נאַציאָנאַליסט, איז אייך גוט ווי די וועלט. איר קענט גלייך אַרויס מיט לשון:

אָה, הייליגער יום־טובֿ! אָה, הייליגער פּסח! אָה, געטליכער משה!... אָהאָ! יום־טובֿ־בעפֿרייאונג! אָה, בעפֿרייאונגס־יום־טובֿ! אָה, ליכטיגער פֿייערדיגער עמוד האש פֿון אונזער גלות־וועג! אָה, זמן חרותינו! דער יום־טובֿ פֿון אונזער פֿלאַקערדיגען בעוואוסטזיין און בעוואוסטזיניגען פֿלאַקער! דער צויבערדיגער כשוף־דענקמאָל פֿון אונזער בעפֿרייאונג און די בעפֿרייאונג פֿון אונזער כשוף'דיגען דענקמאָל! דער יום־טובֿ פֿון נאַציאָנאַלען פֿאָלקס־שטאָלץ און דער שטאָלץ פֿון דער פֿאָלקעדיגער נאַציאָן! אָ דער גלות! אָ ישראליק אָ! אָ! אָ!...

אז"ו, אז"ו. איר קענט די דאָזיגע השתפּכות הנפֿש אָנהאַל־טען, ווי לאַנג איר ווילט.

דאָס זעלבע, ווען איר זענט אַ ראַדיקאַל, אַ פאָרגעשריטענער, אַ לינקער, קענט איר דעם גאַנצן יום־טוב נעהמען אויף דעם גאָר ראַדיקאַלישן צימבעל:

משה! וועלכער האָט געפירט די ארבייטער קלאַסע מיט דער מאַסע לויט זיין רעוואָלוציאָניסטיש־מאַרקסיסטישען פראָגראַם, האָט זיך ניט געקענט צופאַסען צו די סאָציאַל־עקאָנאָמישע בעדינגונגען און עקאָנאָמישע לעבענס־פאָרמען פון פתום ורעמסות און דעריבער האָט ער געקעמפט מיט די פינס־טערע אָרטאָדאָקסען און פאַנאַטיקער, מיט זייערע פערשי־מעלטע מנהגים, ווי בעור־חמץ, אפיקומן, הגדה. און מיט אמת'ר פּראָלעטאַרישער בעגייסטערונג האָט ער געשריען: נידער מיט דעם חרוסת!

אין פאַל ווען, איר זענט אַ איד פון אַ גאַנץ יאָר, ניט מילכיג ניט פליישיג, נאָר אַזוי זיך אַ פּאַרעווער יוד, הייסט עס, און איר ווילט שרייבען אַ יום־טוב'דיגען לייט־אַרטיקעל פאַר אַלע פּאַרטייען און יוצא זיין פאַר דער גאַנצער וועלט, קענט איר זיך בענוצען מיט פאָלגענדען קורץ־שורה־דיגען נוסח:

פסח
מילא, פסח איז פסח!
וואָרום פסח איז ניט שבועות,
און ניט חנוכה,
און ניט פורים,
און ניט שושן־פורים אפילו.
אָ, ניין, פסח איז ניט קיין הענגלייכטער,
און ניט קיין ניי־מאַשין,
און ניט קיין אַעראָפּלאַן.
פסח איז פסח!
און פסח איז אַ יום־טוב!
אַ יום־טוב איז פסח!
פסח אַ יום־טוב איז!
און אַזוי כסדר.

ווי איר זעהט איז דאָס נאָר אַ גלענצענדער

נוסח. ראשית, אויב איר שרייבט פון שורה, קענט איר ממש גליקליך ווערן. והשנית, דאַרפט איר קיין סך ווערטער אויך ניט האָבען. מיט דריי ווערטער קענט איר אויפטהון גרויסע גבורות. איר דאַרפט בלויז די דריי ווערטער בייטען און טאַשען ווי קאָרטען אָדער, להבדיל, ווי דעם „לישועתך קויתי ד׳" אָ־ע־ דעם „מכשפה לא תחיה".

אין פאַל, ווען דאָס איז אייך אויך שווער, איז דאָ נאָך אַ מיטעל: איבערשרייבען אַ פאַראַיאָריגען אַרטיקעל. איר קענט אַפילו נעמען אַ סוכות׳דיגען אַרטיקעל און איבערשרייבען אויף פסח, אָדער אַ שמיני-עצרת׳דיגען—אויף שבת-נחמו. איר דאַרפט בלויז דעם נאָמען פון יום-טוב אומבייטען און יוצא.

אַצינד געהען מיר איבער צו דעם צווייטען מין ליטעראַטור וואָס רופט זיך בעלעטריסטיק אָדער ערצעהלונגען.

מיטלען, ווי אַזוי צו שרייבען יום-טוב׳דיגע ערצעהלונגען, זענען פאַראַן עטליכע: דאָס בעסטע מיטעל איז צונעמען אַ געוועניכען כתב-יד (און וועלכער יוד האָט עס ניט קיין כתב-יד?), עפּעס אַנ׳ערצעהלונג. אַ מעשה מיט אַ רב מיט אַ רביצין, צי מיט אַ כלי-געזישען באַגדיכאַן, אָדער פון 12 גזלנים מיט אַ בת-מלכה, און פון אויבען אויפשרייבען: אַ מעשה לכבוד פסח, סוכות, שבועות—עס ווענד זיך, אויף וועלכען יום-טוב אייער ערצעלונג געהט.

זאָל אייך ניט אַרען, טאָמער געפינט זיך ניט אין דער גאַנצער ערצעלונג קיין זכר און קיין רמז פון דעם אויבענדערמאָנטען יום-טוב. קיין גרעסערע דאגות זאָלען מיר ביידע אויף אונזער גאַנצען לעבען ניט האָבען.

ווילט איר נאָך מער יוצא זיין, ניט איר צו צום אָנפאַנג פון אייער ערצעלינג נאָך אַ שורה: „געוועזן איז עס אום פסח", צי אום „סוכות", צי אום „שבועות". און טאָמער געפינען זיך אין אייער ערצעלונג דאָרט אַזעלכע אויסדריקען ווי „דער טייך האָט זיך געשטעלט", „אויפ׳ן פעלד האָט מען געשניטען קאָרען", „געלע בלעטער זענען פון די בוימער געפאַלען" וכדומה אַזעלכע פראַזען וואָס פאַסען גאָרניט צו דער בעטרעפענדער צייט זאָלט איר זיך אויך דאָס האַרץ ניט אָבעסען. אַלמאי וואַקסען ביי אונז „צעדערען אין שקלאָוו"? אַלמאי שטעהט ביי אונז „אַ לבנת-

צאַלט אין סוף חודש"? וכדומה אַזעלכע נאַטירליכע ערשיינונגען?

ווילט איר, אַז אין מיטען פון אייער ערצעלונג זאָל אויך דערמאָנט ווערען דער יום-טוב, קענט איר עס טון אויף אַזאַ אופן: למשל אין אייער ערצעלונג איז דאָ אַ העלד, און דער העלד דאַרף זיך דערווערגען, דאַן קענט איר דעם יום-טוב דאָ זיכער אַריינקוועטשען: אום פסח, למשל, וועט איר אים דערווערגען מיט אַ קניידעל, אום פורים — מיט אַ המן-טאַש, אום סוכות — מיט אַ לולב אז"וו.

טאָמער האָט אייך גאָט מזכה געווען מיט אַ קאַפּריזנעם רעדאַקטאָר אָדער אַרויסגעבער, וואָס וויל דורכאויס, אַז אייער ערצעלונג גופא זאָל זיין טאַקי פון דעם עצם יום-טוב, דאַרפט איר אויך ביי זיך ניט אַראָבפאַלען. נעמט אַ פעדער און שרייבט אַ יום-טוב-בילד. אין אַ נויט קענט איר שרייבען גאָר "יום-טוב-זכרונות פון די קינדער-יאָרען„ און דאַן האָט איר פאַר קיין קריטיקער ניט, וואָס מורא צו האָבען, און נ"ט דער רעדאַקטאָר און ניט דער אַרויסגעבער וועלען אייך קענען אַנווייזען אויף חסרונות, וואָרום מאַלע וואָס אַ קינד קען אָבטון...

על כל פנים הויבט איר אָן:

עס גייט צו פסח, דער טרעגער האָט געבראַכט מצה,
האָט אַוועקגעשטעלט די מצה. איך האָב גענומען אַ שטיקעל
מצה, געגעסען מצה. דער טאַטע האָט געמאַכט קניידלאַך.
די שוועסטער האָט געשטויסען חרוסת. די דינסט האָט געלעגט
אַן עירוב-תבשילין אז"וו.

אָט האָט איר אַן אמת פסח-בילד, אַ ריכטיגע נאַטור-טרייע יום-טוב'דיגע שילדערונג מיט אַלע קלייניגקייטען.

יעצט קומען מיר צו דעם שווערסטען טייל פון אונזער אָבהאַנדלונג—צו דער פּאָעזיע.

פּאָעזיע, ווי בעוואוסט, אונטערשיידט זיך פון פּראָזא דורך גראַמען. שרייבט איר גראַמען, הייסט עס, אַז איר זענט אַ פּאָעט און איר שרייבט פּאָעזיע. למשל, ווען איר זאָגט: „דו ביזט אַ פּעטאַק, אַ לאָקש, אַ חזיר, אַ ניכפּה זאָל דיר כאַפּען", הייסט עס פּראָזא. נאָר ווען איר שרייבט:

אריוק, חריוק!
חזיר שנוק!
גיב זיך אַ רוק!
דו ביסט אַ חמריוק!

הייסט עס פּאָעזיע. אַזוי איז ווען איהר ווילט שרייבען יום-טוב-פּאָעזיע דאַרפט איר גוט אַכטונג געבען אויפ'ן גראַם, מחמת דער געדאַנק און דער אינהאַלט אין פּאָעזיע איז לוא דוקא.

דאָ האָט איר אַ מוסטער פון אַ פּסח-ליד:

פערצען טעג אין ניסן
דאַרפען אַלע וויסען,
אַז פון ברויט דאַרף מען ניט געניסען.
און מען דאַרף ניט פערגעסען,
אַז נור מצות דאַרף מען עסען.
די מצות דאַרפען זיין אָן שמאַלץ,
אָהן פוטער און אָהן זאַלץ.

אז"וו אז"וו.

פסח איז איבערהויפּט אַ גליקליכער יום-טוב פאַר לידעל-שרייבער. אום פסח האָט איר אַזויפיל זאַכען, מאכלים און אַטריבוטען, אַז איר קענט אויף יעדע זאַך מאַכען אַ לידעל. מצה, הגדה, מרור, כוסות, אַרבעה בנים, מכות, חרוסת, קניידלעך, חרעמזלעך און יעדע זאַך בעזונדער איז אימשטאַנד צו בעגייסטערען דעם אמת'ען פּאָעט, און איר קענט ממש שיטען מיט לידלעך, ווי כ'ון אַ לעבערדיגען זאַק...

אָט זעט איהר ווי אַזוי אַ איד איז בודק חמץ און איר שרייבט אַ ליד:

ער טוט אין אַלע לעכער קריכען
דאָס טוט ער ברויט זיכען
ער זוכט און טאַפּט,
מיט'ן לעפעל קלאַפּט
און מיט'ן פלעדערוויש ווישט
און ער שאַרט און ווישט.
אַלץ אום ער זאָל קענען

מאָרגען דעם חמץ פֿערברענען...

דערזעהט איר ווי, מען שטייסט חרוסת, שרייבט איר אַזאַ ליעד:

אַז מען איז אַ גוסס
קען מען ניט שטויסען קיין חרוסת.
חרוסת עסט מען צו די ארבע כוסות.
חרוסת מאַכט מען פֿון ניס.
פּעטשא מאַכט מען פֿון קעלבערנע פיס...

אָט דאָס איז די מעטאָדע, ווי אַזוי צו שרייבען יום-טוב'דיגע ליטעראַטור, ווי איר זעהט, איז עס גאָר ניט אַזוי שווער.

ציבעלע.

(אַ קאַפּיטעל פּאָפּולערע װיסענשאַפט נאָך ב. פּײַנענבוים).

די פילאָלאָגיע.

ציבעלע הײסט אויף רוסיש ציבוליאַ, אויף פּויליש — פּשעציבוליאַגאַ, אויף פראַנצויזיש — ציבוליאַן, אויף דײטש — צװאַ-באַליאַ, אויף איטאַליעניש — ציבוליאַטאַ, אויף לאַטײניש — ציבו-ליראַטוס, אויף היספּאַניש — ציבוליקאַדאָראַ, אויף כינעזיש — ציבו-לי-כו-שינ-שאַן, אויף האָטענטאָטיש — ציבולי-דו-דו, אויף בוש-מעניש — ציבולידריפּאָ, אויף אַראַמיש — ציבעלותאַ, אויף ציגײ-נער-לשון — ציבעלעקוטשע-מעטשאַ...

די װיסענשאַפט.

ציבעלע איז אַ מין סאָרט געװיקס — זאָגען די פראַנצויזי-שע געלעהרטע — װאָס װאַקסט פון דער ערד און דוקא אײ-זומער און דוקא אין אַ גאָרטען, װאָס האָט אַ געפלאָכטענעם פּלויט. און טאָמער האָט דער גאָרטען קײן געפלאָכטענעם פּלויטן װאַקסט עס אָהן דעם אויך. די דײטשע געלעהרטע זײַנען מיט זײ מסכים. עס װאַקסט אין אַלערלײ גרויס. אַ גרויסע ציבעלע הײסט ציבעלע. אַ קלײנע ציבעלע הײסט: ציבעלקע. און נאָך אַ קלענערע הײסט: ציבולקעלע. און נאָך אַ קלענערע הײסט: קלײנינקע אָדער מאָנטשינקע ציבולקעלע.

די נוצען.

עסען עסט מען ציבעלע מיט רעטאַך, מיט שמאַלץ, מיט אייער, מיט אוגערקעס און מיט לעבערלעך, נאָר אַז מען ווילל, קען מען די אַלע זאַכען עסען אָהן ציבעלע.

געשמאַק איז ציבעלע ניט ווי אַנאַנאַס, למשל, און דער ריח פון אַ ציבעלע איז ניט ווי דער ריח פון אַפּעלסינען, אָדער אתרוגים, פונדעסטוועגען עסען דאָס יודען צו די סדרים. נאָר אונטער אַן׳אַנדערען נאָמען: „פּעטרישקע“. זיי שניידען דאָס טאָ־לערוויַיס און טונקען איז זאַלץ־וואַסער און מאַכען דערביי ניט „שהחינו“, ווי למשל, אום ראש־השנה צו די וויינטרויבען.

פילאָזאָפיע און מעטאַפיזיק.

אַ מאָדנע פערבאָרגענע קראַפט פערמאָגט אַ ציבעלע דער־מיט, וואָס זי רופט־אַרויס מענשליכע טרעהרען. דיזע ערשיינונג איז נאָך ביז צו היינטיגען טאָג איינע פון די גרעסטע און טיפ־סטע נאַטור־סודות, וואָס דער מענשליכער פערשטאַנד איז ניט ביכולת צו בעגרייפען. דער כעמישער אַנאַליז האָט בעוויזען, אַז די טרעהרען, וואָס אַ ציבעלע רופט־אַרויס, און די טרעהען פון אַ פרוי, ווען זי פערלאַנגט אַ נייעס הוט, און די טרעהרען, וואָס ווערען אַרויסגערופען ביי אונזערען אַ טראַגיקאָמישען פורים־שפיל, — זענען פון איין און דעמזעלבען סאָרט און דעריבער רופט מען זיי אַלע — ציבעלע־טרעהרען.

דער הומאָריסט.

ווען איהר זעהט איהם ווי ער זיצט אַזוי אין טרויע
און צורייצט:
דעם שטערען טיף צוקנייטשט
און קראַצט זיך יעדע רגע אונטער אויער,
עצבות'דיק און זויער,
ווי ער וואָלט, חלילה, שבעה יעצט געזעסען
און זיין פּנים—ווי ער וואָלט אין מיטען דרינען
אַנדערטהאַלבען טוץ ציטרינען
אויפגעגעסען, —
מיינט ניט, אַז ער איז, חלילה, ניט בקו הבריאה גראַדע
און דער לעבער טוט איהם וועה אַודאַי;
אָדער ער איז גאָר אַנ'אשה און ער געהט אַצינד
צו קינד—
ניין! דאָס זיצט
ער איצט
פערביטערט און פערשוויצט
און ס'וואַרפט איהם ווי פון קעלט און היץ...
שאַ!... ער שאַפט אַ וויץ!

וודאַי
איז ער, דער דיכטער-הומאָריסט, פֿון גאָטעס גנאַדע,
נאָר ער האָט אַ מוז" אָנשטאָט אַ מוזע:
זיין רעדאַקטאָר גיט איהם נישט קיין „זוזא,
כיידען, זאָגט ער, ער זאָל מאַכען
לאַכען
זיינע לעזער מיט פּיקאַנטע זאַכען.
דאָס איז ער, דער דיכטער-לץ,
געשוואָרען נאָר צו שרייבען, קיצלען, שאַפֿען, דיכטען
און צו פּעפּערען פּאָטראַוועס און געריכטען,
אַז דער עולם זאָל פֿון לאַכען פּלאַצען...
זיצט ער דאָס אַצינד פֿערביטערט,
און ביי איהם אין האַרצען וויטערט,
ווי עס וואָלטען דאָרטען ראַצען
הונדערט קעץ.
און די בלאַסע ליפּען זיינע מורמלען ביינ,
גערוויין:
„צו אַלדע שוואַרצע יאָהר!"...—
שש... ער שאַפֿט הומאָר!